STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00799

HARBST MIT ZUN

Volf. Tambur

Permanent preservation of this book was made possible by
Jacob & Gertrude Dein
in honor of
their daughters Susan, Judy & Shelly

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלף טאַמבור

האַרבסט מיט זון

הילע: סערדזשו דינקולעסקו



וואָלף טאמבור

הארבסט מיט זון

(דערציילונגען)

פארלאג קריטעריאָן
בוקארעשט
1980

אין באנד:

זוניקער הארבסט (דערציילונגען) — 7

א פאראנטעז (הוספה צון א ראָמאַן) — 125

המשך (א חזיון) — 221

מודעה

פון פארצייטנס איז שוין באוואוסט, אז סיי וואָס פאר אַן אומוועררדיקער אויס-דרוק ווי „גוי", שונא-ישראל און דאָס גלייכן, וואָס ווערט אפשר דער-מאנט אין דאָזיקן בוך, מיינט חלילה נישט דיע פון אונדזער מדינה. נאָר אד-רבה, מיר באמיען זיך פארן שלום און וואויל פון אונדזער מלוכה, אין וועמענס שאָטן מיר געפינען רו און מקלט און די מעגלעכקייט צו פארעפנטלעכן א יידיש בוך אין א מלוכה-פארלאג. סע ווערן געמיינט בלויז יענע פון פאר-צייטנס, וואָס האָבן אָנגעטון צרות פאר די אייניקלעך פון אברהם, יצחק און יעקב. נישט אזוי ווי דאָס איצטיקע מלכות פון חסד וועמענס שכר סע וועט נישט געמינערט ווערן.

איטלעכס וואָרט פון דאָזיקן בוך איז נישט מער ווי פון פּראָסטע מעשיות, סע שטעקן אין זיי נישט קיין שום פארבאָרגענע סודות אָדער כוונות, נישט אין די שורות און אוודאי נישט צווישן די שורות. מע דארף בכן זיין גע-וואָרנט נישט צו דרינגען קיין שלעכטס פון אָנדייטן, וואָס זענען נישט געמאכט געוואָרן בכיוון. אדרבה, מע דארף זיך אָפּלערנען א מוסר ווי אזוי צו גיין אויפן דרך-הישר, וואָס זאָל זיין, ווי מע זאָגט „רעכט פאר גאָט און שיין פאר לייט".

אויך איז יעדן באקאַנט דער גרויסער איסור פון מסיג-גבול זיין, און אז א מענטש קאָן פארביטן דאָס וואָס געהער אים. מחמת דעם בין איך מודיע, אז איך פארזאָג יעדן איינעם איבערצודרוקן דאָס דאָזיקע בוך אָן מיין אָדער מיין זונס רשות, ווייל דאָס איז מיין פארמאָג און מיין זונס איינציקע ירושה.

ווידער מסכים זיין קאָן איך נישט, ווייל וועגן מאנגל אין יידיש-לייענער וועט ער נישט געפינען קיין קונים אויף צו דעקן אפילו איין פראָצענט פון די הוצאות. ווייל איך נישט גורם זיין קיין שאָדן דעם ארויסגעבער. און ווער סע וועט מיך פאָלגן וועט באהיט ווערן פון איבעריקע דאגות. ער וועט ווערן אויפגעראָכטן און געבענטשט מיט אל דאָס גוטס ביז איבער און געווג.

דער מחבר

זוניקער הארבסט

אַנשטאָט א מאָטאָ

פארצייטנס האָבן מחברים געשוינט צו לאָזן ליידיק א זייטל אין זייערע חיבורים, האָבן זיי ליבער דאָרט געשטעלט אַן ענין, וואָס האָט קוים געהאט א שייכות צום ספר. וועל איך נאָכטון אַן אַלטן מינהג און נישט לאָזן קיין איינע פון די 248 זייטן ליידיק:

קודם וועל איך פאראפראזירן דעם נביא ישעיה (ד—א): און זיבן יידיש-שרייבער וועלן זיך יאָגן נאָך איין איינציקן יידיש-לייענער און וועלן אים זאָגן: נא דיר במתנה א יידיש בוך, לגמרי בחינם. נישט נאָר בעטן מיר נישט זיין פרייז, נאָר אדרבה, מיר צאָלן דיר נאָך צו, נאָר זאָלסט עס נישט פארשעמען און אננעמען. דערנאָכדעם, אויב דו וועסט האָבן דעם גוטן ווילן, וועסטו עס אפשר אויך לייענען...

אויב אזוי, פאר וואָס זשע שרייבט מען? איז דער תירוץ, ווייל מע קאָן נישט שווייגן. זאָגט דאָך א ווערטל (יומא מה): „ווען א מענטש האָט דאגות, זאָל ער זיי דערציילן פאר אַנ-דערע". אפילו דער געפייניקטער איוב (לב—כ) האָט אויך גע-זאָגט: „וועל איך רעדן כדי סע זאָל מיר לייכטער ווערן".

אזוי ארום דערגייט מען צו דער מסקנה (בבא—בתרא פט): „אָך איז מיר צו זאָגן און וויי איז מיר נישט צו זאָגן". ווערט טאקע געזאָגט (ירושלמי חגיגה ב): „די תורה איז גע-גליכן צו צוויי וועגן, איינער פון פייער און דער צווייטער פון שניי; גייט מען אויפן ערשטן ווערט מען פארברענט, גייט מען אויפן צווייטן ווערט מען פארפרוירן — איז די עצה צו גיין אין מיטן". בכן, פענדולירט מען צווישן נישט-פארשווייגן און נישט-דער-זאָגן, הגם סע שטעלט זיך די פראגע (בן-סירא ג-כב): „צו וואָס טויג פאָרשן דאָס פארהוילענע, צו פארשטיין דאָס אומבאקאנטע, ווען פארבאָרגן בלייבט אפילו דאָס געזעענע מיט די אייגענע אויגן?"

טרייסט מען זיך (מדרש משלי כב): „פאר א חכם איז גענוג בלויז א וואונק"...

זוניקער הארבסט

(ווידמונג)

זון אין הארבסט? אמת, סע קלינגט טאקע א ביסל ווי פאראדאָקסאל. די צוויי ווערטער זענען כמעט קעגנגעזעצטע באגריפן. הארבסט איז געוויינטלעך אָנגעזאפּט מיט טונקלע פייכטע וואָלקנס, אויב נישט ממש מיט קילע גע־דיכטע טראָפּנס רעגן, וואָס פארטייבן דעם לעבנסווילן. זון, ווידער, איז א ליכ־טיקער ברענענדיקער קנויל מיט ווארעמע שטראלנדיקע פעדעם, וואָס קיצלען און מונטערן די סאמע שוואכסטע לעבנסנערוון...

און דאָך, געשעט אז מע זאָל דערלעבן. חבר זעלמאנהיים איז דאָך גע־קומען צו דער מסקנה, צוזאמען מיט מיר, אז ער לעבט איבער א זוניקן הארבסט, און דאָס א דאנק דעם גינציקן ווינט וואָס בלאָזט זינט א צייט אין אונדזער נייעם יידישן געצעלט.

סע קאָן ווידער זיין, אויך דאָס איז אמת, אז דאָס זאָל עמעצן אויסזען אז סע קלינגט א ביסל סוביעקטיוו, אָבער דאָס קאָן קיין סיבה נישט זיין, אז מע זאָל נישט אָנרופן דאָס קינד ביים נאָמען, ביים ריכטיקן נאָמען.

נאָכן פילן וואָגלען פון חבר זעלמאנהיים איז מיד געווען נישט בלויז זיין גוף, נאָך נאָך מער איז געווען איבערגעלאָדן זיין נשמה. וואָס איז דער חידוש? מיט די „פיס“ איז ער דאָך אויסגעווען א „וועלט“ און מיטן „קאָפּ“ האָט ער דאָך אויסגעדינט כמעט אלע עבודה־זרהס... האָט ער דאָך אָנגעהויבן זיין דערנערדיקן וועג נאָך אין זיינע „פרילינגדיקע“ יאָרן, וואָס זענען טראָץ דער נאטור געווען פארוואָלקנטע, האָט פאָרגעזעצט אין די „זומערדיקע“ יאָרן, אין וועלכע סע האָט אומגעוויינטלעך אָפּט גערעגנט, געבליצט און געדונערט, און שיער־שיער אים נישט אוועקגעלייגט ווי א בוים וואָס איז אויסגע־וואָרצלט געוואָרן פון א שטורעם.

איצט, אמת, איז ער שוין פונקט ווי איך אין די „הארבסטיקע“ יאָרן. זיי־נע אמאָליקע געלאָקטע האָר זענען פארבליבן ערגעץ וואו בלויז אין זכרון.

און דער זכרון גופא איז שוין אויך כמעט פליכעוואטע, אָבער אז דאָס מזל וויל ׳שענקט עס א קאפעלע פרייד און די זון שיינט אויף אין סאמע הארבסט.

און די זון האָט אויפגעשיינט פאר אים, פאר חבר זעלמאנהיימען, פאר זיין פרוי רבקה (חברטע רעבעקא!), פאר זיין זון דעם דאָקטאָר, פאר זיין טאָכטער דער אָפּערעזינגערין, מיט איין פוס אין גיהנום, מיטן צווייטן אין גן-עדן...

איז אז א מענטש (א ייד איז צו מאָל אויך א מענטש!) דערלעבט אויף זיין עלטער, אחוץ שרייבן א יידישע מעשה, אויך א ביסל נחת פון די קינדער, האָט עס נישט פיל מער ווערט ווי א ביליקער ליטעראטורפרייז?

אויפגעריכט צו ווערן אויף דער עלטער, א שיבה-טובה, איז תמיד געווען א ברכה פון גאָט.

יאָ, ווי אזוי מאכט מען א ברכה איבער א זון מיט א רעגן?

אָנשטאָט א ברכה זאָל זיין געווידמעט פארן חבר זעלמאנהיים דער גרעסערער חלק פון דאָזיקן בוך „זוניקער הארבסט" און דער קלענערער חלק זאָל מיט באשיידנקייט זיין געווידמעט דעם מחבר גופא...

אָפּפאַל

א

מע קאָן מיר גלייבן אז איך האָב זיך געגנוג געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ דערציילן — נישט דערציילן? און דאָס נישט פון היינט צי פון נעכטן. עס איז פארגאנגען איבער דריי צענדליק יאָר זינט איך האָב דערמאנט נאָר בדרך אגב וועגן יענעם האָקוס־פּאָקוסניק, וועלכער פלעג ארומלויפן אין א מארק־טאָג מיט זיין פינגערהוט־שפּיל: „דאָ איז עס, דאָרט איז עס, וואו איז עס? — פאר פינף לעי גיב איך צוואָנציק לעי, פאר צוואָנציק לעי גיב איך הונדערט לעי"...

גלייבט מיר, אז עס איז מיר זייער שווער געווען זיך צו אנטשליסן היינט נאָך אוישוויץ, צו גיין דערציילן וועגן אזעלכע מעשים... אָבער, סוף־כל־סוף האָב איך זיך געטראכט: אויב מע דערציילט וועגן סאמע צדיקים און קדו־שים, וועגן מאראמאָרעשער פּשוטע מענטשן פון אלע טעג פון א גאנץ יאָר, וועלכע האָבן אויב נישט געלערנט ש"ס און פּוסקים, אויב נישט אפילו קיין פרק משניות — האָבן זיי כאָטש געזאָגט א קאפּיטל תהילים, אויך דעמאָלט ווען זיי האָבן אָפּגעטון אזעלכע נישט הייליקע טועכצן ווי אָנפּאָיען אָדער אונטער־טרייבן די אָקסן צי די פערד; אויב מע דערציילט, ווי געזאָגט, וועגן אזעלכע קדושים וואָס זענען אומגעבראכט געוואָרן אין אוישוויץ, איז פאר וואָס זאָל מען נישט טאָרן דערציילן אויך וועגן א „פּסולת"?... איז דאָך שוין מקדמונים אָנגענומען, אז עס איז נישט פאראן קיין פלייש אָן ביינער און — קיין משפּחה אָן יענער „גלייכגעוויכט", וואָס די השגחה האָט מסתמה אזוי געלאָזט, כדי צו דערהאַלטן גלייכצייטיק מיט דער ערלעכער אויך די זינדיקע וועלט, מחמת דעם האָט זי געזאָרגט אז סע זאָל אין יעדער משפּחה זיין אי א „רב", אי להבדיל א „שמדילניק"... אין יעדער משפּחה? אפשר איז טאקע נישט גוט אזוי צו אבסאָלוטיזירן. יאָ, קיין מאָל איז נישט גוט צו פאראלגעמיינערן און נישט לאָזן הינטער זיך אָפּן כאָטש איין קליין טירל, א הינטערטירל, דערפאר

זאָגט מען געוויינטלעך א „כמעט". וואָלט מען אויך דאָ געקאָנט זאָגן: כמעט אין יעדער משפּחה. איז אָבער די מעשה אזוי, וואָס אויב מע געפינט ערגעץ אין א משפּחה בלויז דעם „רב" און דעם „שמדילניק" נאָך נישט, איז דאָס נאָך נישט קיין סימן אז ער איז דאָרט נישטאָ. ניין. דאָס קאָן אפשר נאָר זיין דער סימן, אז אָדער מע האָט עס בכיוון אויסבאהאלטן פאר דער ברייטער עפנטלעכקייט, כדי זיך נישט ארויסצושטעלן בבושה, אָדער מע האָט נישט גענוג גוט געזוכט. אויף וואָס בין איך זיך סומך מיט מיין השערה? אויף דער דערפארונג? אפשר אויך אויף אָט דעם. איז דאָך אין יעדנם משפּחה, און אויך אין מיין משפּחה גופא אויך פאראן די דאָזיקע גלייכגעוויכט. אמת, צו מאָל איז איינער געווען דער „רב" און דער צווייטער דער „שמדילניק" און צו מאָל האָט זיך די ראָלע געביטן און אז אנדערע האָבן פארנומען זייערע ערטער. און צו מאָל, ווי נישט גלייבלעך סע זאָל אויסזען, איז דאָך געשען, אז איינער און דער זעלביקער פאר־שוין זאָל בייטן זיין אָרט פון איין ראָלע אין דער צווייטער. ווי אזוי איז עס געשען? אָדער ווי אזוי האָט עס געקאָנט געשען? אויף דעם דארף מען זיך נישט חידושן, ווייל מע האָט אין מאראמאָרעש געזען גרעסערע חידושים. אָבער — דערציילן אזעלכע פאלן קומט זיך איצטער נישט וועגן דעם. אפשר ביי אן אנדערער געלעגנהייט. איצט טאָר מען זיך נישט פארנעמען אויך מיט דעם און אָפּווייכן פון דער עיקר מעשה. מע קאָן אָבער אויך איצט זאָגן, אז מע דארף זיך נישט פיל חידושן וועגן אזעלכע פאלן, ווייל ווי באוואוסט, איז דאָך די גאנצע מענטשלעכע געזעלשאפט אזוי געבויט, סיי מע וויל יאָ סיי מע וואָלט אפשר נישט געוואָלט, אז אין יעדער געזעלשאפט (טאקע נאָך איין מאָל אב־סאָלוטיזירט!) מוז זיך געפינען כאָטש איין „רב" צי אָרנטלעכער מענטש און להיפּוך צו אים כאָטש איין, אויב נישט רוצח, כאָטש איין גנב. אנדערש וואָלט דאָך דער גאנצער סדר־עולם נישט געהאט קיין גלייכגעוויכט: ווי אזוי דאָס, אָן א גנב?! צו וואָס זשע וואָלט געטויגט א שופט, א פּאָליציאנט, א תפיסה וכדומה? און ווי עס איז באוואוסט, איז אָן די דאָזיקע נייטיקע געזעלשאפטלע־כע מלוכהשע אינסטיטוציעס בכלל נישט געשיקט קיין מלוכה־אָרדענונג. דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן, אנאלאָגיש גענומען, אויך וועגן א משפּחה: אויב סע זאָל נישט זיין קיין בעל־עבירה, א מסור, צו וואָס זשע וואָלט געטויגט א „העלד", א רב, א מוסר־זאָגער, ממילא א בעל־דרשן, בקיצור: כאָטש עפּעס א שטיקל גאָט צי מלוכה־סטראפּטשע?!

אָט פאר וואָס איך האָב זיך סוף־כל־סוף געטראכט, אז סע וועט נישט זיין קיין חילול־השם און אויך נישט קיין חילול־הכבוד פאר דער יידישער קהילה פון מאראמאָרעש, אז מע וועט יאָ דערציילן אויך וועגן יענעם

האָקוס־פּאָקוסניק. וואָלט ער אפילו נישט עקזיסטירט, וואָלט מען דאָך אים געמעגט אויסטראַכטן כדי צו דערהאַלטן, ווי געזאָגט, די גלייכגעוויכט.

איז אויב מע וואָלט אים געדאַרפט אויסטראַכטן, קאָן מען אויסטראַכטן אויך זיין נאָמען, זיין אָפּשטאַם, אַלץ — נאָר זיין אויפפיר נישט, דאָס קאָן מען באַשרייבן ווי א מעשה־שהיה, אזוי ווי מע האָט אים געקאָנט.

ב

אין סיגעט, די דעמאָלטדיקע הויפּטשטאָט פון מאַראַמאָרעש, איז יעדן פרייטיק געווען דער מאַרק־טאָג, דאָס הייסט דער וואָכנמאַרק. אין יענעם טאָג איז געווען דער מנהג, אז סע זענען זיך צונויפגעקומען פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך סוחרים, מעקלערס און פויערים, וואָס טייל האָבן געהאַט וואָס אָנצובינטן צום פאַרקויפן, אָדער טייל זענען געקומען עפּעס קויפן. פאַרשטייט זיך, אז צום קויפן דאַרף מען קודם־כל האָבן געלט. איינער מער און איינער ווייניקער, אָבער מיט גאָרנישט קאָן מען גאָרנישט אפילו פּרואוון קויפן (יאָ, דאָ וואָג איך שוין נישט צו „אבסאָלוטיזירן". סע זענען פאַראַן מייַנונגען, וואָס זענען זיך אויך סומך אויף דערפאַרונג, אז מע קאָן צו מאָל קויפן אויך אָן געלט — אָבער דאָס וויל איך נישט מגלה זיין, נישט כדי מע זאָל זיך דערפון נישט אָפּלערנען, נאָר אפילו צוליב דעם, אז מע זאָל נישט געוואויר ווערן, אז אפילו „איך" וויים אויך דערפון!). יאָ, אויפן מאַרק קאָנען זיך דרייען אויך אַזעלכע וואָס האָבן נישט קיין גראָשן אין דער קעשענע, נישט דווקא צו פאַרקויפן עפּעס, נאָר צו פאַרדינען א מעקלעריי. איז דאָך שוין אַן אויסגעפּרואווטע מלאכה, נאָך פון שלום־עליכמס צייטן, די אויפריכטנדיקע מלאכה פון זיין אומשטאַרבלעכן „מנחם־מענדל", נישט בלויז פון יהופּעץ, נאָר פון אַלע יידישע יעהופּעצן איבער דער גרויסער און ברייטער וועלט, איז פאַר וואָס זשע זאָלן נישט זיין אויך אין מאַראַמאָרעשער קאַנט נאָענטע מקורבים פון יענעם מנחם־מענדל, כאָטש אין מיניאַטור־חלומות, אָבער דאָך מנחם־מענדלעשע חלומות פון ריזיקע ריווחים, וואָס מע קאָן פאַרדינען אין איין קיי און שפּיי, בלויז דאָס מזל זאָל א ביסל צו שפּילן?

דאָס איז מיט יענע מאַרק־לייט, וועלכע קומען מיט ליידיקע קעשענעס, אָבער דאָס רוב מוז דאָך קומען אָדער אוועקגיין פונעם מאַרק מיט מער ווייניקער געלט אין דער קעשענע. אויב נישט מיט פולע קעשענעס איז כאָטש מיט געלט, א טייל וואָס קומען קויפן און א צווייטער טייל וואָס קומען פאַרקויפן.

ממילא, נישט נאָר וואָס סע קאָנען זיין א „טייל" מענטשן וואָס זאָלן צוהעלפן אויסליידיקן יענע קעשענעס פונעם שווער פארהאָרעוועטן געלט (מע דארף געדענקען, אז אין מאראמאָרעש האָט מען שווערער געקאָנט פארדינען א ביסל געלט, ווי אין אנדערע מקומות, פשוט ווייל דאָס אָרעמשאפט האָט דאָ מער געוועלטיקט!), נאָר סע וואָלט צו מאָל געווען ממש א מצווה ארויסצוהעלפן אויסליידיקן די קעשענעס. טוט עס טאקע יעדער אויף זיין אופן, יעדער לויט זיין מלאָכה און זיין פארשטאנדיקייט. וועגן די מעקלערס רעדט זיך נישט דאָ. זיי זענען דאָרט געווען גענוג טעטיק, אָבער דאָ זענען זיי דערמאנט געוואָרן בלויז בדרך אגב. אויך וועגן די פשוטע גנבים, קעשענע-גנבים, רעדט זיך נישט דאָ. הגם סע זענען דאָך אזעלכע אויך געווען. וואָלט מען זיך דען געקאָנט פאָרשטעלן אז סע זאָל אין א מארק-טאָג, אפילו אין א וואָכנדיקן פשוטן וואָכנמארק-טאָג, נישט בושעווען אין פרעמדע קעשענעס אויך אזעלכע געשיקטע בעלי-מלאָכות, וואָס שניידן ארוים דעם בייטל אָן דעם מע זאָל עפּעס פילן?! אָבער, ווי געזאָגט, נישט אין דעם גייט עס איצט. דאָ ווילט זיך דערציילן וועגן א „כשרער" מלאָכה, ווי אלע מלאָכות וואָס האָבן זייער יסוד אויף האזארד-שפּילן און גנבישע שטיק. איז וועט זיך דערציילן ווי אזוי אין א ווינקל פון א גאס, ביי א זייט פונעם מארק, וואָס איז איבערפולט מיט ווע-גענער, אין וועלכע סע געפינט זיך צון א ביסל היי, אָדער שטרוי, און פערד אָדער אָקסן מעלה-גירהן לאנגווייליק בעת זייערע בעלי-בתים מיסחרן. זיי זוכן א קונה צו פארקויפן א קעלבל, א ציג צי כאָטש א פעלעכל.

אויף אזוי פיל קאָן מען דאָך זיך דערוואַרטן אויך אין א וואָכנמארק-טאָג צו מיסחרן. אויף צו פארקויפן א טעלעצע, צי אפילו א קו — אויף דעם איז פאראן דער יאַר-מארק. אין א וואָכנמארק-טאָג איז עס זעלטענער, הגם עס איז נישט אויסגעשלאָסן.

ג

אין א ווינקל, אויף א גאסן-קרייץ, שטעלט זיך אָפּ דער האָקוס-פּאָ-קוסניק (מע קאָן אים צוטראכטן אויך א נאָמען: באָנדי!). ער נעמט פאמע-לעך ארוים פון דער קעשענע א טעוועלע, פון א פאפּנדעקל, אָנגעטון מיט א שווארצן לייוונט (נייַן, עס איז נישט פון קיין חומשל אראָפּגענומען. חלילה, וואָס סע קאָן עמעצן איינפאלן!). דערנאָך, פונקט אזוי פאמעלעך, מיט באוועגונ-גען וואָס זענען עדות אויף רואיקייט, געדולדיקייט, אויף זיכערקייט, אויף מיים-

טערשאפט — ביי וועמען סע ציטערן נישט די הענט בעת זיי טוען זייער „קינצלערישע“ מלאָכה, נעמט ער ארוים דריי פינגערהוטן פון דער קעשענע, וואָס ווערן אויסגערייעט אויפן טעוועלע ווי דריי קלעצעלעך, ווייל זיי זענען מיטן דנאָ ארויף. פארשטייט זיך, אז מענטשן זענען נייגעריקע. פון תמיד און אויף תמיד זענען מענטשן געווען און וועלן מסתמה אייביק זיין נייגעריקע. אזוי ווי סע באווייזט זיך איינער, וואָס שטעלט זיך אָפּ, וועלן באלד צושטיין אויך אנדערע, וואָס מערער, וואָס מערערע, וואָס זענען נייגעריק, ווילן וויסן וואָס סע געשעט, וואָס סע באוואונדערן די ערשטע, וואָס עס איז דאָ געוואויר צו ווערן. נישט בלויז דערפערישע צי קליינשטעטלדיקע מענטשן וועלן עם ארויסווייזן אזא מין נייגעריקייט. אלע מענטשן, מעגן זיי זיין נאראָנים צי חכמים, קליינשטעטלדיקע צי אפילו גרויסשטאָטישע — וועלן זיי נייגעריק זיין צו דערפארן. וואָס? אָט-אָ דאָס איז דאָך טאקע. מע ווייסט נאָך נישט „וואָס“. דערפאר איז מען דאָך טאקע נייגעריק... אויב עמעצער איז נישט נייגעריק קאָן מען זיך לייכט משער זיין, אז נישט ווייל ער „ווייסט“ שוין אלץ איז ער שוין נישט נייגעריק, נאָר ווייל ער ווייסט גאָרנישט. ער ווייסט נאָך אפילו נישט אזוי ווינציק אויף נייגעריק צו זיין, ווייל ער „ווייסט אפילו נישט וואָס ער ווייסט נישט“. אָבער אזעלכע זענען אין מאראמאָרעש בכלל נישט געווען. וואָס-וואָס, אָבער קיין נאראָנים זענען דאָרט נישט געווען. די נויט האָט אויסגעשארפט זייער מוח. סיידן מע וואָלט געוואָלט אהין אריינרעכענען די „צו קלוגע“, ווייל אזעלכע זענען דאָך יאָ געווען, זייער פיל זענען זיי דאָרט געווען. און, ווי באוואוסט, איז א גאָר קליינע מחיצה צווישן נאראָנים און „צו קלוגע“. אָבער אויך דיע זענען געווען נייגעריקע.

און אויב סע האָבן זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע נייגעריקע, וואָס זאָלן וועלן זען (אויך אפילו שוין צום אזויפילסטן מאָל!) ווי אזוי דער האָקוס-פּאָקוסניק וועט מאנעווירן דאָס קערנדל האָבער, צי פון פאפיר צונויפגעדרייט, אָבער דאָך אין דער פאָרעם פון א קערנדל, ארומרוקן די פינגערהוטן לויט אזא מין סדר: איינס, צוויי, דריי, און דערנאָך: איינס, דריי, צוויי. און דערנאָך דריי, צוויי, איינס — און בעת מעשה איבערחזרן, ווי אן אבראקאדאברישן שפּרוך: „דאָ איז עס, דאָרט איז עס,דאָרט איז עס — דאָ איז עס; פאר פינף לעי גיב איך צוואָנציק לעי — וואו איז עס ?“...

בעת ער רוקט אזוי די פינגערהיטלעך אויפן שווארצן טעוועלע, רוקט זיך אויך דאָס קערנדל, דאָס ווייסע, וואָס אויך א בלינדער קאָן עס זען — און אוודאי און אוודאי איינער וואָס קוקט זיך צו אויפמערקזאם, און — אויפמערקזאם האָבן זיך שוין צוגעקוקט עטלעכע, אייגענע און פרעמדע, נייגעריקע און

אויך אזעלכע וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן לאַנגווײלן, ווײל זײ האָבן דאָך שוין געזען אָט דעם דאָזיקן קונצן-שפּיל נישט צום ערשטן מאָל... אָבער, קוקן יאָ, זײ קאָנען נישט פאַרבײגײן און נישט א קוק טון. סע ציט דאָך ווי מיט נישט-געזעענע שטריק, ווי געווײנטלעך בײ סײ וועלכן גורלשפּיל, אפילו בײ קאָרטן. קוקט מען און מע קוקט. און אויב סע געפינט זיך נישט קײן בעלן, וואָר סע זאָל ארויסנעמען פון דער קעשענע דעם „ערשטן" פינפער (ווײל בלויז דער ערשטער איז שווער, אָדער צום שווערסטן — דער צווייטער און דערנאָך דער דריטער איז שוין פיל לײכטער. אדרבה, וואָס „טיפער" דער שפּיל גײט, אלץ לײכטער איז אים „אויסצובריטערן"!)... שווער איז בלויז דער „אָנהייב".

איז פאַראַן מערער אופנים „אָנצוהייבן". אָדער סע הייבט אים אָן אַן „אײנער", דאָס הייסט א שותף פונעם האָקוס-פּאָקוסניק, אײנער אַן אונטער-געשטעלטער, וועלכער קראַצט זיך לפנים אין דער פּאָטעליצע, אויפן פּויערי-שן קמצנישן נוסח, ביז ער שלעפּט ארויס די מטבעות פון זײן לעדערנעם גאַר-טל און — ער שטעלט אײן דעם ערשטן פינפער... און — געווײנטלעך, פאַר-לירט ער אים, אלץ צוקוקער וואונדערן זיך, אז ווען דער האָקוס-פּאָקוסניק האָט באַוויזן אזא לײכט שוואַרצקינצלערײ, זײ האָבן דאָך ממש געזען מיט זײערע אײגענע אויגן, אויפמערקזאַמע אויגן, אז דאָס קערנדל איז געווען אונטערן פינגערהוט, וואָס דער „ערשטער" האָט אויפגעהויבן און אַנטדעקט אז — נײן, עס איז נישט דאָ.

דעמאָלט, יאָ דעמאָלט דערוועקט זיך די „רוגזה" נישט בײ אײנעם, נאָר בײ עטלעכע פון די צוקוקער, אז זײ ווילן אײנלײגן א פינפער. נײן, בײ זײ גײט עס נישט. זײ וועלן זיכער געפינען דאָס קערנדל.

ברעכט אָבער אויס א מחלוקה. יענער „אײגענער", וואָס האָט פאַרלוירן דעם „ערשטן" פינפער טענהט אז ער האָט דאָס רעכט ווײטער צו שפּילן, ווײל ער האָט דאָך אײנגעשטעלט און אָנגעוואוירן, האָט ער דאָך דאָס רעכט אויף א רעוואַנש. אויף כאָטש אײן אײנציק מאָל, זיך צו רעוואַנשירן. אָבער אומ-זיסט זענען זײנע טענות. די אַנדערע דערלאָזן נישט, אז אזא אײנער, וואָס איז נישט בכוח צו געפינען דאָס ווײסע קערנדל אויפן שוואַרצן טעוועלע, וואָס אויך א בלינדער קאָן עס זען, ווי אזוי סע צירקולירט פון אונטער אײן פינגער-הוט צום צווייטן, פון אונטערן צווייטן צום דריטן, געשאַרט מיט קינצלערישער מײסטערשאַפט פון די געשיקטע פינגער, מיט די אָנגעשפּיצטע נעגל פונעם האָקוס-פּאָקוסניק, וועמעס מײלעכל מאָלט דעם באַקאַנטן רעפריין: דאָ איז עס, דאָרט איז עס; דאָרט איז עס — דאָ איז עס; פאַר פינף לעי געווינט מען צוואַנ-ציק, וואו איז עס?... די מחלוקה שטעלט זיך אײן, פאַרשטײט זיך, דער שוואַרצ-

קינצלער גופא שטילט איין דעם סיכסוך: „אויב איר פארשטייט זיך נישט דער־צו, און זענט נישט אויפמערקזאם, זאָגט ער צום „אָנהייבער“, דאן לאָזט אן אנדערן וואָס איז מערער אויפמערקזאם. און זאָגן זאָגט ער אָט דעם פסוק ווי מיט אויפגעבראכטקייט, אז מע וואָלט באמת געמיינט, אז ער באדויערט אויפ־ריכטיק, וואָס דער „ערשטער“ איז געוועזן אזא גולם... אפילו א „בלינדער“ קאָן דאָך באמערקן אונטער וועלכן פינגערהוט ער האָט געלאָזט דאָס קערנדל. יאָ, אפילו א בלינדער. קומט יענער (דער עולם ווייסט דאָך נישט, אז „יענער“ איז א „דער“, זיין אן אונטערגעשטעלטער, וועלכער זאָל אָנהייבן דעם שפיל, כדי צו מאכן חשק דעם איבעריקן עולם!) און פארדארבט דעם גאנצן עסק... כלעבן, ווי מע וואָלט געקאָנט שווערן, אז ער וויל דווקא, נאָר צוליב דעם האָט ער זיך מטריח געווען און געקומען אויפן מארק כדי צו געבן צוואָנציק לעי פאר פינף... איז דרייט ער זיך אוים מיטן פנים צו יענע, מיטן הינטן צו דעם נישט-אויפמערק־זאמען „אָנהייבער“: איר, זאָגט ער, ווילט פרואוון? אנו, קוקט אהער נאָך איין מאָל: דאָ איז עס, דאָרט איז עס; דאָ איז עס — פאר פינף באַ־קומט מען צוואָנציק לעי; וואו איז עס?... דער „צווייטער“, דאָס הייסט פאַק־טיש דער ערשטער קרבן, שטייט שוין מיטן פינפער אין דער האנט, און מיט דער צווייטער האנט הייבט ער אויף, מיט ציטערנדיקע פינגער, ווייל זיכער איז ער טאקע, ער האָט דאָך געזען ממש מיט די אייגענע אויגן — אָבער, אפשר טאָמער דאָך, דער רוח ווייסט אפשר וואָס סע קאָן געשען ביי אזא שווארצקינצלער... יאָ, מיט די ציטערנדיקע פינגער הייבט ער אויף דעם פינגערהוט און אָט, דאָס קערנדל איז דאָ!

גלייך סע וואָלט אים געפרייט, וואָס אן „אויפמערקזאמער“ קאָן אויך פארדינען א לייכטן „כשרן“ גראָשן, צאָלט ער אוים די ערשטע צוואָנציק לעי, נאָך דעם ווי ער האָט פארדינט בלויז פינף...

און דער שפיל גייט ווייטער: דאָ איז עס — דאָרט איז עס... דאָס קערנדל רוקט זיך אונטער די געשיקטע פינגערלעך פונעם האָקוס-פּאָקוסניק, פון אונטער איין פינגערהיטל צום צווייטן און אזוי ווייטער, ביז סע שטעלט זיך אָפּ דער רעפריין: „וואו איז עס?“... שטופט דער געווינער נאָך איין מאָל זיין פינפערל און וויל אויפהייבן מיט דער צווייטער האנט, וואָס איז שוין דאָס מאָל אן אויסגע־פרואוווטע האנט, וואָס ווייסט שוין צוויי הונדערט פּראָצענט זיכער וואו דאָס קערנדל באהאלט זיך אוים, אונטער וועלכן פארשאָלטענעם פינגערהיטל. אָבער דער האָקוס-פּאָקוסניק בייזערט זיך: וואָס, איינער זאָל געווינען תמיד און א צווייטער זאָל אפילו נישט קאָנען פרואוון זיין מזל?! אזוי אז ער נעמט דאָך דעם פינפער פונעם זעלביקן „מבין“, כדי דאָס מזל זאָל אים אויך דאָס מאָל

צושפּילן, אָבער — וויי, דאָס מזל האָט אים נישט צוגעשפּילט. ער האָט פאַר־שפּילט דעם פינפער...

נו, אין אזא מצב זענען שוין ארום אים נישט בלויז עטלעכע נייגערי־קע פויערים, נאָר כמעט דער גאנצער מארק איז איצט קאָנצענטרירט ארום אים, ארומגערינגלט גלייך ער וואָלט באוויזן קונצן ווי ביי א צירק, ווען מע שלינגט שווערדן, מע טרינקט פייערדיקע פלאַמען, מע שטעכט אדורך... וואָס מע קאָן אלץ זען אין א צירק. אָבער דאָ, איז עס גאָר פיל אינטערעסאנטער צו זען, אז מע שלינגט מטבעות... מע קאָן געווינען אזוי לייכט א צוואָנציקער אָנשטאָט א פינפער — מיטן באדינג, אז מע זאָל זיין אויפמערקזאם.

איז א וואונדער אז סע זענען פאַראַן אזוי פיל בעלנים?

סע בעט זיך אָבער ברחמים יענער וואָס האָט שוין געוואונען דעם צוואַנ־ציקער. אדרבה, ער דערקלערט אז ער וויל אפילו נישט געווינען. אדרבה ואדרבה ער איז גרייט צו פארלירן צוריק דאָס געווינענע געלט. ער האָט דאָך פון זיין געווינענעם צוואָנציקער איינצושטעלן פיר מאָל צון א פינפער — ער מיינט דאָך נישט דאָס געווינען, ער וויל פשוט ווייזן פאר די איבעריקע גולמעס, אז ער, מיט זיין אויפמערקזאמען „קוק" זעט אויף זיכער וואו סע געפינט זיך דאָס קערנדל: איז לאָזט מיך!... באין ברירה לאָזט מען אים. און, שטעלט אייך פאָר, אז דאָס מאָל איז דאָס מזל גאָר אן אנדערס. עס האָט זיך ממש פון אים אָפּגעטון דאָס אויפמערקזאמקייט, מיט וועלכן ער האָט זיך נאָר וואָס אזוי גע־רימט. ער האָט נישט „דערראָטן" נישט דאָס צווייטע מאָל און נישט דאָס דריי־טע מאָל און, שוין אויך נישט דאָס פערטע מאָל. דאָס הייסט, אז דער צוואָנ־ציקער, דער ערשטער געווינענער צוואָנציקער איז שוין ווידער ביים שפּילעוו־דיקן שווארצקינצלער אין קעשענע. נאָך מער, ער האָט שוין עטלעכע געווי־נענע פינפער ארייגעשארט אין זיין קעשענע, פון יענע וואָס זענען „בלינד" און קאָנען נישט דערראָטן וואו סע געפינט זיך דאָס קערנדל, אויך דעמאָלט ווען א קינד וואָלט עס געקאָנט דערזען...

גייט דער שפּיל ווייטער: דאָ איז עס, דאָרט איז עס; דאָרט איז עס נישט — דאָ איז עס אויך נישט... פאר א צוואָנציקער קאָן מען געווינען א פופצי־קער... יאָ־יאָ, מע האָט גוט געהערט. עס איז חלילה נישט קיין טעות, מחמת דעם שנעלן איבערחזרן דעם רעפריין. יאָ בלויז פאר א צוואָנציקער, וואָס מע שטעלט איין, קאָן מען אויפהייבן דאָס פינגערהיטעלע, און — ווער סע גע־פינט דאָס קערנדל, יענער באקומט א פופציקער.

פארשטייט זיך, אז דאָס גרעסטע רעכט האָט בלויז איינער, דאָס הייסט אז ער האָט מער רעכט ווי די איבעריקע, וואָס זענען גרייט אפילו זיך צו שלאָגן,

נאָר מע זאָל זיי דערלאָזן „איינצושטעלן“ דעם צוואָנציקער (קיין פינפער האָט שוין איצט קיין ווערט נישט!). אוודאי האָט ער מער רעכט ווי די איבעריקע, נישט בלויז ווייל ער מיינט אז ער איז דער גרעסטער „מבין“, דער אויפמערקזאמסטער „קוקער“, מיט אן אָפן אויג און איז (זיכער, איז דאָך גאָר מילד גערעדט!), ער איז מער ווי זיכער, אז — אָט, איז דאָס קערנדל. אנו, לאָזט אים אויפהייבן דאָס פינגערהיטל... זאָל א רוח אריין אין דאָזיקן פארשאָלטענעם פינגערהיטל, טפו! מע האָט דאָך געקאָנט שווערן, אז דאָ איז עס געווען... דערווייל צאָלט ער, נאָר ער — קיין אנדערן וויל ער שוין נישט צולאָזן. ער האָט דאָך דאָס גרעסטע רעכט ווי אלע אנדערע צוזאמען גענומען, ווייל... נו, מע דארף דען נאָך אויסרעכענען זיינע רעכטן? עס איז א זעלבפארשטענדלעכקייט. לאָזט אים, לאָזט אים: דאָרט איז עס, דאָ איז עס — דאָ איז עס, דאָרט איז עס; פאר א פופציקער (א צוואָנציקער?) באקומט מען א הונדערטער...

יאָ-יאָ, מע האָט גאנץ גוט געהערט: פאר א פופציקער (א צוואָנציקער האָט שוין איצט גאָר קיין ווערט נישט — ווער וועט פארלירן אומזיסט די צייט כדי צו געווינען א פופציקער ווען מע קאָן געווינען א הונדערטער, ממש א הונדערטער) א הונדערטער!... דאָ איז עס, דאָרט איז עס; דאָרט איז עס, דאָ איז עס — פאר א פופציקער, בלויז איין פופציקער קאָן מען געווינען א הונדערטער, א הונדערטער, א גאנצן הונדערטער!... לאָזט אים, לאָזט אים — ער האָט דאָך שוין נישט בלויז מערער דערפארונג, נאָר ער האָט שוין אויך דאָס רעכט, מער פון יעדן איינעם, ווייל ער האָט דאָך שוין (נישט אָנגעוואוירן — דאָס איז נישט קיין שיין און נישט קיין מזלדיק וואָרט צווישן שפילער בכלל, בפרט צווישן פינגערהוט מבינים!) מער „איינגעשטעלט“ אין דאָזיקן „אינטערעסאנטן“ שפיל... לאָזט מען טאקע אים, הגם סע זענען איצט פאראן פיל מער בעלנים ווי פריער, ווען דער שפיל האָט זיך קוים אזוי שווערלעך אָנגעהויבן, ווען קיינער האָט נישט געוואגט איינצושטעלן דעם ערשטן פינפער... איצט זענען דאָ פיל בעלנים, אָבער דער שווארצקינצלער, וועלכער לייזיקט ממש אוים די קעשענע פון יענעם קרבן, וואָס יעדער האָט שוין רחמנות אויף אים, מע זעט דאָך באשיימפערלעך אז פון זיין גאנץ מבינות איז דאָך שוין נישט איבערגעבליבן אפילו נישט ווי די גרייס פונעם קליינעם קערנדל, פונעם פארשאָלטענעם קערנדל, וואָס באהאלט זיך אוים אונטער יענעם פינגערהוט, וואָס קיינער הייבט עס נישט אויף, אלנפאלס, זייער זעלטן געפינט מען עס.

אָבער דער קונצנמאכער לאָזט נישט צו קיין אנדערן. ער גיט געדעכט זיין קרבן, אז ער האָט מער רעכט ווי אלע אנדערע. ער האָט דאָס רעכט אויף

רעוואנש — איז זאָל ער זיך רעוואַנשירן... יאָ, ער האָט טאַקע דאָס רעכט. יעדער האָט דאָס שוין אָנערקענט, אָבער — האָט ער נאָך כאָטש איין פּופּציקער איינ־צושטעלן?

...ניין. ער האָט שוין נישט.

נו, אויב ער האָט נישט, זאָל ער מוחל זיין לאָזן א צווייטן. און מעשה־שטן, דער צווייטער, וואָס האָט איינגעשטעלט דעם ערשטן פּופּציקער, האָט תיכף געוואונען א הונדערטער.

נו, פאַרשטייט זיך, אז אין אזא פאַל קאָן מען זיך שוין נישט „איינהאלטן" און דער מזלדיקער געווינער וואַרט נישט, אז דער האָקוס־פּאָקוסניק זאָל פאַר־ענדיקן זיין רעפריין: דאָ איז עס, דאָרט איז עס... ער שרייט אויס, און שטופּט אוועק אַלע אנדערע, און שטופּט אונטער — א הונדערטער... ער שטעלט איין א הונדערטער, נישט קעגן צוויי הונדערטער ווי דער יושר פונעם שפּיל וואָלט געפאָדערט — נאָר א הונדערטער פאר א הונדערטער, ווי מע זאָגט, א צאָן פאר א צאָן...

נו, ווי קאָן זיך אָקעגנשטעלן אויך דער גרעסטער שוואַרצקינצלער און נישט אָננעמען אזא „איינשטעל", ווען ער קאָן ווינציקער איינשטעלן, דאָס הייסט, אז ער דאַרף נישט פאַרטאָפּלען די סומע און אָנגיין ווייטער מיטן שפּיל: דאָ איז עס, דאָרט איז עס, דאָרט איז עס נישט, דאָ אויך נישט... פאר א הונדערטער קאָן מען געווינען א הונדערטער — און פאר צוויי הונדערטער קאָן מען געווינען טאָפּלט... צוויי הונדערטער...

וויי, ווי אזוי דער יצר־הרע ביי די קאָרטן־שפּילער וואַקסט, וואַקסט אין דער לענג און אין דער ברייט. יאָ, ביי די געוויינטלעכע קאָרטן־שפּי־לער — אָבער ביי די פינגערהוט־שפּילער? אָט דאָ איז דאָך נישט קיין בלינ־דער גורל, וואָס ליגט נישט ביים מענטש אין די הענט, בעסער געזאָגט, אין די „אויגן", אין זיין אויפמערקזאַמקייט. איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג (וויי־וויי, ווי פינצטער עס איז דער דאָזיקער טאָג, פאר יענעם, וואָס ער האָט זיך ארײנ־געלאָזט אין דאָזיקן פאַרשאָלטענעם שפּיל!), נאָר מע דאַרף זיין אויפמערק־זאַם, בלויז אויפמערקזאַם זיך גוט צוצוקוקן וואו סע געפינט זיך דאָס קערנדל, וועלכם פינגערהיטל מע דאַרף אויפהייבן...

אָבער ווער קאָן שוין זיין אויפמערקזאַם אין אזא אויפרעגונג, ווען דער שפּילער זעט שוין פאר זיינע אויגן גאָרנישט. לגמרי גאָרנישט. ער זעט שוין נישט כמעט גאָרנישט פאר זיינע אויגן. נישט נאָר דאָס קערנדל, נאָר אפילו דעם הונדערט־לעי־שטיק זעט ער דאָך שוין אויך נישט. פאר זיינע אויגן, וואָס זענען איצט ווי פאַרנעפּלט, גלייך ער וואָלט געווען שיכור, הגם ער

האָט נישט טועם געווען קיין משקה, זעט ער גאָר אנדערע זעענישן. ער זעט ווילדע פייגל וואָס זאָלן פליען פאר זיינע אויגן, רונדיקע פייגל, אין דער פאָרעם פון פינגערהיטלעך, מיט אויסגעשפרייטע ווייסע פליגעלעך, ווי דאָס פארשאָלטענע קערנדל... גלייך בינען וואָלטן געראָיעט, אין א קנויל, פונקט פאר זיינע אויגן און פארשטעלן אים די ראיה... ער שטייט דאָ, ארום אים איז א געווימל פון קיביצער, צעהיצטע געמיטן, חכמים, וואָס האלטן זיך גרעסער פון אים, ממש אויבער-חכמים, פונקט אזוי ווי ער איז געווען פריער, איידער ער איז אריינגעפאלן אין דאָזיקן אומענדלעכן שפּיל. איצט האלטן זיי זיך פיל גרעסערע פון אים, אויפגערייצטע, וואָס ווילן פארנעמען זיין אָרט, זיי ווילן גאָר צוריק געווינען אָט די שיינע סומע געלט, וואָס ער האָט שוין (נישט „פארשפּילט" אזא וואָרט לאָזט מען נישז פאלן, אפילו נישט אין געדאנק, ווייל עס איז דאָך נאָך נישט פארשפּילט, עס איז לעת-עתה בלויז) איינגעשטעלט אין קאָן, ער קאָן דאָך דאָס צו יעדער רגע צוריקגעווינען, מע זאָל אים נאָר לאָזן... אמת, דער שווארצקינצלער שטיצט אים אונטער. אז ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו פּרואוון זיין מזל — צום לעצטן מאָל, צום לעצטן מאָל — ווייל סוף כל-סוף מוז דאָך דאָס מזל זיך צוריק קערן צוּן אים. עס איז דאָך שוין אויך דאָס באקאַנט מקדמונים, אז ביז צום סוף מוז דאָס מזל זיך אומקערן צוריק — נאָר, ווי האָט מען אויסלאָג ביז דאָס מזל זאָל זיך אומקערן צוריק? (איר באמערקט? מע רעדט שוין נישט פון „אויפמערקזאמקייט", מע רעדט שוין פון בלינדן מזל, ווייל די אויפמערקזאמקייט איז שוין ווי ארוים פונעם שפּיל. קיינער זעט שוין גאָרנישט מיט די אויגן. מע מוז זיך שוין פארלאָזן אויפן מזל!). יאָ, אויף צו פּרואוון דאָס מזל, דארף מען איינשטעלן.

...ווייל ער איינשטעלן אויף איין מאָל — פינף הונדערט לעי. יאָ, ער זאָגט טאקע: אָדער טויט אָדער רויט!

די מעשה איז אָבער, וואָס ער האָט שוין נישט קיין אויסלאָג צו זיין אזוי געוואגט. ער האָט שוין נישט קיין געלט איינצושטעלן — און, עס איז באַוואוסט ביי אלע קאָרטן-שפּילער, אז אָן מוזיק טאנצט מען נישט און אָן געלט שפּילט מען נישט. אוים חתונה...

בעט ער זיך ברחמים: לאָזט אים אויפהייבן בלויז איין מאָל דאָס פינגערהיטל. אזוי, בלויז פאר זיין נייגעריקייט. ער וויל נישט געווינען גאָרנישט. אוודאי, אז ער שטעלט נישט איין, קאָן ער דאָך נישט געווינען, און אפילו צו האָבן טענות אויף צו געווינען... ווייל ער אָבער נישט, דער שווארצקינצלער: ער האָט נישט קיין צייט פאר אזעלכע נארישע קינדערשפּילן, אָדער — אָדער. ווער סע שטעלט איין קאָן געווינען. ווער נישט, זאָל גיין אהיים צו זיין ווייב...

...דער איינשטעלער, וואָס איז געבליבן מיט די ליידיקע קעשענעס, האָט איצט גאָר געהערט אזא מין מיאוס וואָרט: גיין אהיים... ביז איצט האָט ער געזען די קנוילן וואָלקנס, צי נעפלען, פאַר זיינע אויגן, וואָס האָבן אים פאַרטונקלט די ראיה. ער האָט שוין גאָרנישט געזען פאַר זיינע אויגן. ער האָט שוין בכלל נישט געזען דאָס קערנדל. ער האָט געזען בלויז די דריי פאַרשאָלטענע פינגערהיטלעך, אזעלכע קליינע, מיטן דנאָ ארויף און דאָך האָבן זיי איינגעשלונגען דאָס גאנצע געלט, וואָס ער האָט באקומען, ווען ער האָט פארקויפט דאָס קעלבל... וואָס וועט ער זאָגן אין דער היים, ווען ער וועט קומען אָן דעם קעלבל און אָן געלט?

אנו, זאָל זיך שטעלן אין זיין מצב סיי ווער, זאָל ער א טראכט טון, אָדער זאָל ער בעסער נישט טראכטן, ווייל אז מע טראכט, אז מע נעמט זיך בלויז טראכטן, קאָן מען פארלירן דאָס ביסעלע שכל, וואָס עס איז נאָך איבערגעבליבן נאָך אזא „שפּילעכל”. און באוואוסט איז, אז ווען דער מענטש, בפרט א פּויער, וואָס זעט נישט אָפּט קיין באָר געלט פאַר זיינע אויגן, און איצט האָט ער עס שוין געהאט אין זיין קעשענע — און, וויי, ווי גיך סע האָט זיך אויסגעגליטשט, אָדער אויסגערונען, און ער איז געבליבן נקי...

הייבט ער אָן לארמען. אמת, קיינער הערט אים נישט, אָבער דער שפּיל איז שוין געשטערט — סע האלטן אים אונטער אויך אנדערע, טייל ווילן אים איינשטילן — נעמען זיי אָן די ראָלע פון רודף-שלומניקעס. בעטן זיי דעם אומשולדיקן האָקום-פּאָקוסניק, ער זאָל טון לפנים-משורת-הדין און אים לאָזן, אויך ווען ער שטעלט נישט איין קיין געלט, בלויז אים צו געבן א סאטיספאקציע — זאָל ער אויפהייבן א פינגערהיטל, ער שטעלט טאקע נישט איין גאָרנישט — אָבער ער וועט דאָך נישט געווינען. ער האָט דאָך פריער געזאָגט, אז ער האָט נישט קיין שום פּרעטענזיעס...

נו, אויב אזוי, זאָל עס זיין: דאָ איז עס, דאָרט איז עס; דאָרט איז עס, דאָ איז עס — ווער סע וויל קאָן פּרואוון, אויך ווען ער שטעלט נישט איין גאָרנישט, נאָר בלויז אויסצופּרואוון זיין מזל...

האָט יענער פאמעלעך, מיט א ציטערנדיקער האנט, און נאָך מער פאַרכאפּט הארץ, אז דאָס האָט גאָר אין גאנצן אויפגעהערט צו קלאָפּן, דער אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט, גלייך ער וואָלט איצט איינגעשטעלט נישט דאָס געלט, וואָס ער האָט שוין נישט — נאָר ממש דאָס לעבן... מאכט זיך אָבער, אז דווקא איצט, ווען ער האָט שוין נישט געהאט וואָס איינצושטעלן אין דאָזיקן פאַרשאָלטענעם שפּיל, דווקא איצט, יאָ-יאָ, דווקא איצט — האָט ער מיטן איינציקן

פרואוו יאָ אָנגעטראָפן דאָס קערנדל אונטערן פינגערהיטל, וואָס ער האָט עס אזוי פאמעלעך אויפגעהויבן.

האָט ער אויסגעשריגן: „זעט איר?“... קיינער האָט נישט געקאָנט וויסן און אפילו נישט געטראכט צו פארשטיין, וואָס סע זאָל באטייטן אָט דער „זעט איר?“. וועמען האָט עס געקאָנט אינטערעסירן?

ער האָט אָבער זיך מער נישט געלאָזט פארשווייגן. ער האָט איבערגעחזרט שוין אויף א העכערן טאָן: „זעט איר?“... דערנאָך האָבן נאָך צוויי אנדערע פויערים אומבאקאנטע, אָבער וואָס האָבן זיך צוגעקוקט מיט נייגער צום שפיל, אויך מיטגעשריגן צוזאמען מיט אים: זעט איר?...

פארשטייט זיך, אז פון אזא עסק קאָן מען שווער ארויס מיט גאנצע ביינער. עס איז באוואוסט, יעדער פשוטער קאָרטן-שפילער ווייסט עס, אז ווען איינער פארשפילט זיין געלט, יענער שרייט. אז קיינער הערט אים נישט, דאָס ווייסט מען אויך. אויף דעם איז דאָ אן אָנגענומען ווערטל: „קאָרטן-שפילער, אין דרערד אריין!“, וואָס וויל זאָגן אז אויף א קאָרטן-שפילער דארף מען קיין רחמנות נישט האָבן. קיינער האָט אים נישט געבעטן זיך אוועקזעצן שפילן קאָרטן... דאָס זעלביקע איז חל אויך אין דאָזיקן פינגערהוט-שפיל, וואָס איז פיל קלאָרער און ריינער ווי דער קאָרטן-שפיל. דאָרט איז עס בלויז א גורל, צי א מזל זאך, בעת דאָ, ביים פינגערהוט-שפיל איז עס לגמרי אנדערש. דאָ דארף מען בלויז זיין אויפמערקזאם, און אויב עמעצער פארשטייט זיך נישט צו דעם שפיל — איז ווער האָט אים געבעטן זיך אריינצולאָזן צו וואָס ער פארשטייט זיך נישט?... אויך אין אזא פאל איז פאראן א ווערטל: „ווער סע עפנט נישט די אויגן, יענער עפנט די קעשענע“...

ווערטלעך? ווערטלעך זענען פאראן מער ווי איבערגענוג. קיין ווערטלעך מאנגלען קיין מאָל נישט. אָבער ווערטלעך קאָן מען נישט איינשטעלן אין שפיל, אפילו נישט אין פינגערהוט-שפיל... אין קאָרטן-שפיל, אין יענעם אומשולדיקן קאָרטן-שפיל, וואָס מע האָט געשפילט אין די ניטול-נעכט צי אין די חנוכהנעכט, פלעגט מען אין כאָר נעמען איבערן צימבל אזא איינעם, וואָס האָט זיך אויסגעליידיקט די קעשענעס ביי די קאָרטן מיטן באַקאָנטן זמר:

„אלטער פארצער, שטונקער —
איך טענה מיט דיר א גאנצן ווינטער,
אז דו קאָנסט נישט,
וואָס זשע נעמסטו זיך אונטער?“...

אזוי פלעגט מען אמאָל זינגען, מיטן ימים־נוראימדיקן ניגון, צווישן היימישע, ביי די קאָרטן, אין די חנוכה־אָוונטן. אָבער איצט, ביי דעם פינגער־הוט־שפּיל, ווען עטלעכע פּויערים האָבן אָנגעהויבן מיטשרייען מיטן קרבן: זעט איר?...האָט מען שוין געדאַרפט טראַכטן ווי אַזוי צו פאַרענדיקן דעם דאָזיקן שפּיל, וואָס האָט זיך געקאָנט ענדיקן נישט זייער פריילעך.

מע האָט שוין געהערט אַזאַ... בעסער זאָל מען עס נישט איבערחזרן. קודם הערן זיך געשרייען, טענות, געוואַלדן — דערנאָך באַווייזט זיך אַ מעסער, ווי אַ חלף, נישט צו קוילען אַ הון — נאָר צו קוילען אַ חזיר, וואָס איז גרעסער און שאַרפער... און עס איז באַוואוסט, אַז אַזאַ מעסער אין אַ האַנט, אַ נישט זיכערער, וואָס ציטערט נאָך דעם ווי זי פאַרשפּילט דאָס גאַנצע געלט, שטעכט און לאָזט אַרוים די קישקעס...

וואָס זשע איז צו טון?

...איז דאָ בלויז איין איינציקע, בלויז איין רפואה — פּאָליציי...

ד

אָט דאָ דאַרף מען איבעררייסן דאָס דערציילן און צוגעבן עטלעכע אויפקלערונגען, כדי די מעשה זאָל זיין פאַרשטענדלעך, און פאַר וואָס נישט אויך גלייבלעך און נישט אויסזען אין גאַנצן ווי אויסגעטראַכט? אמת, שוין פון אָנהייב האָט זיך געזאָגט, אַז „סע האָט געקאָנט זיין", „מע וואָלט אים געקאָנט", אָנרופן „באָנדי". אָבער אין גאַנצן אויסגעטראַכט איז דאָך די מעשה דווקא נישט, אויך ווען דאָ און דאָרט איז זי אויב נישט באַפּלעקט מיט אַ ביסעלע רכילות, איז זי כאָטש „באַפּוצט" מיט קאָלירטע פּאַווע־פעדערן אויך נישט, בלויז טיילווייז... מחמת דעם, מוז מען מאַכן עטלעכע אויפקלערונגען צו דעם פריער דערציילטן.

ווער וועט דען קאָנען גלייבן אַז איינער אַליין, ווי געשיקט יענער באַנדי זאָל געווען נישט זיין, אָבער דאָך איינער אַליין, זאָל קאָנען ביישטיין מערערע פאַרשפּילער? און דאָס דאַרף מען דאָך נישט גיין דערציילן קיינעם, אַז איינער וואָס האָט פאַרלוירן, און נישט בלויז עטלעכע גראָשן, נאָר צו אַ גרעסערן סכום געלט, וואָס רייסט ביים האַרץ, לאָזט זיך אויסבייטלען פון איינעם אַליין — און ער גייט זיך אַוועק אַזוי, בלויז זיך מיט אונטערוואָרטשען, אַז מע האָט אים חלילה באַשווינדלט?!

איז דאַרף מען אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, וואָס נישט יעדער איינער בשר־ודם האָט עס געוואוסט, אַז נישט איין פינגערהוט־שפּילער איז געווען, נאָר ממש אַ גאַנצער קאָנסאָרציום. מע וואָלט עס געקאָנט אָנרופן מיט אַ

מער הײנטצײטיק װאָרט: קאָאָפּעראַטיװ. אין דער דאָזיקער חברה, צי פֿאַראײן איז אַרײַן צון אַ פֿאַרטרעטער פֿון כמעט יעדער נאַציאָנאַליטעט, װאָס האָט געלעבט אין מאַראַמאָרעש. איז דאָך מאַראַמאָרעש באַשטאַנען פֿון אַ באַפֿעלקערונג, געקעסטלט װי אַ שאַך-טאָװל. אײנס װײַס, דאָס אַנדערע קאָלירט. יעדעס איז געװען פֿון אַן אַנדערער באַפֿעלקערונג. איז אײנס געװען פֿון רומענער (װאָס איז געװען דער גרױסער רוב!) איז דאָס אַנדערע געװען פֿון אונגערן, דאָס דריטע פֿון רומענער, איז דאָס פֿערטע שױן געװען פֿון רוטענער אָדער אוקראַינער. בלױז אין טאָל פֿון דער מאַרע צי פֿון דער איזע איז די באַפֿעלקערונג געװען בלױז אַ רומענישע.

די ײדישע באַפֿעלקערונג איז אָבער געװען צעשפּרײט אין אַלע ײשובים, סײַ אין די רומענישע, סײַ אין די אונגערישע, סײַ אין די אוקראַינישע. טאַקע מחמת דעם איז בײַ יעדער פֿאָלקס-צײלונג די ײדישע באַפֿעלקערונג געװען די גרעסטע מינדערהײט. זי איז געקומען תיכּף נאָך דער רומענישער רוב-באַפֿעלקערונג. אױך װען די אונגערן (אונטער דער פֿאַשיסטישער הערשאַפֿט!) האָבן געמאַכט די פֿאָלקס-צײלונג, און זיך באַמיט אַרױסצוברענגען װאָס מערער אונגערן, װען מע האָט די אוקראַינער אױך געפּרואװט דערקלערן פֿאַר אונגערן, אױך דעמאָלט האָט מען נישט געקאָנט אױסמײַדן דעם רױען אמת, אַז די גרעסטע צאָל באַפֿעלקערונג איז די רומענישע, די צװײטע איז די ײדישע — ערשט שפּעטער קומען אױף דער רײ די אונגערן.

פֿאַרשטײט זיך, אַז בײַ אַזאַ עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט, קאָן נישט אײנער אַלײן, װי געזאָגט, װי געשיקט און פֿלינק ער זאָל נישט זײַן דער פֿינגערהוט-שפּילער, האָבן קײן קיום. צו דעם מוז מען זיך אָרגאַניזירן און האָבן אונטערהעלפֿער, װאָס זאָלן נישט בלױז שטיצן די דאָזיקע אונטערנעמונג, צוהעלפֿן כדי זי צו לאָזן אין גאַנג, נאָר אױך שטײן בײַ דער זײַט פֿונעם קינצלער, און אין אַ נױט אים ראַטעװען פֿון „אונטערגאַנג"...

צו דעם מוז מען צוגעבן, אַז דער דערמאָנטער רעפֿרײן: „דאָ איז עס, דאָרט איז עס", איז טאַקע אַזױ געזאָגט געװאָרן, אױף ײדיש, אַזױ װי עס איז דאָ דערצײלט געװאָרן, מיט דער באַמערקונג, אַז דאָס בלױז אין דער „ײדישער גאַס" פֿאַר די ײדישע תּושבֿים, יונגעלײַט, װעמען סע האָט זיך פֿאַרגלוסט אױך טועם צו זײַן פֿון אַ לײַכט פֿאַרדינסטל און געװינען אַ צװאָנציקער, בעת מע שטעלט נישט אײַן בלױז אַ פֿינפֿערל... יאָ, בלױז פֿאַר די ײדישע נײַגעריקע, אין דער ײדישער גאַס.

װען ער איז אַרױסגעגאַנגען שװימען אין ברײטן טײַך, כאַפּן גרעסערע „פֿיש" אין מאַרק-טאָג, סײַ װען סע האָט זיך געהאַנדלט אין אַ יאַרמאַרק, װען

סע זענען געווען פיל קונים צי בעלנים צום פינגערהוט-שפיל, סיי אין א פשוטן וואָכנמארק טאָג — דעמאָלט האָט באָנדי נישט געזאָגט דעם רעפריין אין יידיש. דעמאָלט האָט ער אים געזאָגט, ווי א גוט באקאנטן אויסגעלערנטן איינגעחזרטן רעפריין, אין די צוויי שפראכן: רומעניש און אונגעריש. אוקראיניש נישט. אפשר האָט ער נישט געקאָנט (הגם עס איז שווער דאָס צו גלייבן!) און אפשר איז עס נישט געווען נייטיק. סיי די רוטעניש פויערים, סיי די דייטשע שוואבן אָדער ציפצערן, האָבן פארשטאנען רומעניש אָדער אונגעריש.

און פאראלעל מיט זיינע לשונות, אויף וועלכע ער האָט מיטן זעלביקן ניגון געזאָגט זיין רעפריין, האָט ער געהאט אויך זיינע מיטארבעטער: א רומענער, אן אונגער, אן אוקראינער. יעדער איז געווען מיט זיין נאציאָנאלן לבוש, מיט זיין נאָמען אָדער „פסעוודאָנים". אויב ער האָט געהייסן באָנדי, וואָס איז געווען אן אונגערישער נאָמען, אָבער אויך גענוצט פון מאדיאריזירטע יידן, וואָס איז געווען דער דימינוטיוו פונעם יידישן „בענדיט" — האָט דער רומענישער שותף געהייסן „וואסילי" (נישט וואסילע, ווייל אין מאראמאָרעש איז דער זעלביקער נאָמען מיט אן „אי"ביים סוף!), דער אונגער האָט געהייסן „פישטאָ" פון דעם אונגערישן נאָמען „אישטוואן", וואָס איז דער באקאנטער נאָמען „שטעפאן". און דער אוקראינער האָט געהייסן „דיאָ", דער דימינוטיוו פונעם באקאַנטן נאָמען „געאָרגע".

דאָס הייסט, אז לכל-הפחות זענען געווען פיר שותפים, וואָס פלעגן זיך „צופאליק" באגעגענען אין מארק, וואָס האָבן זיך זעלטן געוויזן אין אן אנדערן טאָג, אז זיי זאָלן זיין אלע פיר צוזאמען. זיי האָבן זיך „נישט געקאָנט", בלויז „צופאליק" האָבן זיי זיך דאָ באגעגנט. צופאליק האָבן זיי גערעדט די אלע פיר שפראכן, וואָס זענען נייטיק געווען אין דאָזיקן קאנט.

יעדער איינער פון דאָזיקן שותפות האָט געהאט די הויפט-ראָלע, ווען סע האָט זיך געהאנדלט פון זיינע מיטבירגער, וואָס זענען צוגעשטאנען פרואוון זייער מזל. דאָס הייסט, אז אויב סע האָבן זיך פארזאמלט ארום פינגערהוט-שפילער רומענער, דאן האָט באקומען קוראזש דער רומענישער שותף און איז דער ערשטער אריינגעשפרונגען אין שפיל. ער איז געווען דער „אָנהייבער". ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פארשפילט... פארשטייט זיך, אז דער ערשטער פארשפילער האָט געהאט די בכורה סיי צו זיין דער גרעסטער אומצופרידענער, סיי צו מאכן דעם גרעסטן סקאנדאל אז מע האָט אים באשווינדלט — ער איז דאָך געווען דער ערשטער קרבן.

צו וואָס טויג זיין דער גרעסטער קרבן?

וועט מען עס באלד געוואויר ווערן, צו וואָס סע קאָן צו ניץ קומען. און

פאר וואָס דער דאָזיקער דאַרף זיין פון דער זעלביקער נאַציאָנאַליטעט ווי דער פויער, למשל, וואָס האָט פארשפּילט אין דאָזיקן פארשאָלטענעם שפּיל, וואָס זעט אויס צו זיין אַ גאָרנישט, לייכטער ווי לייכט, און דאָך קאָן מען פארשפּילן אפילו די הויזן...

אגב, מעג דאָ געזאָגט ווערן, אַז שפּעטער מיט יאָרן, מיט וואָגיקע יאָרן, ווען זיך ארויסווייזן אַז נישט בלויז ביים פינגערהוט-שפּיל פון איינעם אַ שווינד-לער, וואָס ווייסט ווי אַזוי אויסצונארן דעם לעצטן גראָשן ביי נאַיווע פויע-רים — נאָר אויך אין דער פּאָליטישער טעטיקייט, איז בעסער אַז זיי זאָלן זיין פון דער זעלביקער נאַציאָנאַליטעט מיט די קרבנות, יענע וואָס וועלן מיטהעלפן אָפּצוקוילען, ווי מיט אַ שטומפּיק מעסער, זייערע אייגענע חברים און מיט-בירגער. פאר וואָס? כדי מע זאָל נישט זאָגן, אַז „פרעמדע" טוען עוולות... אייגענע וועלן דאָך קיין עוולות נישט טון. אייגענע קענען העכסטנס אָפּטון אַ „יושר", ווען מע מוז אָפּקערן דאָס שלעכטע פאר דער „אייגענער" טיר. דאָס הייסט, דאָס אייגענע „מיסט"... אָבער וועגן דעם האָט זיך שוין דערציילט ביי אַן אנדערער געלעגנהייט. איצט האַנדלט זיך בלויז וועגן שותפים פון...

שותפים? דאָס איז צו ווייניק געזאָגט. זיי זענען געווען ממש ווי לייב-לעכע ברידער, ווען מע האָט געדארפט מיטארבעטן צום עסק — אָבער לפּנים האָבן זיי זיך נישט געקאָנט. האָבן זיך אפילו נישט באַגריסט ווען זיי פלעגן זיך צופאַליק באַגעגענען אין אַן עפנטלעכן אָרט. יאָ, בלויז צווישן פיר אויגן, צי צווישן זייערע זעקס אויגן — העכסטנס צווישן אכט, אָבער „איי-גענע", האָבן זיי זיך איינפארשטאַנען אין אַלע פיר לשונות. יידיש? קאָן זיין אַז זיי האָבן אויך געלערנט אין אַ חדר... געווען דאָך אַזעלכע פאַלן. געווען, למשל, איינער אַ רומענער, וואָס האָט געהאַט אַ בן-יחידל און אים געגעבן לער-נען אין חדר, זאָל ער לערנען יידיש צווישן יידן, פלעגט ער זאָגן — זאָל ער זיך אויסלערנען יידישן שכל...

פארשטייט זיך, אַז סע זענען געווען מיינונגען, אַז דער מלמד וואָלט אים נישט געדארפט אָננעמען: אויסוואַקסן אַ שונא-ישראל?!... זענען אָבער אויך געווען מיינונגען, אַז אויב ער וועט לערנען מיט יידישע יינגלעך צוזאַמען וועט ער נישט קאָנען זיין קיין שונא-ישראל, אויך ווען זיין פאָטער וואָלט עס אפילו יאָ וועלן... אַזוי זענען געווען חילוקי-דעות צווישן די צדדים. דער מלמד אָבער, האָט געהאַט אינטערעס, זיין אינטערעס, צו האָבן מערער מיט איין תלמיד, בפרט אַזעלכן פאר וועלכן ער איז אויך אפשר בעסער באַצאָלט ווי פאר אַ יידישן תל-מיד... נו, איז וואָס? וועט ער אויך מיט אים לערנען „תורה"...

איז קאָן זיין, אז אזא איינער פון אזעלכע איז געוואָרן, מיט דער צייט, א שותף צום פינגערהוט-שפּיל?

נאָך איין זאַך דארף מען אויפקלערן פון אפריער: מע טאָר זיך נישט אריינלאָזן אין שפּיל אָן חשבון. דאָס הייסט, אז סיי ווער סע וויל, יענער מעג שפּילן, מעג זיין אויפמערקזאם אָדער נישט. אָבער דער קונצנמאכער גופא, ער טאָר זיך נישט פארלירן דעם קאָפּ. ער טאָר זיך נישט „אָנשיכורן“, אזוי ווי סע שיכורן זיך אָן זיינע קונים-בעלנים פון זיין רעפריין: דאָ איז עס, דאָרט איז עס... ער דארף וויסן וועמען צו לאָזן „איינשטעלן“ און וועמען אויסמיידן, מיט טאקט, מיט אן אויסרייד. ער דארף וויסן ווען מע דארף לאָזן עמעצן געווינען און ווען מע קאָן זיך דערלויבן צו מאַכן פארשוואונדן דאָס קערנדל. אז אפילו דער רוח זאָל נישט וויסן וואו עס צו געפינען. ביי וועלכער סומע ער קאָן העכערן דעם פּרייז פון איינשטעלן, ווען ער קאָן זיך דערלויבן צו לאָזן פּרואוון דאָס מזל, אויך אָן דעם מע זאָל איינשטעלן געלט, בלויז פון נייגעריקייט וכדומה. ער דארף זיין קלאָר און וויסן, ווען מע קאָן זיך דערלויבן אז מע זאָל מאַכן א צווייטן איינשטעל, נאָכן ערשטן נישטגעלונגענעם אויפהייבן דעם ערשטן פינגערהוט, און פאר א טאָפּלטער סומע מעג מען אויפהייבן אויך איינעם פון די צוויי איבערגעבליבענע פינגערהוטן... אלנפאלס טאָר מען בשום אופן נישט דערלאָזן, פאר קיין שום געלט אויף דער וועלט, אָדער על פּי טעות זאָל מען אויפהייבן אויך דאָס דריטע פינגערהיטל — און באמערקן אז דאָס קערנדל געפינט זיך אייגנטלעך אין ערגעץ נישט...

דער שווארצקינצלער דארף, ווי געזאָגט, זיין ניכטער און וואך. ער דארף וויסן, אז מע טאָר נישט האָבן קיין טעות. דער קלענסטער טעות קאָן טייער קאָסטן, וואָס קיינער קאָן נישט פאָרזען דעם פּרייז. פון איילעניש, צי פון אויפגערעגטקייט, צו פארלירן דאָס קערנדל צווישן די פינגער, אזוי אז די צוקוקער זאָלן מיט זייער „אויפמערקזאמקייט“ אין אכט נעמען וואו עס געפינט זיך באמת דאָס קערנדל — דאָס קאָן זיין א קאטאסטראָפע...

און — איינע פון די וויכטיקסטע כללים, וואָס איז א מין פּרינציפּ, לויט וועלכן מע דארף זיך פירן אין אלע צייטן און אין אלע אומשטאנדן: פון צווישן די פארשפּילער דארף זיין איינער, אָדער העכסטנס צוויי. נישט מערער. יאָ, נישט מערער. מע טאָר זיך נישט אריינלאָזן אין א „טיפן“ טייך און אויך נישט אויף א „צו ברייטן“ שליאך — כדי מע זאָל נישט פארלירן די ציימלען פון די הענט. מע קאָן זיך חלילה אין דער „טיף“ דערטרענקען און נישט געפינען די שטרוי אין וועלכער מע זאָל זיך אָנכאַפּן און אָפּראטעווען.

תמיד דאַרף זיין בלויז איינער אָדער העכסטנס צוויי קרבנות. דאָס בעס־טע איז ווען עס איז פאַראַן, אחוץ דעם „איינגענעם" ערשטן איינשטעלער, איין איינציקער קרבן, וועלכן מע האָט „אויסגעבייטלט" ביז צום לעצטן גראָשן, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרקויפט א פּאָר אָקסן, אָדער ער איז געקומען מיט א בייטל קויפן אָקסן... אָקסן, דאָס איז א סכום, פאַר וועלכן עס איז כדאי איינצו־שטעלן. ווען מע קאָן געווינען אַזא סכום, די ווערט פון א פּאָר אָקסן — קאָן מען דערנאָך זיך דערלויבן זיצן וואָכן, און ווען נייטיק אויך עטלעכע חדשים, אויס־באַהאַלטן, זיך נישט צו ווייזן אין קיין שום היגן וואָכנמאַרק — ווייל דער קרבן קאָן טשאַטעווען, ער קאָן קומען וואָך־איין און וואָך־אויס „זוכן" זיינע פאַרשפּילטע „אָקסן"...

יאָ, אָקסן זענען נישט קיין שפּילעכל. דאָס קאָן מען נישט געווינען אין א פּשוטן וואָכנמאַרק־טאָג. דאָס געשעט זעלטענער, אָבער נאָר אין א יאָר־מאַרק־טאָג.

אמת, די ריזיק איז סכנהדיקער. מע קאָן לייכט זיך פאָרשטעלן דעם מצב, ווען איינער איז געבליבן אָן די פּאָר אָקסן, וואָס ער האָט געבראַכט אויפן מאַרק פאַרקויפן, אָדער געקומען מיט געלט קויפן — און איצט איז ער געבליבן אי אָן געלט אי אָן אָקסן.

איז קלאָר: צו האָבן מערערע קרבנות קען זיך, אויך ווען די שותּפים זענען נישט קיין פאַרשלאָפענע, דאָך האָט יענער וואָס האָט פאַרלוירן זיין געלט אין שפּיל, מער מוט צו מאַכן א געוואַלד. ער שרייט העכער — און פונעם גאַנצן האַרץ, וואָס דער בעסטער שותּף, דער בעסטער אַקטיאָר וועט עס נישט קאָנען באַווייזן, אַזוי הויך און אויפגעבראַכט צו שרייען. מחמת דעם איז באַ־וואוסט, אַז עס איז בעסער אויסצומיידן צו האָבן קעגן זיך א „המון".

א יחיד־צוויי, קאָן מען איבערשרייען.

און אויב סע האָט זיך שוין יאָ געמאַכט, אַז יענער וואָס האָט פאַרלוירן א פּאָר אָקסן, האָט אָנגעהויבן מאַכן א געוואַלד — דעמאָלט האָט זיך באַוויזן דער „ערשטער" וואָס האָט אָנגעהויבן דעם דאָזיקן שפּיל, דער ערשטער וואָס איז „באַשווינדלט" געוואָרן. דער „ערשטער". הגם ער האָט פאַרשפּילט נישט מער ווי איין פינפער, וועגן וועלכן עס איז נישט ווערט די רייד, בעת דאָ האַנ־דלט זיך אין טויזנטער לעי — אָבער ווער קאָן זאָגן אַז זיין פינפער איז ביי אים נישט מער חשוב ווי יענעמס טויזנטער?!

איז יענער „ערשטער", וועמען מע האָט באַשווינדלט צום ערגסטן, ווייל ער איז דאָך געווען דער ערשטער קרבן — יענער מאַכט אָן דאָס גרעסטע געוואַלד...

און ער לאָזט זיך נישט. ער שרייט איבער אַלע, אויך יענעם וואָס האָט פאַרשפּילט זיינע אָקסן. ער לאָזט זיך נישט... נישט בלויז ער שרייט, נאָר ער זוכט יושר. און ביי וועמען קאָן מען זוכן אין אַזעלכע אומשטאַנדן און געפינען יושר — פאַרשטייט זיך, אַז ביי דער פּאָליציי... הייבט ער אָן שרייען און געוואַלדעווען אַז מע האָט אים באַשווינדלט, ממש אויסגעשניטן זיין בייטל. און אין אַזאַ פאַל ווי פון אונטער דער ערד באַווייזט זיך אַ פּאָליציאַנט (פריער האָט מען געקאָנט זוכן מיט אַ ליכט אַ פּאָליציאַנט אויף אַ רפואה, וואָלט מען נישט געפינען. איצט וואַקסט ער אויס ווי פון אונטער דער ערד!), וועלכער פרעגט נישט גאָרנישט וועגן וואָס סע האַנדלט זיך — נאָר ער „אַרעסטירט" אַלע... דאָס איז די בעסטע אויסגעפּרוּווטע רפואה. מע פאַרנעמט אַלע, דעם „שווינדלער" און אויך דעם „באַשווינדלטן". בסך־הכל זענען דאָך פאַראַן בלויז צוויי: דער שוואַרצקינצלער, באָנדי, און (זיין שותף!) דער „ערשטער" וואָס האָט פאַרשפּילט זיין פינפערל... ער האָט דאָך געשריגן נאָך הילף אַז מע זאָל אים אָפּראַטעווען. גייט דער פּאָליציאַנט און פירט זיינע ביידע „אַרעסטאַנטן", און נאָך אים, אָדער נאָך זיי, גייען נאָך אַנדערע, צווישן וועלכע אויך יענער וואָס האָט פאַרשפּילט זיינע אָקסן... גייט מען אַזוי עטלעכע טריט, ביז זיי ווערן מיד. דער פּאָליציאַנט טוט אַ ווינק צו אַ דראָזשקע — זיי, די אַרעסטאַנטן בראָש מיטן פּאָליציאַנט, זעצן זיך אויף, און מע פירט זיי „מישפּטן" אין פּאָליציי־צירקל...

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם פאַל בלייבן אַרונטער די איבעריקע, צווישן וועלכע אויך יענער וואָס האָט פאַרשפּילט די אָקסן...

די אַרעסטאַנטן פאָרן אַרוים פונעם מאַרק אין אַ דראָזשקע, מיטן אויפגעהויבענעם דעקל פון דער דראָזשקע, כדי סע זאָלן זיי זען וואָס ווייניקער נייגעריקע. און ווען זיי קומען אָן נענטער צו דער פּאָליציי (און צו מאָל גייט מען אויך אַריין אין טויער פון דער פּאָליציי, אויב עס איז נייטיק, און מע גייט אַרוים דורכן הינטערטירל!), גייט זיך יעדער אין זיין וועגס...

אַזוי נעמט אַ סוף צום הײַנטיקן מאַרקטאָג, וואָס איז געווען אַ מזלדיקער, אַ גאָר מזלדיקער.

אַ פּאָר אָקסן איז נישט קיין קלייניקייט...

וואָס שייך דער פּאָליציי, איז סיי ווי סיי דאַרף מען זיי געבן זייער חלק. און, צוריק געשמועסט, פאַר וואָס זאָל מען זיי נישט געבן קיין חלק — זיי זענען דען נישט אַזעלכע וויכטיקע שותּפים? אויב מע וויל גוט אַ טראַכט טון, קומט דאָך זיי דער גרעסטער חלק... ווער וואָלט נאָך געקאָנט אַזוי שיין און גלאַטיק אָפּראַטעווען פון אַזאַ מצב, ווי פון אַזאַ סקאַנדאַל אין מיטן מאַרק, ווען מע

האָט אויס געבייטלט ביי איינעם נישט מער און נישט ווינציקער ווי א פאָר אָקסן?!...

וואָלט מען דאָך געקאָנט פונקט אזוי פרעגן: אויב סע זענען פאראן אזוי פיל שותפים, יעדער שותף האָט דאָס רעכט אויף זיין חלק; נאָך מער, טייל האָבן מערער רעכטן און דארפן באקומען פיל א גרעסערן חלק — איז וואָס זשע בלייבט איבער פאר אים, פארן הויפט-קינצלער, פאר באָנדין?

איז איידער צו ענטפערן אויף אָט דער בארעכטיקטער פראגע, איז לייבטער צו פרעגן נאָך איינע, למשל: מיט וואָס האָט מען זיך געשפייזט אין יענע וואָכן, ווען דער וואָכנמארק האָט נישט געהאט קיין צו פיל מזל?! פון וואנען האָט מען גענומען אויף פרנסה אין די ווינטערדיקע חדשים, ווען מע האָט נישט געקאָנט „ארבעטן" ווייל אין דער קעלט (און קעלטן זענען דאָך דאָ זייער אָפט אונטער די קארפאטישע פארשנייעטע בערג, פון די קאלטע ווינטן וואָס בלאָזן יעמערלעך פון די מאראמאָרעשער וועלדער!) האָט מען נישט געקאָנט רירן די פינגער, מע האָט נישט געקאָנט „מאנעווורירן" דאָס קערנדל אונטער די פינגערהוטן?!

ניין. עס איז נישטאָ קיין קלאָרער ענטפער אויף אָט די אזוי לייכטע שאלות. קיינער גיט נישט די ענטפערס — אפילו די פראגעס שטעלט נישט קיינער. פשוט, ווייל עס איז נישטאָ וועמען זיי צו שטעלן. באָנדין? ער איז מער אויסבאהאלטן ווי זיין קערנדל. פאר מורא ווייזט ער זיך נישט צו פיל אונטער דער ליכטיקער זון, נאָך אזא יאָרמארק, ווייל דער פויער וועלכער איז געבליבן אָן די אָקסן און דעם געלט איז א צייט נאָכגעגאנגען נאָך יענער דראָזשקע, וואָס האָט „ארעסטירט" דעם שווינדלער, איז ער אָבער אפילו נישט ווילנדיק פיל אהינטערגעבליבן. ווייל, ווי באוואוסט, לויפט אפילו דאָס מאָגערסטע פערדל פון א דראָזשקע גיכער ווי איינער וואָס גייט צו פוס. והשנית, אפילו ווען ער וויל נישט, טראכט ער זיך, ווי געוויינטלעך א פויער: וואָס זאָל איך נאָכלויפן? אריינגיין צום לייב אין מויל? דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער, בפרט א פויער, אז צו דער פאָליציי און צו די זשאנדארן איז לייכט אריינצוגיין אָבער עס איז שווער, צו מאָל זייער שווער, ארויסצוגיין... איז וואוהין זשע זאָל ער זיך שטופן? פון דער פאָליציי וועט ער קיין יושר נישט באקומען און זיין פארשפילט געלט אוודאי נישט. בלייבט אים איבער אז ער זאָל פרואוון זיך אליין מאכן גערעכטיקייט, זיך כאָטש נוקם זיין.

ווי אזוי? דאָס איז נאָך נישט גענוג קלאָר. אָבער טראכטן טראכט ער און שווערט אין זיין געדאנק, אז ער וועט זיך נוקם זיין. ווי אזוי? וואָס הייסט ווי אזוי, מיט א מעסער אין די קישקעס...

ווייסט אַט דעם סוד אויך באַנדי — איז ווייכט ער די ליכטיקע זון אין די ערשטע טעג, וואָכן און אפילו אויך חדשים, ביז סע ווערט אריבער די ערשטע רוגזה.

בלייבט ווייטער די פראַגע: במשך אַט דער צייט, פון זיך אויסבאַהאַלטן, פון וואָס לעבט מען?

קאָן ווידער זיין, אַז אין דער צייט פאַרט ער אריבער אין אַן אַנדער שטעטל, ווען דאָרט איז וואָכנמאַרק, צי אַן אַנדערע געלעגנהייט. אָבער דאָרט זענען נישטאָ זיינע היגע שותפים — און ווי מע האָט געזען באַשיימפּערלעך, קאָן מען אָן שות־פים, באַגלייבטע מיטאַרבעטער, זיך נישט באַגיין. אהין קאָן מען מיטנעמען עכסטנס איינעם, וואָס זאָל שטיין ביי זיין זייט, אים געבן מוט, אַז סע זאָלן אים נישט ציטערן די הענט בעת ער „אַרבעט". מערער ווי איינעם לוינט דאָך נישט מיטצונעמען, די הוצאות זענען דאָך גרעסער ווי די הכנסות....

פון אַט די אַלע געשטעלטע קשיות קאָן מען פאַרשטיין, אַז עס איז נישטאָ מיט וואָס מקנא צו זיין אַט דעם מזלדיקן שוואַצקינצלער, וואָס דאַרף פּונקט אַזוי פאַרשווינדן, צו מאָל, ווי זיין קערנדל אונטער די פינגערהיטלעך... איז קאָן מען דאָך אויך זיין רעפריין פאַראַפראַזירן: דאָ איז ער, דאָרט איז ער; דאָ איז ער נישט, דאָרט איז ער אויך נישט — וואו זשע איז באַנדי?...

ה

זיין אָפּשטאַם?

קיין יחוס־בריוו פון סיגעטער האָקוס־פּאָקוסניק, וועלכער איז ארומ־געלאָפן אין די מאַרקטעג מיטן פינגערהוט־שפּיל, מיטן פּאַפּנדעקלענעם טע־וועלע, איינגעהילט אין שוואַרצער לייוונט, אויף וועלכן ער האָט מאַנעווירט זיינע דריי פינגערהיטלעך, האָט מען נישט געפונען. אין פּינקס איז נישט גע־ווען פאַרשריבן אַזאַ פאַרזענלעכקייט פון וואַנען ער האָט זיך אַהער געיאַוועט, ווייל קיין היגער, ווי סע ווייזט אויס, איז ער נישט געווען. דאָס הייסט נישט, אַז מע וויל זיך פון אים אָפּזאָגן, אַז אין סיגעט גופא האָט נישט געקאָנט אויס־וואַקסן אַזאַ תכשיט. דאָס נישט. קודם, ווייל עס איז אַ פאַקט אַז ער איז דאָ, הגם ער איז איינער אַליין אין גאַנצן קאַנט מיט אַזאַ „טריפהנער" מלאָכה. יאָ, איינער אַליין. בלויז דאָס איז שוין אַ לויב פאַר גאַנץ מאַראַמאָרעש. מערער אַ־זעלכע קינצלער זענען דאָרט נישט געווען. אמת, ווען מע זאָל געוועזן גוט זוכן וואָלט מען נאָך אפשר געקאָנט געפינען אַ קליינעם בייטל־שניידער, אַ קעשע־

נע-גנב, וואָס האָט געווירקט דאָ און דאָרט. אָבער דאָס זענען געווען קליינע נישט אזעלכע גרויסע „קינצלער" ווי ער.

יאָ, מע פלעג יאָ דערמאָנען פון איינעם „רייניץ", וואָס איז געווען אַ-מאָל אפשר נאָך פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה, אַ פאַרמאָסקירטער פּרו-מער ייד, אָבער אין דער זעלביקער צייט איז ער געווען אַ קוואַליפיצירטער רוי-בער און אין געוויסע פאַלן, האָט מען געזאָגט, אַז ער איז געווען אויך אַ רוצח. אָבער דאָס האָט געקאָנט זיין בלויז אַ לעגענדע. קיין שפּורן האָבן זיך נישט זייער פאַרגעדענקט, וואָס זאָלן עדות זאָגן, אַז עס איז אין מאַראַמאָרעש טאַקע אין אמתן געווען אזא מין פאַרשוין ווי „רייניץ". יאָ, ווען מע האָט גערעדט און געוואָלט מאַכן אַ פאַרגלייך, פלעגט מען טאַקע זאָגן: דאָס איז דער „צווייטער" רייניץ!... אָבער וועגן „ערשטן" רייניץ? איז מעגלעך אַז ער האָט יאָ עקזיס-טירט און מעגלעך איז, אַז עס איז בלויז, ווי געזאָגט, אַ לעגענדע. און אפשר איז ער גאָר פאַרמשפּט געוואָרן אומשולדיק! מע האָט דאָך שוין געזען אויך אזעלכע פאַלן?!

אָבער באַנדי? ער איז טאַקע נישט קיין רוצח, נישט קיין רויבער, על פּרשת דרכים, אין די וועלדער — אָבער אַ „שוואַרצקינצלער", אויסצובייטלען עמעצן ביי זיינע פינגערהיטלעך, דאָס יאָ. דאָס איז שוין יאָ אַ פאַקט. אזוי אַז אפילו מע וואָלט געוואָלט, קאָן מען זיך פון אים נישט אָפּזאָגן. העכסטנס קאָן מען אים געפינען אַ זכות, אַז ער איז אַן „אהערגעקומענער". אַלנפאַלס איז ער נישט אויפגעוואַקסן אין סיגעט ממש. דאָרט האָט עס נישט געקאָנט געשען. וואָלט דען געקאָנט אויסוואַקסן אזא „לייט" אין אזא יידישער שטאָט?!

אָבער אַז מע וויל רעקאָנסטיטואירן כאָטש עטלעכע דאַטן וועגן זיין ביאָגראַפיע, וואָס סע האָט זי קיינער נישט געקאָנט, קאָן מען עס טון אויפן יסוד פון השערות, וועגן וועלכע מע האָט געשמועסט.

ער האָט געקאָנט שטאַמען פון אַ פאַרוואָרפן דערפל נעבן באָרשע, אַ יישוב וואָס איז געווען גרעסער פון אַ דאָרף און קלענער פון אַ שטעטל. זיין געבורט-שטעטל איז געווען אריינגעשטעקט אין די פאַרוואַלדעוועטע בערג, אָבער איז באַפעלקערט געוואָרן מיט יידן, צווישן די היימישע רומענער, מיט אַן אייגענעם רב צי אַ דיין, אַ שוחט, אַ ראש-הקהל, וואָס איז אפילו אַ שטיקל גביר — און מיט תלמידי חכמים וואָס לערנען גמרא צי משניות ווען זיי זיצן אין די קלייטן, צי הוידענדיק זיך אויף דער קעלניע און טרייבנדיק די וועגנער מיט איינגעשפּאַנטע פערד אָדער אָקסן... יידן גאָטס-פאַרכטיקע, ווי דער גאַנ-צער ארום. אָבער אויך אַ יונגנט וואָס האָט אָנגעהויבן אריינקוקן אין אַ יידישן צי העברעאישן בוך אָדער אַ צייטונג, און דערנאָך אריבער אויך צו אנדערע

לשונות — מיט איין וואָרט: געוואָרן א ביסל מאָדערן, זיך אונטערגעשוירן די פּיאות, דערנאָך געגאָלט די באָרד, און דורך די פענצטער צי דורך א טירל ארוים, צי אריין, אין דער ברייטער מאָדערנער וועלט, געוואָרן חלוצים, אָנ-הענגער פון רעוואָלוציעס און סתם פּאָליטיק.

באַנדי האָט געקאָנט זיין איינעמס פון די בעלי-עגלות א זון. לאָמיר זאָגן אז ער איז געווען ר' זיידעס א זון.

איז וועגן פאָטער וואָלט מען געקאָנט זאָגן בלויז עטלעכע ווערטער, פון וועלכע מע קאָן זיך נאָך נישט שאַפן קיין קלאָר בילד, אָבער דאָך קאָן מען אָנצייכענען עטלעכע שטריכן פאר א סקיצע, אויב נישט פאר קיין געמעל: ער איז געווען אויך א גאָטס-פּאָרכטיקער ייד, געדאַוונט יעדן טאָג, אָבער ליידער אן עם-הארץ. ער האָט נישט פארשטאַנען קיין איין וואָרט נישט פון זיין דאַ-ווענען, נישט פון זיין תהילים זאָגן, שבת נאָך מיטאָג, אין דער שיל... ער איז אָבער געווען א לוסטיקער קבצן (א קבצן? ווי אזוי דען, אז מע דארף שפּייזן א ווייב, אויך א לוסטיקס, מיט עלף קינדער?), וואָס ווען מע זאָל געווען נישט קוקן אויף אים, אויף די צעריסענע שמאַטעס מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגע-טון, מע וואָלט בלויז געהערט זיין מיילעכל, מיט זיינע גראָבע חכמות, וואָלט מען באמת געמיינט, אז מע האָט צו טון מיט א נגיד, וואָס האָט קיין שום דאגות...

וועלן מיר מיט אים נישט מאריך זיין, כדי נישט אָפּווייכן פון דער עיקר-דיקער מעשה. סע וועט גענוג זיין צו דערמאָנען, ווי אזוי אָט דער ר' זיידע פלעגט ארויספּאָרן מיט זיינע פוילע שקאַפּעס, וואָס מע וואָלט געקאָנט ציילן זייערע ריפּן, פאר מאָגערקייט, מיט א קנאַק מיט דער בייטש, מיט אן אָפּקלינגענ-דיקן „וויאָ!", גלייך ער וואָלט געטריבן ווער-ווייסט וואָס פאר א האָפער-דיקע סוסים... איז ווען ער איז שוין געווען אזוי א מהלך פון איבער א הונדערט מעטער וויט פון זיין הייזל, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אויף צוריק און געשריגן מיט אלע כוחות:

— יענ-טע! יענ-טע!!!

ביז זיין ווייב, אויך א לוסטיקע, איז ארויסגעלאָפן אויף זיין רוף און אים אָפּגעענטפערט:

— וואָסי, אָגער מיינער?

— קוש מיך אין תחת אריין! — האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן דאָרף ווי אזוי ער געזעגנט זיך פון זיין ווייב, איידער ער גייט אין וואַלד אריין, איבער-פירן דעמבעס ביז צום באַנוועג.

און זי האָט אויך אָפּגעענטפערט מיט׳ן זעלביקן לוסטיקן טאָן, און נישט שולדיק געבליבן מיט גאָרנישט:

— דער נאָמען זאָל דיר קומען!...

אויב עמעצער האָט נישט פאַרשטאַנען אָדער נישט געהערט אזא מין אָנווינטש, אזא מין שלום-ביתדיקע ברכה, קאָן מען עס פאַרטייטשן: זאָלסט דאָרט בלייבן, צעפּלעטשט פון א קלאָץ, אָדער סע זאָלן דיך אויפעסן די וועלף צי אנדערע ווילדע חיות אין וואַלד — נאָר דער נאָמען זאָל דיר קומען, שוין אָן דיר...

דאָס איז א קללה. חלילה? בלויז א מין צערטלען זיך צווישן מאַן און ווייב, וואָס האָבן זיך זייער גוט איינפאַרשטאַנען אין זייער צוזאַמענלעבן. דאָס איז געווען בלויז דער נוסח. געקריגט האָבן זיי זיך דאָך קיין מאָל נישט, זיי האָבן זיך בלויז געוויצלט... נו, ווער סע פאַרשטייט נישט קיין וויץ, איז א פאַר-זויערטער און זיי זענען נישט געווען קיין פאַרזויערטע. וואָלטן זיי יאָ גע-ווען, וואָלטן זיי נישט געווען געקאָנט לעבן פון אזא קנאַפּער פּרנסה און מיט דרייצן מיילער צו האָדעווען.

האָבן זיי, זיך און די קינדער, געהאָדעוועט מיט אזא מין „לוסטיקייט“. באָנדי איז געווען, דאַכט זיך, דאָס נײַנטע קינד.

יאָ, ער איז געווען דאָס נײַנטע קינד, לויט דער ריי פון דער געבורט — אָבער אין שטוב איז ער געווען דער דריטער צי גאָר דער פערטער. די איבערי-קע? ווער ווייסט וואו זיי שלאָגן אָן. מעגלעך אז טייל פון זיי לעבן שוין נישט, און אויב יאָ, זענען זיי צעשפּרייט איבער גאָטס ערד... אפילו ער, באָנדי, איז דאָך אויך נישט געבליבן פיל צייט אין דער היים. אים איז נימאס געוואָרן העלפן אונטערטרייבן די שקאַפּעס, וועלכע האָבן נישט קיין כוח צו שלעפּן די שווערע דעמבעס, איז דאַרף מען פון צייט צו צייט אונטערשטופּן, כדי זיי ארויסצוהעל-פן ארויסגיין פון א בלאָטע, אין וועלכער די רעדער זענען מער ווי א העלפט איינגעזונקען. יאָ, אים איז עס נימאס געוואָרן.

ער איז נישט געווען עלטער ווי א צוועלף יאָר, ווען עס איז פאַרביי-געפאָרן אין דאָרף א פאַרלאַטעט באַדעכלט ציגיינעריש וועגעלע, נאָך וועלכן סע זענען נאָכגעלאָפן א כאָפּטע קליינע ציגיינערלעך, באָרוועסע, קויטיקע — אָבער צווישן זיי איז געווען א שיקסעלע מיט א פּעך-שוואַרצן קאָפּ, מיט נאָכהענגענדיקע לאָקעלעך, באַהאָנגען מיט „גילדענע“ צויטן און רינגען, מיט ווייסע ציין (ווי, ווי ווייס זיי זענען!... מי יודע מיט וואָס פאַר א טייערע ציין-קרעמען זיי וואַשן זיך די ציין, אז זיי זאָלן זיין אזוי ווייס!) און — יאָ, אזוי

קליין און אזוי יונג איז זי געווען, און שוין איז זי געווען אזא גרויסע כישוף־מאכערין. אזוי אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, און דאָך אזוי רייך אין כישוף... זי איז דאָך געווען אָנגעטון בלויז אין שיריים פון א קליידל, סע האָבן זיך דאָך ארויסגעזען מער ווי עס איז געווען צוגעדעקט פון איר ציגיינעריש ברוין קערפּערל. די בריסטלעך האָבן קוים זיך באוויזן, ביי אירע קוים צוועלף יאָר, צי ווּיפל. מערער אָנגעטון איז שוין אַן אפריקאנער מיידל פון די שבטים, וואָס מאכן זיך קליידונג פון בלעטער צי פון קאָרעס פון דיביימער... ווייסט דאָך אָבער יעדער, אז די ציגיינער, ווי יונג זיי זאָלן נישט זיין, פארשטייען זיי זיך שוין צו כישוף. האָט יענץ ציגיינעריש שיקסל אים אויך תיכף פארשיכורט, אים פארשלעפּט, ווי מיט געוואלד — און דעמאָלט איז ער אוועק פון דער היים, אָן דעם אז ער זאָל געווען עמעצן זאָגן א וואָרט.

אמת, נישט יעדער גלייבט אין כישוף. איז עס זיין פּערזענלעך רעכט דערצו, יאָ צו גלייבן צי נישט צו גלייבן. נאָר, צוריק געשמועסט, ווי אזוי זאָל מען נישט גלייבן אין כישוף, ווען מע זעט אזא מין זאך, נישט ביי אים, ביי באָנדין, וואָס איז נאָך געווען כמעט א קינד, נאָר אויך ביי א דערוואקסענעם מענטש, וואָס פארלירט צו מאָל זיין קאָפּ און גייט און גייט, ווי א קעלבל נאָך א קו, אזוי גייט ער נאָך א צייט, נאָך אזא מין כישוף־מאכערין? — איז וואָס זשע זאָל מען זיך וואונדערן אז אזא קליינינקער, א קינד כמעט, ווי בענדיט (דעמאָלט האָט ער נאָך מסתמה געהייסן בענדיט. ערשט שפּעטער, ווען ער איז צוריק געקומען, איז ער שוין נישט געווען יענער, נאָר „באָנדי"!) אנטלויפט פון דער היים און לויפט נאָך א ציגיינעריש וועגעלע, ווייל דאָס קליינטשיקע ציגיינערטעלע האָט אים פארכישופט, און גערופן אז ער זאָל מיטקומען מיט זיי, מאכן קונצן מיט זיי, זינגען מיט זיי, טאנצן מיט זיי, פירן זייער לעבן...

איז זאָל מען זשע נישט גלייבן אין כישוף?

ביז ווי לאנג דער כישוף האָט אָנגעהאלטן דעמאָלט ביי דעם יינגל, באָנדי, ווייסט מען נישט. ווייל א צייט האָט ער געארבעט אויך ביי א צירק, וואו מע האָט געזאָגט, ווען ער איז צוריקגעקומען, אז ער האָט דאָרט געוואשן אַן העלפאנט אונטערן ווידל... און פונעם צירק, מסתמה, איז ער צוליב אומבאקאַנטע סיבות אָנגעקומען קיין סיגעט, וואו ער האָט קודם באוויזן „קינצן" מיט א קניילעכל פון פּאַפּיר, אונטער דריי קאפּעלושן, וואָס ער האָט גערוקט מיט געשווינדקייט, פּונקט ווי ער טוט עס היינט מיט די פינגערהיטלעך — דערנאָך, מיט דער צייט, האָט ער זיך „ספּעציאליזירט" און דערגאנגען צו אָט דער מדריגה, וואָס מיר האָבן דערציילט, צו דעם שפּיל: דאָ איז עס, דאָרט איז עס; דאָרט איז עס, דאָ איז עס — פאר פינף לעי גיב איך צוואָנציק — וואו איז עס?

ווי געזאָגט, האָט מען פיל נישט געוואוסט פון זיין פּריוואַטן לעבן, ווייל ער איז דאָך נישט איינגעזעסן אויף איין אָרט. מער איז ער געווען אַ „נישט-געזעענער" ווי אַ געזעענער. אַזוי, אַז מע וואָלט נישט געקאָנט זאָגן גאָר-נישט וועגן זיין פרוי, אויב ער האָט אַזעלכע געהאַט, צי ער האָט יאָ אָדער נישט געהאַט קיין קינדער.

אפשר האָט ער טאַקע יאָ געהאַט קינדער, און ממילא געדאַרפט זיי שפּייזן, אונטערוואַקסן, זיי לערנען אַ מלאָכה און אַזוי ווייטער...

ווייסט מען אָבער כמעט גאָרנישט וועגן דעם אַלעמען.

ו

אויב ביים אָנהייב איז מיר געווען שווער, איך האָב זיך זייער שווער גע-קאָנט אַנטשליסן דאָס צו דערציילן, סע האָט מיך פּשוט געאיבלט זיך אַריינ-צולאָזן אין אַזאַ בלאָטע, זיך דאָרט צו פּאַצקען, אין דער נידעריקער טיף פון דער געזעלשאַפטלעכער מדריגה, כמעט ביים סאַמע דנאָ, עס איז דאָך אַ גאָר קליינע הנאה צו גיין טאָפּטשען מיט די פיס אין דער, הגם מענטשלעכער, צו-אָה, און פון דאָרט אַרויסרופן פונעם זכרון דאָס געשטאַלט פון אַ מאַלפּע, הגם בצורת מענטש — איך האָב זיך אָבער געטראַכט אַז דאָך איז עס אַ מענטש, מיט אַ יידישער נשמה, נאָר עס איז דאָס פּסולת, דער אָפּפאַל, אָן וועלכן איך האָב זיך געזאָגט, אַז מע קאָן זיך מסתמא נישט באַגיין, דאָס הייסט אַז עס איז כמעט אומפאַרמיידלעך...

איצט, ווען איך בין באַלד דערגאַנגען צום סוף פון דער מעשה, באַגעגן איך כמעט די זעלביקע שטרויכלונגען, און סע קומט אָן זייער שווער אַזוי צו פאַרענדיקן. סע זאָגט זיך דאָך בלויז „די זעלביקע" — זיי זענען דאָך בכלל נישט די זעלביקע. עס איז בכלל נישט פאַראַן קיין „די זעלביקע". זענען דאָך קיין מאָל נישט פאַראַן קיין זעלביקע זאַכן, קיין זעלביקע געשעענישן, קיין זעלביקע געפילן. תמיד זענען זיי אַנדערש אַנדערש. — איין מאָל ווינציקער און אַ צווייט מאָל מער, צו מאָל זענען זיי פיל מער אַנדערש. ניין, די זעלביקע זענען זיי קיין מאָל נישט, פּונקט אַזוי ווי סע זענען נישטאָ קיין זעלביקע פינגער אָפּדרוקן צווישן די העכער פיר מיליאַרד מענטשן אויף דער וועלט, פּונקט אַזוי זענען מסתמא נישט פאַראַן קיין זעלביקע געפילן, בכן קיין זעלביקע געשעענישן, בכן קיין זעלביקע גורלות, בכן קיין זעלביקער סוף פון אַ מעשה.

ניין, מע קאָן כמעט גאָרנישט פאָרויסזען, ווייל קיין מאָל לאָזט זיך עס נישט פאָרויסזען. אדרבה, דאָס לעבן טוט דווקא צו מאָל אָפּ אַ שפּיצל און

סע גייט ארוים קאפויר, ווי מע זאָגט, באָקאָם. אָבער, צומאָל איז אויך דער „באָקאָם" נישט תמיד און דווקא אויף דער אומרעכטיקער זייט, דאָס הייסט אז מיט דער פוטער אראָפּ זאָל זיך עס ענדיקן... קאָן דען נישט געשען, אז סע זאָל אַמאָל אויפשיינען די זון אין סאמע רעגנדיקן טאָג, דאָס מזל זאָל זיך ענדערן און דערצו נאָך צום גוטן, און סע זאָל זיך ענדיקן מיט א „העפּי-ענד"?!

איך האָב בכיוון ארויסגעזאָגט אָט די לעצטע השערה, דאָס לעצטע וואָרט, ווייל איך ווייס אז מע וועט מיך באשולדיקן אז דאָס אלץ וואָס איז דערציילט געוואָרן איז אויסגעזויגן פונעם פינגער, און עס אזוי אויסגעקינצלט, יאָ, ממש אויסגעקינצלט, געשטיקעוועט, געלאטעט, צוגעטראכט אזוינס וואָס איז נישט אמת, ווייל עס איז כמעט אומגלייבלעך, נאָר סע זאָל זיין א העפּי-ענד...

אָט פאר וואָס סע קומט אָן שווער צו פארענדיקן די מעשה. מע האָט דאָך קוים געגלייבט דאָס ביז איצטיקע, וואָס האָט זיך דערציילט, ווי אזוי זשע וועט מען קאָנען גלייבן דעם „סוף"?

א צייט האָב איך געטראכט, אז איך זאָל לאָזן דעם לייענער, אז ער גופא זאָל זיך פונאנדערקלייבן, לויט זיין באראָט, ווי אזוי ער וועט וועלן. זאָל ער זיך אליין פאָרשטעלן, וואָס אים וועט ליבער זיין, ווי אזוי צו פארענדיקן מיט אזא מין פארשוין, וואָס איז געווען ווי א ווילדקרויט אין סיגעטער יידישן „גאָרטן". ווי א קראָפּעווע צווישן בלומען...יאָ, איך האָב אזוי געטראכט, און געטראכט און אויך איבערגעטראכט, און דווקא צוליב דעם האָב איך נישט געקאָנט זיך פארלאָזן אויף דער פרייער פאנטאזיע פונעם לייענער.

אין דאָך דאָס גאנצע דאָ דערציילטע נישט מער ווי א פאנטאזיע. עס איז דאָך פון אָנהייב אָן אונטער דער דאָזיקער פאָרעם דערציילט געוואָרן, אז „סע האָט געקאָנט זיין"... מע האָט אים געקאָנט אָנרופן... מע האָט אים געקאָנט זען... ער האָט געקאָנט שטאמען... און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער. אין פאר וואָס זשע זאָל איך איבערלאָזן אזא פארשוין, וואָס ער איז באשאפן געוואָרן פון מיין אייגענער פאנטאזיע, אויף הפקר — אז סיי וועלכער לייענער זאָל זיך קאָנען לויט זיין שטימונג פון א מאָמענט מיט אים ווארפן לויט זיין ווילן אָדער אומווילן, וואָס וועט בכל-אופן נישט זיין אים לטובה?!

איך ווייס, אויב איך וועל עס איבערלאָזן אין די הענט (אָדער פאנטאזיע!) פון א לייענער, וועט ער עס פון זיך, אפילו אָן בכיוונדיקע שלעכטע כוונות, וועבן די מעשה בקיצור אזוי: נאָך דעם ווי צפון-טראנסילוואניע און מאראמאָרעש איז אויסגעליפערט געוואָרן דורכן ווינער דיקטאט, פון היטלערן, פאר דעם פאשיסטישן אונגערן... אין די דאָזיקע נייע באדינגונגען האָט מער באָנ-

די אוודאי נישט געקאָנט פאַרזעצן זיין פינגערהוט-שפּיל, ווייל די נייע פּאַ־שיסטישע געזעצן האָבן שוין נישט דערלויבט פאַר יידן צו גיין אויפן מאַרק... איז באַנדי מסתמה, ווי א דערפאַרענער „שותּף" מיט פּאָליציי, אוודאי געוואָרן א „שפּיצל", אָדער פּשוט געזאָגט א „מסור" פאַר די נייע פאַשיסטישע הער־שער... דאָס איז ער מסתמה, שפּעטער א ביסל, געווען אויך אין געטאָ — ביז ער איז דערגאַנגען אין אוישוויץ, וואו ער איז מסתמה געוואָרן א „קאַפּאָ" (קאַ־מעראַדן-פּאָליציי!) וואָס איז אזוי טרויעריק באַרימט געוואָרן...

אָט אזוי מסתמה, וואָלט זיך דער לייענער עם אליין פאַרגעשטעלט, מיט זיין „פאַנטאַזיע" — ווען איך וואָלט עם אים איבערגעלאָזט אומפאַרענדיקט, אז ער אליין זאָל זיך מוחל זיין באַדינען.

ז

...אוודאי האָב איך אים נישט געקאָנט אָפּענטפערן אויף זיינע ווילדע אַרויסזאָגונגען, אז היטלער האָט גוט געטון וואָס ער האָט געשיקט די יידישע שווינדלער אין די קרעמאַטאָריעס, ווייל יענע אַלע פון „גלות" זענען געווען בלויז שווינדלער, וואָס האָבן באַשווינדלט און באַגנבעט דאָס אָרעמע... ניין, איך האָב אים נישט געקאָנט ענטפערן קיין לאָגישע אויפקלערונגען, ווייל איך האָב דאָך נישט געהאַט פאַר מיר קיין „האָמאָ סאַפּיענס", וואָס האָט א מוח און טראַכט מיט אים, נאָר איינעם, וואָס האַלט זיך פאַר א „פאַרגעשריטענעם צאַברע", וועלכער האָט זיך איינגעחזרט א פּראָזעאָלאָגיע, אונטער א מאַסקע פון מאַרקסיזם. פאַקטיש איז עס דאָך געווען א לשון פון געבעלס חסידים...

והשנית האָב איך נישט געקאָנט מיט אים רעדן, אזוי ווי ער האָט עס פאַרדינט, ווייל איך בין דאָך נישט געווען ביי מיר אין דער היים, נאָר א גאַסט ביי מיין א יוגנט-חבר פון קרית-אתא, וועלכן איך האָב נישט געזען פון פאַר דער שואה — און ווי א גאַסט האָב איך נישט געקאָנט רעדן מיט אים אזוי ווי ער האָט פאַרדינט. איך בין דאָך נישט געקומען אהין, קיין ישראל, צו פירן פּאָליטישע וויכוחים, נאָר צו באַגעגענען קרובים און פריינד, צו זען און זיך צו ווייזן...

ער, ער איז נישט געווען אין זיין הויז — אָבער ער איז געווען ביי זיך אין לאַנד. האָט ער דאָך געהאַט די אויבערהאַנט איבער מיר. האָט ער טאַקע געקאָנט רעדן ווי א תקיף, בעת איך האָב זיך געמוזט צוריקהאַלטן. נאָר, אז מע באַגעגנט אזא מין שלעכט באַגעגעניש — קאָן מען זיך איינהאַלטן?

האָב איך אים שוין געזאָגט:

— מעגלעך אז אייערע עלטערן זענען טאַקע געווען, ווי איר זאָגט, שווינד־לער. מיינע זענען עס נישט געווען. מיינע האָבן געלעבט פון ערלעכער אר־בעט. אויך די עלטערן פון אונדזער גאסט־געבער, אין וועמענס הויז מיר גע־פינען זיך, זענען נישט געווען קיין גנבים, אויך ווען זיי זענען געווען סוחרים... נאָר, איך פארשטיי כלעבן נישט פאר וואָס עס איז געקומען פאר אייערע על־טערן, אז זיי זאָלן געשיקט ווערן אין דער קרעמאטאָריע, אויך ווען זיי זענען געווען סוחרים, אָדער ווי איר רופט זיי — שווינדלער? קומט דען פאר דעם טויט־שטראָף?

...איך האָב גערעדט אומזיסט. ער האָט זיך געהאַלטן ביי „זיינעם", אָדער נישט דווקא ביי „זיינעם" נאָר אין „יענע" איינגעחזרטע פראזן, וואָס זענען פאר מיר קיין מאָל נישט גילטיק געווען.

איז אז איך האָב זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און ארויס פון די כלים — האָב איך אים געזאָגט מיט אן אויפגעהויבענעם טאָן:

— וואָלט איך אייך באגעגנט ביי אונדז, אין דער סאָציאַליסטישער רו־מעניע, וואָלט איך אייך אָנגעכאפּט ביים קאָלנער, אָדער גאָר ביים גאָרגל, און אייך געפירט צו דער מיליציע און אייך אָנגעקלאָגט פאר כוליגאניזם און אנ־טיסעמיטיזם — ביי אונדז זעצט מען איין אין תפיסה פאר אזעלכע ווערטער... נאָר, איבעריקנס, וואָלט איך אייך אויף מיין אייגענעם חשבון, כאָטש אויסגע־זעצט די ציין...

מיט דעם האָב איך פארענדיקט דעם שמועס. איך האָב זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל, ווי א צייכן אז איך האָב שוין מער נישט וואָס צו זאָגן, אָדער פון אים צו הערן.

איך האָב אָבער באמערקט, אז בעת דעם דאָזיקן אומאָנגענעמען שמו־עס האָט דאָס יינגל, א צוועלף־דרייצן יעריקער, יוסי, עפּעס ארייננעשעפּטשעט דער מוטער אין אויער. האָב איך זי שפּעטער געפרעגט און זי האָט מיר מיט א שמייכל געזאָגט, אז איר זינדל האָט זי געפרעגט אויב דער „דוד", דאָס הייסט איך, בין נישט קיין קאָמוניסט? נו, פרעג איך, וואָס האָסטו אים געזאָגט? האָט זי מיר געענטפערט: זאָג אים דו, וואָס ווייס איך אים צו ענטפערן?

האָב איך אים צוגערופן:

— שמע־נא, יוסי: איך בין טאַקע יאָ א קאָמוניסט, נאָך דערצו פון א קאָמוניסטן לאנד... נאָר דער פריינד אייערער איז נישט קיין קאָמוניסט, ווי ער זאָגט — ער איז א פאַפּוגיי... בעת איך בין א ייד, און נישט קיין דעמאגאָג...

...איך ווייס נישט וואָס דער קליינער יוסי האָט פאַרשטאַנען פון מיין קור־צער דערקלערונג, אָבער אין יענעם מאָמענט האָב איך נישט ווילנדיק א טראַכט געטון, אויב „יענער" יושר־פּרעדיקער קעגן די „שווינדלערס" איז נישט קיין לייבלעכער ברודער, אָדער זון, פון דעם סיגעטער פינגערהוט־שפּילער...

פאַר וואָס עס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אָט יענער פאַרשוין, ווייס איך נישט. אָבער אזוי איז עס געשען. אָפּשר ווייל קאָנטראַסטן זענען זיך קרובים?...

ח

...אוודאי, ווען איך זאָל דאָ פאַרענדיקן מיין דערציילונג, וואָלט אויך דער לייענער געקאָנט אזוי טראַכטן, אָדער זיך אויסטראַכטן אזא „סוף" פון דער דערציילונג.

סע ווילט זיך אָבער טאַקע דווקא נישט ריזיקירן און עס איבערלאָזן פאַרן לייענער. פאַר וואָס זאָל ער מוזן אָנקומען צו אזא מין טרויעריקן סוף? איך קאָן דאָך דערציילן אנדערש, און געבן א גאָר אנדערן נוסח פאַרן סוף פון דער דערציילונג — מע וועט עס מיר אפשר נישט גלייבן? נו, איז וואָס?!

פאַר וואָס זאָל איך לאָזן דאָרט, אין דער בלאָטע, דאָס פּסולת, וואָס איז דאָך אויך א מענטש. יאָ, א מענטש, אפילו א יידישע נשמה, וואָס איז אויך באַשאַפן געוואָרן בצלם־אלקים... האָט מען דען זעלטן געזען, אז פון דער בלאָטע זאָל מען אויפהייבן א שטיינדל, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין א פּשוט שטיינדל, אָבער דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויזן, נאָך דעם ווי מע האָט עס א ביסל ארומגעוואַשן, אז עס איז גאָר א בריליאַנט?!...

איז קאָן מען זיך עס פאָרשטעלן אויך אזוי:

ווען אין הארבסט פונעם יאָר ניינצן פערציק איז דורכן ווינער דיקטאַט אוועקגעריסן געוואָרן פונעם רומענישן קערפּער דער צפונדיקער טייל פון טראַנ־סילוואַניע און אויך מאַראַמאָרעש, האָט טאַקע דער „קאָאָפּעראַטיוו" פון די פינגערהוט־שפּילער אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. ערשטנס האָבן זיך געביטן די היימישע, לאָקאַלע, הערשער — דאָס הייסט אז די פּאָליציי איז שוין נישט געווען די זעלביקע, מיט וועלכער מע האָט גאַנץ גוט מיטגעאַרבעט... דער־נאָך, זענען געקומען די פאַשיסטישע געזעצן, וואָס האָבן פאַרבאָטן פאַר יידן זיך צו באַוועגן פריי, צו פאָרן אויף א מאַרק, צו פאָרן מיט דער באַן, וכדומה. דערנאָך דאַרף מען זיך אויך רעכענען מיט די ענדערונגען וואָס זענען געשען

אויך אינעווייניק, אין דער „קאָאָפּעראַטיוו". עס איז דאָך געקומען אַן איבער־שיכטונג פונעם „נאַציאָנאַלן" שטאַנדפּונקט.

אויבנאויפיק וואָלט מען עס קוים באַמערקט. ווייל אויב ביז איצט איז דער רומענישער „מיטאַרבעטער" געווען דער הערשנדיקער און דער אונגע־רישער איז געווען דער „מינדערהייטלער" — איז איצט געווען פאַרקערט: בלויז באַנדי איז געווען און פאַרבליבן דער מינדערהייטלער. דער אונגער איז געווען דער, וואָס האָט גענאָסן פונעם פאַשיזם, איז געוואָרן חוצפּהדיקער און מע האָט נישט געקאָנט דערוואַרטן קיין „ערלעך" צוזאַמענאַרבעטן, און צווישן גנבים עקזיסטירט אויך, ווי באַוואוסט, א געוויסע מאָראַל, א געטריי־שאַפט, וואָס מע טאָר נישט ברעכן... אין אַזעלכע ניי־געשאַפענע באַדינ־גונגען האָט די צוזאַמענאַרבעט נישט געקאָנט זיין קיין פאַרטרוילעכע, אַן וועל־כער סע קאָן קיין „באַנדע" נישט זיין.

דערנאָך האָט באַנדי געקאָנט מאָביליזירט ווערן אין די צוואַנג־אַרבעט באַטאַליאָנען, אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן אוקראַינישן פראָנט, געוואָרן א בעל־תשובהדיקער געזעלשאַפטלעכער טוער... א קעמפער קעגן פאַשיזם... און — אומגעקומען אויף קידוש־השם...

איז עס מעגלעך, אַז עס איז אַזוי געשען? האָט עס געקאָנט אַזוי געשען? ווער קאָן זאָגן אַז נישט?!

...האָט דאָך דער משומד, מיכל־איציק ווידער, א מאַראַמאָרעשער ישיבה־בחור, א דיינס אַן איידעם, וועלכער האָט „אויפגעביטן דאָס רענדל", געשריבן אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען וועגן „טוב שבגוים הרוג!" אין די רומעני־שע צייטונגען, אונטערן נייעם נאָמען „מיכאי וואידא"...

האָט ער דאָך נאָך דער מפּלה פונעם פאַשיזם תשובה געטון...

האָט ער דאָך אויסגעהויכט זיין נשמה אויפן קבר פון רבי שמעון בר יוחאי — פאַסטנדיק תעניתים פאַר חרטה און תשובה...

איז ווער קאָן וויסן צי עס איז נישט אַזוי געשען אויך מיט באַנדין?

איז אמת, אַז סע האָט געקאָנט אַזוי פּאַסירן?!

...אַלץ איז מעגלעך.

אַנגעצויגענע נערוון־סטרונעס

...א היסטערישע!

יאָ, דאָס איז זייער לייכט צו זאָגן. אָבער אז מע טוט א טראכט: ווי אזוי עס איז דערגאַנגען אז זי זאָל זיין א... נישט נאָר א היסטערישע נאָר ממש א האלב־משוגענע?

אז מע טוט א טראכט? דעמאָלט ווארפט מען נישט אזא שווער וואָרט פאר איינער, וואָס אַנשטאָט מע זאָל זי באַליידיקן דארף מען גיכער רחמנות האָבן אויף איר און זאָגן: נעבעך, אזא שיינקייט און דאָך אזוי יונג מיאוס געוואָרן.

אויך איצט, אפילו אין דעם נעבעכדיקן מצב, אין וועלכן זי געפינט זיך, קאָן מען נישט אז מע זאָל נישט באמערקן שפּורן פון איר אמאָליקער שיינקייט. די אויגן זענען דאָך כמעט די זעלביקע, נאָר אזוי פיל וואָס איצט זענען זיי שוין נישט אזוי פייערדיק, ווי אין איר יוגנט. איצט זענען זיי צו מאָל טריבע, אויסגעלאָשענע — אָבער דאָך ציען זיי אויף זיך די אויפמערקזאמקייט, זאָגן אָן אויך היינט, אז זיי זענען אמאָל געווען צוויי ברענענדיקע פאקלען, מיט א טיפער שיין און ליכטיקן אָפּשיין.

די האָר זענען שוין אמת נישט קיין שווארצע. דאָ און דאָרט זענען שוין פאסמעס באזילבערטע... אַנשטאָט ציכטיק פארקעמט — זענען זיי צעפּאָלאָשעטע, גלייך זי וואָלט נאָר וואָס זיך אויפגעוועקט פונעם שלאָף.

איר קערפּער איז נאָך היינט דענקמאָלעריש, דערמאנט אין אירע יוגנט־יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען א שיינע אקטריסע...

אקטריסע?!... דאָס איז זי אייגנטלעך קיין מאָל נישט געווען. הגם זי פלעגט זיך פאָרשטעלן פאר אזעלכער.

נישט ווייל זי וואָלט געווען נישט געקאָנט זיין — איז זי נישט געווען קיין אמתדיקע אקטריסע. זי האָט טאקע פארמאָגט אלץ, וואָס וואָלט געווען

נייטיק אז זי זאָל טאַקע זיין אַן אמתדיקע אַקטריסע. אָבער... איר מזל איז גע־וועזן אַזעלכער, וואָס אירע אַקטיאָרישע מעלות זענען צעטרעטן געוואָרן אין דעם, אַז זי זאָל זוכה זיין זיי צו פאַרווערטיקן.

איר גראַציעזער גאַנג איז טאַקע יאָ אויסגענוצט געוואָרן, אָבער צו וואָס אַ צוועק? אַז זי זאָל דערלאַנגען דעם שוואַרצקינצלער דאָס מאַגישע שטעקע־לע? דאָס גלאָז וואַסער? דעם צילינדער?!

האָט זי דאָך געהאַט אויך אַ שיין קול — אָבער וואו האָט זי געהאַט די געלעגנהייט צו זינגען?!

איז זי געווען אַן אַקטריסע... בעסער געזאָגט, אַ געהילף פון אַן אַקטי־אָר. איר עובדה איז געווען, אַז מיט איר דערשיינען אויף דער בינע זאָל זי ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די עטלעכע צושויער פונעם זאַל, אַז זיי זאָלן זיין אַזוי קאָנצענטרירט מיט זייערע אַלע חושים אויף יעדער באַוועגונג אירער — כדי נישט צו שענקען די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט פאַר איר פאַרט־נער (ניין, חלילה. ער איז דאָך נישט געווען איר פאַרטנער. דאָס וואָלט געווען פאַר אים אַ פחיתת־הכבוד און וואָלט נישט דערלאָזט אַז מע זאָל אַזאַ וואָרט אַרויסברענגען אויף די ליפּן. ער איז דאָס געווען דער אַקטיאָר, דער „מייסטער" — זי איז בלויז געווען זיין געהילף, זיין שאָטן!)... כדי דער עולם זאָל גאַפּנ־דיק אויף איר פאַרכאַפּנדיקער יונגפרוישער שיינקייט, נישט צייט האָבן צו באַ־מערקן זיינע אָפּהענטיקע באַוועגונגען, בעת זיינע נישט־געלונגענע נומערן פון שוואַרצקינצלעריי.

אָט דאָס איז געווען איר מזל: ער איז געווען דער „מייסטער", דער גע־ניאַלער אַקטיאָר, אָבער זי האָט געדאַפּט „פאַנגען" די גאַנצע אויפמערקיט פון די צושויער.

און זי האָט עס טאַקע געטון מיט דערפאָלג.

יאָ, מע דאַרף אָנערקענען, אַז דאָס איז געשען אַדאַנק אים. ווייל אויב ער איז געווען כמעט אַ „בלייערנער פויגל" אין זיינע אומגעלומפּערטע שוואַרצ־קינצלערישע „שטיק"; אויב ער איז געווען אַן עם־הארץ אין דער קונסט פון היפּנאָטיזם צי סוגעסטיע, מיט וואָס ער פלעגט זיך אָפּט רימען — איז ער אָ־בער געווען אַ ראַפינירטער פּסיכאָלאָג און געוואוסט ווי אַזוי צו „רעזשיסירן" זיין ספּעקטאַקל.

ווען ער האָט זי באַגעגנט, האָט זי אים פאַרכישופט. ממש פאַרכישופט. נישט זיך צו פאַרליבן אין איר. דאָס האָט געקאָנט קומען אין חשבון בלויז אין דער צווייטער ריי. אין דער ערשטער ריי — האָט ער אין איר געפונען אַ פּאַסיקן „מעדיום", וואָס זאָל זיין אַ „געהילף" צו זיין מלאָכה.

יאָ, צו דעם האָט ער זיך פאַרשטאַנען גאָר גוט און געוואוסט, אַז אויב זי וועט דערשײַנען אויף דער בינע כמעט א נאַקעטע, בעת ער איז אָנגעטאָן אין א שוואַרצן פראַק — וועט עס האָבן אַן עפעקט פון איין אײַנציקן אויגנבליק. די צושויער וועלן דערזען איר שײנע פיגור, ווי א ווײסער מירמלנער דענקמאָל — אָבער דערנאָך? נאָך דעם דאָזיקן פאַרכאַפּנדיקן מאָמענט?

נאָך דעם וועלן זײ שטיין און „גלאָצן" צו זײַנע „קינצן" און וועלן לײכט באַמערקן זײַן נישט-געשיקטקייט...

יאָ, צו דעם האָט ער זיך אויסגעקענט. ער האָט געקאָנט זייער גוט די פּסיכאָלאָגיע פון די צושויער, וועלכע זענען פאַר אים געווען נישט מער ווי אַן עולם-גולם, וועמען מע דאַרף כאַפּן ווי אויף דער ווענטקע און פירן ממש בײַ דער נאָז...

האָט ער זי נישט געלאָזט דערשײַנען, ווי אַנדערע פּלעגן טאָן, האַלבנאַקעטערהייט, אַפילו נישט אין א קורץ אָבער דעקאָלטירט קלײדל האָט ער זי נישט געלאָזט אַז זי זאָל דערשײַנען אויף דער בינע. אדרבה. ער האָט איר געלאָזט אויפנײען א לאַנג שוואַרץ סאַמעטן קלײד, לאַנג ביז צו דער ערד, אָבער גוט צוגעפּאַסט צו איר גוט פּראָפּאָרציאָנירטן פרויִעשן קערפּער, מיט לאַנגע אַרבל — בלויז איר שײנער קאָפּ, דער קינדערישער, האָט זיך איר אַרויסגעזען.

נו, דאָס איז אַלץ?! וואו זשע איז זײַן „חכמה"?!

איז זײַן חכמה באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַרבל זענען נישט געווען קײן פּשוטע, געוויינטלעכע אַרבל, ווי סע האָט אויסגעזען פון דער ווײַטנס.

ווען זי האָט געמאַכט די מינדסטע באַוועגונג מיט איר א הענטל — איז דער אַרבל זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ווי א פונאַנדערגעשפּרײטער פליגל פון אַן אָדלער און סע האָט זיך באַוויזן א ווײסע, גראַציעזע ווײַבערישע האַנט, ביז אונטערן אָרעם — ממש ביז צו איר א רײצנדיק בריסטל...

דאָס איז געווען זײַן „אויפּטו". ער האָט געוואוסט, אַז זי דאַרף בלויז האָבן די געלעגנהייט אויפצוהייבן א האַנט — וועט דער עולם שוין „גלאָצן" צו איר, זוכן און נישטערן מיט זייערע בליקן איר אַזוי פאָרזיכטיק פאַרדעקטן פרויִעשן קערפּער, צו וועלכן זײ קענען קוים דערגײן מיט זייער אָנגעצונדענער פאַנטאַזיע... איז וועלן זײ צײַט האָבן זיך צוצוקוקן אויך צו זײַנע שוואַרצקינצלערישע „שטיק"?!

דאָס איז אײנס.

צווייטנס — איז דאָס קלײד, דאָס לאַנגע שווערע שוואַרץ-סאַמעטן קלײד געווען ווי „צופאַליק" אויפגעריסן אין דער לינקער זײַט. א „ריס" וואָס האָט זיך

אָנגעהויבן אונטן, ממש ביים דיל, און איז אזוי געווען אויפגעריסן ארויף, א-רויף ביז דער טאַליע. אמת, מע האָט לכתחילה נישט באמערקט דעם ריס. אָבער ווען מע האָט אים שוין איין מאָל יאָ באמערקט (צו דעם צוועק האָט זי דאָך געדאַרפט זיך תמיד באַוועגן אויף דער בינע!) האָט מען שוין פון איר נישט אראָפּגע-לאָזט די אויגן...

אויף דער בינע איז דאָך נישט געווען צוגעגרייט גאָרנישט. קיין שום מכשירים, מיט וועלכע דער „מייסטער" האָט געדאַרפט באַווייזן זיינע קינצשטיק.

זי איז געווען יענע, וואָס האָט געדאַרפט אים „באַדינען" און געבן צו דער האַנט, אָנהייבנדיק מיטן מאַגישן שטעקעלע, דאָס זיידענע טיכל, דאָס לאָז וואַסער... און — מעשה שטן! — אַלץ איז געווען אזוי פונאַנדערגעשפּרייט אין א געסדרטער אומאָרדנונג, אז זי זאָל דאַרפן די גאַנצע צייט טענצלען גראַ-ציעזן ארום אים, דעם „מייסטער".

בעת זיינע דעמאָנסטראַציעס פון די שווער רעאַליזירטע קינצשטיק, האָט זי גראַציעזן, מיט כמעט שוועבנדיקע טריטעלעך, זיך געשלייכט אויף דער בי-נע. און ווען זי האָט געמאַכט די מינדסטע באַוועגונג מיט אירע געטאַקטע פּיס-לעך — האָט זיך דאָס קלייד פונאַנדערגענומען ווי א פירהאַנג און געוויזן איר א פּוס. ביז די היפּטן, אז אפילו קיין אינטימע אונטערוועש האָט זי נישט געטאָרט טראָגן...

האָבן די צושויער געקאָנט אוועקנעמען זייערע בליקן (די מענערישע!) פון אירע באַוועגונגען? האָבן זיי זיך געקאָנט אָפּרייסן פון איר כאָטש איין אויגנבליק כדי נאָכצופאָלגן זיינע קינצן?!

כמעט א יאָר איז זי געווען א „גליקלעכע" געהילף-אַקטריסע ביי יע-נעם שווארצקינצלער „מייסטער".

אָבער ווען זי איז געבליבן מעוברת — שוין פון פינפטן חודש אָן האָט זי שוין מער נישט געקאָנט דערשיינען אויף דער בינע, טראָץ די אָנשטרענגנגן איינצוציען אזוי שטארק דעם קאָרסעט אז דער אָטעם האָט זיך ביי איר כמעט אָפּגעשטעלט.

דערנאָך? ניין. זי איז נאָך דעמאָלט נישט געוואָרן היסטעריש. אויך דעמאָלט נישט ווען זי איז שווער קראַנק געוואָרן, ווען זי איז שיער נישט גע-גאַנגען פון דער וועלט צוזאמען מיט איר מפּולקינד. אויך דעמאָלט נישט, ווען זי האָט ממש געהונגערט דאָס שטיקל ברויט און זיך געראַנגלט נישט צו ווערן א בילִיקע זונה...

דאָס איז איר געקומען שפּעטער.

הגם סע זענען אריבער איבער איר כוואליעס פון פינצטערע נעכט און טרויעריקע טעג, איז זי נאך אלץ געבליבן א שיינקייט פון דרויסן און מיט חלומות צו זיין אן „אקטריסע“ אינעווייניק, אין איר קינדישן שיינעם קאפ.

זי האט בלויז געדארפט געפינען א פאסיקן „פארטנער“.

מיט דער צייט האט זי אזא אקטיאר־פארטנער געפונען. אן אמתער „קינצלער“ נישט ווי דער פריערדיקער „געליימטער פויגל“ מיט זיינע אפהענטיקע נישט־געלונגענע „שטיק“. דאס מאל האט זי געפונען (מע קאן אויך זאגן אז ער האט זי געפונען!) א געשיקטן מעסער־ווארפער, וועלכער האט גאר גוט געקאנט זיין מלאכה. ער האט געווארפן פון דער ווייטנס די בלאנקנדיקע מעסערס מיט אזא געשיקטקייט און פרעציזקייט, גלייך ער וואלט זיי ממש מיט זיינע הענט אריינגעשטעקט אין דער ברעט.

דאס מאל איז עס געווען א געוואגטע מלאכה. ממש א העלדישקייט האט זיך געפאדערט פון ביידע פארטנער...

פון ביידע?! פון אים בלויז „אפשר“ — אבער פון איר האט זיך זיכער געפאדערט. די שפיציק־אויסגעשארפטע מעסערס האט טאקע ער, מיט זיין מייסטערשאפט, געשליידערט — אבער, וויי, זיי זענען דאך געווען געצילט אין איר...

זי האט נישט לייכט מסכים געווען צו דעם מין „אקטיארישקייט“.

ער האט געדארפט מיט איר פיל רעדן און רעדן, איר איינרעדן און איר אויסרעדן, ביז זי האט זיך אנטשלאסן צו זיין א „ציל“ צו זיינע מעסערס.

ער האט זי איבערצייגט, אז ער ווארפט נישט די מעסערס סתם „אין דער וועלט אריין“, אז ער שליידערט זיי טאקע ווי צופאליק, אבער דאך נישט לייכטזיניק. ער האט איר דעמאנסטרירט, אז יעדער ווארף זיינער איז מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, מיט א פרעציזקייט פון א האר... ער האט די פרעציזקייט שווער און ביטער אויסגעהארעוועט מיט פלייסיקע איבונגען.

די רייד, די בלויזע ווערטער, האבן זי נישט איבערצייגט. ער האט איר געמוזט ווייזן „פראקטיש“. זי האט מיט א קרייט אנגעצייכנט משונהדיקע געאמעטרישע פיגורן און אים געזאגט: דא ווארף דיינע מעסערס, ועסטו זיך נישט טועה זיין און נישט „דערשטעכן“ מיין א „פיגור“ — בין איך מסכים.

ער האט איר עקזאמען אויסגעהאלטן.

דערנאך האט זי ווידער אמאל געצייכנט אנדערע פיגורן און ווידער אנדערע און ווידער אנדערע — און ער האט געדולדיק זי געפאלגט... ער האט דאך געוואוסט אז דאס זענען נישט קיין פשוטע מיידלעשע קאפריזן. דאס איז דאס שרעקלעכע מורא־געפיל, וואס ער דארף ביי איר איין מאל פאר אלע מאל אויסווארצלען.

וועט עס אים געלינגען, וועט ער האָבן א שיינע, חנעוודיקע פּאַרטנערין אויב נישט — טויג נישט.

ער קאָן דאָך זיין מלאָכה. ער ווייסט, אז בעת ער שליידערט מיט אזא סימולירטער גלייכגילטיקייט זיינע בלאַנקנדיקע מעסערס, טאָר ער נישט באַמערקן ביי איר אפילו קיין פּינטל מיט אן אויג.

בלויז איר זיכערקייט קאָן דערהאַלטן אויך זיין זיכערקייט. אין יענעם מאָמענט ווען סע באַווייזט זיך א נישט־זיכערקייט אין אירע בליקן — איז שוין בעסער מער נישט צו וואַרפן קיין איין מעסער...

ער וועט דאָך שוין קיין מאָל אין זיין לעבן נישט פאַרגעסן, אז איי־נע פון זיינע פריערדיקע פּאַרטנערין, האָט קאַליע געמאַכט א פאַרשטעלונג (און שיער נישט זיין גאַנצע קינסטלערישע קאַריערע!) מיטן צאַפּל, וואָס ער האָט קוים דערזען ביי איר, ווי א נישטוויל־נדיקע קאָנוואולסיע, און דאָס מעסער האָט מיט ווינציקער ווי איין מילימעטער צוגעגאָגלט די הויט פון איר רעכטן אָרעם צו דער ברעט... אמת, זי האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט, אויך דעמאָלט נישט ווען א דין ריזשקעלע בלוט האָט געצייכנט א ווערטיקאַלע רויטע ליניע אויף דער ברעט... אָבער ער האָט שוין עטלעכע וואָכן נישט געקאָנט מער „אַרבעטן".

נישט זי האָט נישט געקאָנט „פּאָזירן" — ער האָט נישט געקאָנט וואַרפן מער צו איר זיינע מעסערס.

ער האָט זי בכלל נישט געוואָלט מער זען פאַר זיינע אויגן.

איצט, מיט איר, האָט ער צוריקבאַקומען זיין זיכערקייט אין די באַוועגונגען — און ווען ער האָט ענדלעך זי איבערצייגט און זי האָט זיך אַנטשלאָסן, האָט ער „געאַרבעט" מיט קינסטלערישער פּרעציזקייט...

הגם... יענע פּרעציזקייט, מיט וועלכער ער האָט געאַרבעט פריִער, פאַרן אומגליקספאַל, יענע פּרעציזקייט וועט ער שוין, דאַכט זיך, קיין מאָל נישט האָבן. זינט דעמאָלט, ווען ער זעט א רויטן פּאָדעם, אָדער א רויטן שטריך פון א שרייב־פּענדל — „זעט" ער יענץ ריזשקעלע בלוט, וואָס האָט פּאַמעלעך זיך געצויגן און געצויגן, אראָפּ־אראָפּ אויף דער ברעט, נעבן יענעם האַלב־נאַקעטן מיידלעשן גוף, וואָס האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט — הגם דאָס בלוט האָט דאָך פון איר גערונען און נישט פון אים...

ניין, ער פאַרמאָגט שוין נישט יענע פּרעציזקייט, ווייל... ווועמען זאָל ער עס געוווען זאָגן? קיינער וועט אים נישט פאַרשטיין, דעריבער אויך נישט גלייבן.

דאָס ווייסט בלויז ער, אז נישט ער איז עס שולדיק געווען וואָס דאָס געשליידערטע מעסער איז מיט כמעט א מילימעטער געפאַלן נענטער צום מיידלעשן קערפּער ווי ער האָט עס געשיקט...

נייַן, דאָס וועט קאָנען פאַרשטיין בלויז אַ פאַכמאַן ווי ער, אַ פּסיכאָ-לאָג, וואָס איז ביכולת אַרייַנצודרינגען אין תוך פון אַ זאַך, און משפּט נישט בלויז לויט דעם וואָס ער זעט אויף דער אויבערפלאַך.

דעריבער פּרובירט ער אפילו נישט זיך רעכטפאַרטיקן פאַר קיינעם. צו וואָס רעדן, ווען די ווערטער זענען אַרויסגעוואָרפענע ווי איבעריקע?!

ווער וועט עס קאָנען פאַרשטיין, אַז יענע מיידל, ווען סע האָט אַ לייכטן צוק געטון, אַ צאַפּל אפשר אויך אָן איר ווילן, נאָר אינסטינקטיוו האָט זיך באַוויזן אין איר אונטערבאַוואוסטזיין אַ שווידער פאַרן בלאַנקנדיקן מעסער, וואָס איז נאָך נישט געוואָרפן געוואָרן — און אָט יענער קוים באַמערקלעכער שווי-דער-צאַפּל האָט אָפּגענייגט דאָס מעסער פון דער ריכטיקער טראַעקטאָריע און זי לייכט פאַרוואונדיקט?!

ווער וועט אַזאַ דערקלערונג קענען פאַרשטיין?

ער האָט עס פאַרשטאַנען, אָבער גלייכצייטיק איז ער אויך געווען באַוואוסטזיניק, אַז ער איז עס נישט ביכולת צו דערקלערן פאַר אַ צווייטן, אַז יענער זאָל אים דאָס גלייבן.

יאָ, נישט ער איז געווען שולדיק דעריין, וואָס דאָס מעסער זיינס איז נישט געגאַנגען פּונקט אַהין וואוהין ער האָט עס געשיקט. זי איז געווען די שול-דיקע. מיט איר מורא-ציטער וואָס ער האָט באַמערקט אין אירע אויגן-ווינק-לען, האָט זי אים איבערגעשיקט ווי טעלעפּאַטיש אַ נישטזיכערקייט אין זיין האַנט, וואָס האָט אויף אַ פראַקציע פון אַן אויגנבליק אַ קוים באַמערקטן ציטער געטון.

איצט, מיט איר — האָט ער צוריקבאַקומען די זיכערקייט אין זיינע באַ-וועגונגען. זי איז געווען אַ פּאַסיקע פּאַרטנערן. זי האָט אַרויסגעוויזן קוראַזש, ווי אַ גיבור. דערמיט האָט זי אויך אים איבערגעשיקט, טעלעפּאַטיש, דעם זעלביקן קוראַזש.

זי האָט געשפּילט איר ראָל ווי אַן אמתדיקע אַקטריסע. וואָס סע האָט זיך אָבער געטון ביי איר אין דער נשמה — דאָס האָט בלויז זי געוואוסט.

אַרויסגעוויזן האָט זי עס נישט. קיין מאָל נישט. תמיד איז זי געשטאַ-נען ווי פאַר אַ פאָטאָגראַף מיטן שטענדיקן שמייכל, גלייך מע וואָלט געוואָרפן צו איר בלומען — נישט בלאַנקנדיקע מעסערס...

פון אירע אמתדיקע געפילן האָט זי גאָרנישט נישט פאַרראָטן. בלויז זי אַליינע האָט עס געפילט, ווי אויסמאַטערנדיק סע זענען פאַר איר די עטלע-כע מינוט פון קוקן דעם טויט אין די אויגן... און אויב נישט ממש דעם טויט — איז כאָטש צו בלייבן אַ קאַליקע אויף איר גאַנץ לעבן.

נישט איין מאָל האָט זי זיך געטראַכט, אַזאַ מעסער קאָן על־פּי־טעות זי דערשטעכן אין סאַמע האַרץ, אין מאָגן, אָדער כאָטש בלינד מאַכן אויף אַן אויג...

אָבער זי האָט עס קיין מאָל נישט פאַרראָטן.

זי פלעגט אַרויף אויף דער אימפּראָוויזירטער בינע. מע האָט מער אָדער ווייניקער אפּלאָדירט, בעת זי האָט זיך אויסגעטון, פּאַמעלעך, שמייכלענדיק, נישט געאײַלט — קודם דאָס בלוזל איבערן קאָפּ, דערנאָך דאָס שטעקל אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, און גראַציעז פון איר אַרויסגעקראָכן מיט די פיס. דערנאָך האָט זי אויסגעטון די זאָקן. דערנאָך דאָס דורכזיכטיקע העמדל...

געבליבן איז זי מיט אַ מיניאַטור־ביקיני: אַ שמאָל בענדל ווי אַ בריסט־האַלטער, אַ צייכן פון קוים אַ הייזל, אַ זיידנס, אַן אומשולדיקס... און אין די שיך. די שיך האָט זי זיך נישט אויסגעטון. ווען זי האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן די זאָקן — האָט זי די שיך צוריק אָנגעטון...

זי איז אַזוי געשטאַנען, אַ כמעט נאַקעטע און געשמייכלט — גלייך נישט מיט מעסערס וואָלט מען אין איר געשליידערט, נאָר מיט בלומען.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט זי אויסגעמאַטערט. איז געווען מידער פון די עטלעכע מינוט „פּאָזירן" ווי ווען זי וואָלט געאַרבעט אַכט שעה אין אַ פאַבריק.

עס איז נישט לײַכט צו זיין אַן אַקטריסע, בפרט ווען דאָס באַשטייט פון זיין אַ ציל פאַר מעסער־וואַרפער...

און ווען מען איז אויסגעמאַטערט ביי טאָג — קאָן מען נישט רואיק שלאָפן ביי נאַכט. און ווער סע שלאָפט זיך נישט אויס ביי נאַכט, קאָן מער נישט „אַרבעטן" רואיק ביי טאָג.

און איר „אַרבעט" איז געווען אַ שווערערע ווי געוויינטלעך, אַן אויסמאַטערנדיקע.

וואָס איז דאָ שווער צו פאַרשטיין, אַז דער געדולדיקסטער מענטש קאָן אַרויס פון די כלים און ווערן נערוועז?!

יאָ, עס איז פיל לײַכטער צו שליידערן מעסערס אין יענעם, אויך ווען „יענער" איז דיר נאָענט, און אפשר אויך ליב — ווי צו קוקן אין די „אויגן" פון די מעסערס, געשליידערטע אין דיין ריכטונג, וואָס פליען גלייך צו דיר ווי ווילדע פייגל מיט שפּיציקע שנאָבלען...

אַוודאי איז לײַכטער צו אַרבעטן אפילו אין אַ קוילן־גרובן, גאַנצע זיבן שעה, וויפל סע האַלט דאָרט אַ שיכט, איידער זיך צו קאָנצענטרירן און שליי־

דערן מעסערס אין א האלב-נאקעט שיין מיידל... אָבער נאָך שווערער, אומ-מאטערנדיקער, איז צו זיין א ציל פאר די געשליידערטע מעסערס.

טאָג-איין און טאָג-אויס. וואָך-איין און וואָך-אויס. חודש-איין און חודש-אויס... יאָר-איין? ניין, מע קאָן אזוי נישט פארזעצן ווייטער. אלץ מוז אמאָל האָבן א סוף. און צום קורצסטן, צום נאָענטסטן סוף דערגייען די מענטשלעכע נערוון. די אָנגעצויגענע נערוון פון א מיידל, ווי אָנגעצויגענע סטרונעס — מוזן אמאָל פּלאַצן.

ער האָט שוין דאָס מאָל נישט געוואַרט, אז ער זאָל דערגיין צו יענעם מאָמענט ווען אירע „נערוון-סטרונעס" זאָלן פּלאצן. ער האָט איבערגעריסן מיט איר די צוזאמענארבעט, ווען ער איז דערגאנגען צום „ערב" פּלאצן פון אירע „סטרונעס".

ער האָט עס איר אפילו נישט געזאָגט.

ער האָט איר פּשוט מודיע געווען, אז אָנהייבנדיק פון מאָרגן אָן וועלן זיי שוין נישט „ארבעטן" צוזאמען... ער פילט זיך נישט אין די כוחות — איז וויל ער זיך א ביסל אויסרוען...

ער האָט עס איר נישט געזאָגט, אז זי קאָן שוין נישט פאָרזעצן איר „ראָל".

ער האָט עס גענומען אויף זיך, אז ער פילט זיך א ביסל מיד, איז דערווייל קאָן זי זיך זוכן אן אנדערן, אָדער אן אנדערע ארבעט.

דעם אמת אָבער, האָט זי אליין אויך געוואוסט, אפילו ער האָט עס איר נישט געזאָגט בפירוש — זי איז געווען אויסגעמאטערט.

...נו, איז א וואונדער אז זי איז היינט א היסטערישע?!

יאָ, דאָס איז נישט שווער צו זאָגן. אָבער אז מע טוט א טראכט: ווי אזוי איז זי דערגאנגען צו ווערן א... נישט בלויז א היסטערישע נאָר ממש האלב משוגע?!

אז מע טוט א טראכט? לאָזט מען נישט ארוים מיט די ליפּן אזא שווער וואָרט פאר איינער, וואָס אָנשטאָט מע זאָל זי דערמיט באליידיקן דארף מען גיכער אויף איר רחמנות האָבן און זאָגן: נעבעך, אזא שיינקייט און דאָך איז זי פאר דער צייט אזוי מיאוס געוואָרן!...

...און צוריק געשמועסט, איז עס בלויז זי אין יענעם מצב, מיט צו פיל אָנגעצויגענע „סטרונעס", גרייט צום פּלאצן?!

און איך גופא, וועלכער דערציילט די דאָזיקע מעשה, מיינע יידישע נער-וון-סטרונעס זענען דען ווינציקער אָנגעצויגן?!

ווארפט מען דאָך אויך אין מיר, אין מיין נישט נאקעטן גוף און דאָך נאקעטער נשמה, בלאנקנדיקע מעסערס, נישט פון נעכטן צי אייערנעכטן — נאר זינט שוין צוויי טויזנט יאָרן?!

אז מע טוט א טראכט...

אמת, אויף מיר זאָגט מען נישט אזא מיאוס וואָרט ווי „היסטעריש". אויף מיר זאָגט מען בלויז, מיט אַן אָנדייטיקן שמייכל אז איך בין „סענסיבל" צי גאָר „היפּער-סענסיבל"...

וואָס איז דער חידוש? אז מע טוט א טראכט...

יאָ, אויף מיר זאָגט מען נישט אז איך בין „היסטעריש" — נאָר אז איך רעד געאײַלט און שלינג די ווערטער;

אז איך לאָז ארוים צו אָפט צוויי א קרעכץ: „אוי-ווײ";

אז איך בין א מוראדיקער און דערשרעק זיך אָפט מאָל פאר מיין אייגענעם שאָטן;

אז איך בין אויף יעדן פּאַרדאַקטיק, אז אויב איך זע נישט אין יעדן ממש א „מעסער-וואַרפער" — קוק איך אויף אים ווי אויף איינעם, וועלכער קאָן ווערן אזעלכער;

אז איך רעד מיט א געוויסן ניגון, מיט א פרעמדן „אקצענט";

אז בעתן רעדן זשעסטיקוליר איך מיט די הענט;

אז איך בין א היפּערסענסיבלער און זע כמעט אין יעדן מיין א פאַרפאָלגער;

אז איך איזאָליר מיך און האַלט זיך צוריק פון דעם ארום;

אז איך...

איז וואָס איז דער חידוש?
וואָס איז זיך דאָ וואָס צו וואונדערן?
אז מע טוט א טראכט...

יאָ, אויך מיינע „סטרונעס" זענען צו אָנגעצויגענע — נישט פון היינט צי פון נעכטן, נאָר פון שוין צוויי טויזנט יאָר אזוי... און אפשר קנאַפּע פיר טויזנט?!

איז וואָס איז זיך דאָ צום וואונדערן? יאָ, אז מע טוט א טראכט, צוריק געשמועסט...

באוווסטזיניק משוגעת

...משוגעת איז אזא מחלה, וואָס א מענטש ווערט קראנק פון א באזונדערער קראנקייט, פון וועלכער נישט ער לײַדט — נאָר אנדערע. טאקע אין דעם באשטייט די אנדערשקייט. ווייל, ביי א געוויינטלעכער מחלה באקלאָגט זיך דער חולה אז אים טוט וויי. דאָס איז דער ערשטער סיגנאל, אז עפּעס איז נישט כשורה מיט אים. גייט מען צום א דאָקטער, וועלכער הערט אוים זיין באקלאָגעניש און לויט דעם שטעלט ער זיין ערשטן דיאגנאָז. מעגלעך אז שפּעטער, ווען מע מאכט אנאליזן אין א לאבאָראטאָריע צי א ראדיאָגראפיע געפינט מען, אז דער ערשטער צי אפילו דער צווייטער דיאגנאָז זענען נישט געווען קיין ריכטיקע. דאָס איז אָבער דער מצב, ווייל דעם ערשטן דיאגנאָז שטעלט מן פעסט נאָר לויט דעם וואָס דער חולה באקלאָגט זיך, וואו און ווען סע טוט אים וויי. מחמת דעם איז שווערער צו שטעלן א דיאגנאָז ביי קינדער, ביי זויגלינגען, ווייל מע ווייסט נישט גענוי וואָס סע טוט זיי אייגנטלעך וויי. מע הערט דאָך בלויז זייער געוויין, אָבער געוואויר ווערן פון זיי וואָס, אויף וועלכן אָרט זיי טוט וויי — דאָס קאָן מען פון זיי נישט דערפארן. דאָס דארף דער דאָקטער דערראָטן.

ביי איינעם וואָס איז קראנק געוואָרן אויף משוגעת — דאָס ווערט נישט געוואויר דער קראנקער גופא. דאָס ווערט מען געוואויר פון יענע וואָס לעבן ארום אים. זיי זענען דאָך די ערשטע וואָס נעמען אין אכט, אז עפּעס איז מיט יענעם מענטש נישט אין אָרדנונג. ער פירט זיך אויף אנדערש ווי געוויינטלעך, אנדערש ווי נאָרמאל.

זענען פאראן משוגענע און משוגענע. איינער געוואלדעוועט, שעדיקט, צעברעכט וואָס סע קומט אים אונטער די הענט. דאכט זיך, אז וואָס מער זיי טוען אָן שלעכטס פאר אנדערע — אלץ גרעסער איז זייער הנאה. פאראן אויך אזעלכע וואָס האָבן א דראנג צו טון שלעכטס אפילו זיך גופא. זיי זענען כמעט באוואוסטזיניק אז זיי טוען שלעכטס פאר זיך — און דאָך האָבן זיי אזא מין

דראנג דאָס צו טון. אדרבה, וואָס מער שלעכט, איז אַלץ בעסער, אפילו ביז באַגיין זעלבמאָרד...

למען האמת דארף מען זאָגן, אז סע זענען פאראַן משוגעים וואָס האָבן א דראנג צו טון גוטס, פאַר יעדן, אָן שום סיבה, נאָר צוליב זייער משוגעת. דאָס הייסט, אז זיי טוען נישט פּשוט א טובה פאַר עמעצן, נאָר זיי טרייבן עס איבער פונעם נאָרמאַלקייט. זיי זוכן א טובה צו טון, אויך ווען עס איז נישט נייטיק, ווען מע פאָדערט עס נישט פון זיי, אויך ווען עס איז איבעריק, אויך דעמאָלט ווען פון זייער „גוטקייט" קומט גאָר קיין גוטס נישט ארויס...

אָבער אזעלכע געפינט מען זעלטענער. דער רוב משוגעים יאָגן זיך נאָך שלעכטס צו טון...

און אנדערער ווידער, איז שטיל, געוואַלדעוועט נישט. ער איז אזוי רואיק, אז מע קאָן גאָרנישט וויסן וואָס סע טוט זיך אין זיינע געהירן, אדרבה ער איז אריינגעפאַלן אין א מין מרה-שחורה, אז ער איז גאָר „רואיקער" ווי געוויינטלעך, נישט נאָר וואָס ער שטערט נישט די אנדערע מיט זיין אויפפיר, נאָר איז גאָר געוואָרן א שווייגנדיקער, כמעט אן אָפּוועזנדיקער, קוים וואָס ער עסט עפּעס. ער רעדט נישט צו קיינעם, מיידט אוים יעדן — דאכט זיך, אז ער וויל אויך זיך גופא אויסמיידן.

פאַראַן ווידער משוגעים, וואָס פירן זיך אויף „נאָרמאַל", אזוי ווי עס איז זייער געוויינטלעכער שטייגער. נישט זיי שטערן אנדערע, נישט זיי לאָזן זיך שטערן פון אנדערע — אָבער? איין קלייניקייט. זינט א צייט האָבן זיי מורא באקומען פאַר אן אומגעזעענעם „שונא", וואָס זאָל לויערן אויף זייער יעדן טריט און שריט. און אַלע אָן אן אויסנעם, ווילן זיי אָנטון שלעכטס. דאָס איז אפשר דער היפוך פון יענעם משוגעת, וועלכער וויל יעדן אָנטון בייזס, וויל יעדן איינעם בייזן, פּלעטן דעם קאָפּ, ממיתן... דער דאָזיקער טוט קיינעם גאָרנישט. נאָר אזוי פיל, וואָס ער קאָן נישט שלאָפן רואיק. ער האָט נישט קיין איין רואי-קע מינוט. נישט אין דער וואך און אויך אפילו נישט אין זיין שלאָף, פאַר מו-רא. מע וויל אים אָנטון עפּעס אזוינס, וואָס האָט קיין נאָמען נישט — נאָר גוטס נישט... איינער מיינט אז מע וויל אים ממש הרגענען. אנדערע, אז מע וויל זיי איינשפּאַרן אין א תפיסה, זיי פילן זיך שולדיקע און האָבן זיך ווי אליין פאַראורטיילט. אנדערע ווידער מיינען אז מע רודפט זיי אומזיסט און אומנישט. טייל מיינען אז מע וויל זיי באגנבענען: סיי זייער פאַרמעג, וואָס זיי האָבן אין דער ווירקלעכקייט, סיי אזא פאַרמעג וואָס זיי האָבן בלויז אין זייער פאַנטאַזיע, ווי א שטייגער, א ליטעראַריש ווערק, א דערפינדונג.

ביי אזעלכע קראנקע באמערקט קודם דאָס בני-בית צי נאָענטע פריינד, אז עפעס איז מיט אים געשען און מע הייבט אָן טראכטן, אז עס איז אין זיין מוח נישט אין אָרדענונג. מע ווייסט נישט וואָס עס איז געשען. אָבער מע זעט אז דער מענטש איז געפאַלן פון א מורא-געדאנק. מע רופט עס „פחד-מאניע".

טייל ווידער, ווערן מיט א מאָל אויפגעריכט. זינט א שיינעם טאָג פילן זיי זיך די גליקלעכסטע אין דער וועלט, הגם אין דערווירקלעכקייט האָבן זיי נישט קיין שום סיבה דערצו. סתם, זיי „פילן" אז זיי זענען „עמעצער". איינער „מיינט" אז ער איז א „נאַפּאָלעאָן". אן אנדערער מיינט אז ער איז שלמה המלך — טייל מיינען אז זיי זענען גאונים, א צווייטער „איינשטיין", אָדער דווקא איינ-שטיין גופא... טייל מיינען אז זיי זענען גרעסערע דערציילער ווי א האָמער, אנ-דערע אז זיי זענען גרעסערע דיכטער ווי... דוד המלך, וכדומה. אמת, אז דאָס איז אפשר נישט שעדלעך פאר די ארומיקע, אָבער עס איז דאָך נישט „נאָרמאל"...

נאָרמאל? וואָס איז נארמאל און ווער איז דער וואָס קאָן פעסטשטעלן ווער און וואָס עס איז יאָ נאָרמאל און וואָס נישט?!

קיין איין שיכור אויף דער וועלט וועט נישט אָנערקענען אז ער איז שיכור. אדרבה, ער וועט תמיד זאָגן, אז ער איז נישט שיכור, הגם ער האָט גע-טרונקען מער מיט אן איבעריקער כוסה — אויב שוין יאָ שיכור, זענען עס די אנדערע, וועלכע „זאָגן" אז ער איז עס...

מיט א משוגענעם איז דאָך דאָס זעלביקע. דאכט זיך, אז ער וועט דער ערשטער זאָגן אז די אנדערע ארום אים זענען די משוגענע, וועלכע גלייבן אים אפשר נישט אויפן וואָרט, אז ער איז „נאַפּאָלעאָן" צי גאָר „קלעאָפּאטרא", אָדער דער גרעסטער קינסטלער אויף דער וועלט...

ווער סע וויל פארשטיין דעם דאָזיקן מצב, וואָס דאכט זיך אז ער איז אזא אויסטערליש מאָדנער — זאָל ער נעמען קוקן אויף די מענטשן ארום זיך, פון אין דער פרי ביז אָוונט — וועט ער דאָך זען, אז כמעט יעדער איינער אויף זיין אופן איז „כמעט" א נישט נאָרמאלער. אויב אזוי, איז דאָך שוין באלד ווידער די שאלה: אפשר איז גאָר ער נישט דער „נאָרמאלער", ווייל ער זעט זיי נישט אזוי ווי מע וואָלט זיי געדארפט זען?

ווער זשע איז דער משוגענער, ווען קיינער וויל דאָס נישט אָנערקע-נען אויף זיך גופא?!

הייסט דאָך, אז דער סוד פונעם משוגעת ליגט גאָר אין דעם, וואָס דער משוגענער איז נישט באוואוסטזיניק וועגן זיין קראנקייט, פון זיין נישט גאָר-

מאלקיט. ווייל, יענער וואָס ווייסט, אַז ער איז נישט-נאָרמאַל — יענער איז שוין קיין משוגענער נישט.

דערציילט מען, ווען א מלך, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען אויך א חכם, א מין שטערנזעער, וואָס האָט געקאָנט לייענען אין די שטערן דעם עתיד פון זיין גורל און אויך אפילו פון זיין מדינה, פון זיינע אונטערטעניקע בכלל.

אין איינעם א טאָג, זאָגט דער מלך צו זיין יועץ:

— איך האָב געלייענט אין די שטערן, לויט געוויסע צייכנס, אַז אַלע וועלכע וועלן עסן פונעם היי-יעריקן גערעטעניש וועלן משוגע ווערן... וואָס טוט מען, מיין ליבער, וואָס וועלן מיר עסן?

— אדוני המלך — זאָגט אים דער יועץ — גיב ארויס א באַפעל, אַז פאַר אונדז ביידע זאָל מען אוועקלייגן צום עסן פונעם פאַריעריקן גערעטעניש. און נישט בלויז פאַר אונדז, נאָר אויך פאַר אונדזערע נאָענטע, פאַרן קיניג-לעכן הויף און אויך פאַר מיין משפחה, אַזוי אַז מיר זאָלן זיך בכלל נישט צו-רירן צו דער תבואה צי אַנדערע געוויקסן פונעם הייַנטיקן יאָר.

— צו וואָס טויג דאָס אַלץ? — פרעגט דער מלך — נאָר מיר ביידע און אויך אַפילו אונדזערע משפחות וועלן זיין ביים גאַנצן שכל, צווישן אַלע מענטשן וואָס זענען משוגע געוואָרן, און זיי אַלע וועלן דאָך מיינען מיר זענען די משו-גענע — נישט זיי... און פון דעם פאַריעריקן גערעטעניש וואָלט דאָך נישט געסטייעט צו שפייזן אַלע איינוואוינער פונעם קיניגרייך.

— וואָס זשע איז צו טון? — פרעגט א פאַרצווייפלטער דער יועץ. און דער מלך איז ביי דער מיינונג:

— איך זע נישט קיין אַנדערן אויסוועג, מיין ליבער יועץ, ווי אַז באין ברירה זאָלן מיר אויך משוגע ווערן, גלייך מיטן גאַנצן פאָלק. דאָך וואָלט איך וועלן אַז מיר זאָלן זיך אויסשיידן פון די אַנדערע. דהיינו, אַז מיר זאָלן זיין באַוווסטזיניקע פון אונדזער משוגעת.

— ווי אַזוי וואָלטן מיר עס געקאָנט טון?

— פשוט — זאָגט דער מלך — מיר וועלן מאַכן א צייכן אויף אונדזער שטערן, דאָס וועט זיין דער צייכן פון אונדזער משוגעת און יעדעס מאָל ווען מיר וועלן זיך אָנקוקן איינער דעם אַנדערן וועלן מיר כאָטש וויסן, סיי איך און סיי דו, אַז מיר זענען משוגע...

*

אַקעגן וואָס איז עס צו רייד געקומען?

וועל איך אויסזאָגן דעם ריינעם אמת, אַז ווי סע ווייזט אויס האָב איך,

דער דערציילער פון דער דאָזיקער מעשה, אויך טועם געווען פונעם גערעטע-
ניש פון יענעם יאָר. יאָ, סע דאכט מיר, אז איך גופא בין אויך א ביסל מ...

און דו?

גיין, דאָס וואג איך שוין נישט אפילו צו פרעגן. כדי איך זאָל חלילה נישט פוגע בכבוד צו זיין קענען מיין א לייענער. אָבער ביי מיר אין געדאנק, זייט מיר מוחל, טראכט איך דאָך, אז אפשר האָסטו אויך אָן עס געטון, כאָטש אָן דיין ווילן, פון יענע פירות פון יענעם יאָר...

*

נאָר צוריק געשמועסט, וואָס איז זיך דערמיט צו שעמען? קאָן מען דען אנדערש איבערקומען?!

אין אזא „נאָרמאַלער“ וועלט, מיט אזעלכע „נאָרמאַלע“ געשעענישן קאָן מען דען אנדערש איבערלעבן?

מחמת דעם האָב איך דעם מוט צו זאָגן דעם ריינעם אמת, אז דווקא דאָס האָט מיך באוואָרנט אָנצוערקענען אז, מסתמה, האָב איך אויך געגעסן פון יע-נער משוגעים-שפייז — טאקע אדאנק דעם בין איך נאָך בכוח איבערצולעבן.

והא ראייה: איך לעב נאָך און האָב די העזה צו דערציילן וועגן אָט דעם „משוגעת“...

פערזאָנען-קולט

געווען אמאָל...

און אפשר איז אמאָל נישט אזוי געווען. אָבער זיכער איז, אז סע האָט געקאָנט אזוי זיין...

איז ווי געזאָגט, געווען אמאָל א בעל-ביתל, געהאט שאָף און רינדער, א פרוכפּערדיק ווייב מיט א טוץ קינדער — נו, האָט ער זיך דען געקאָנט באַפּאָרען אליין מיט אזא גרוים בעל-בתישקייט?!

האָט ער זיך געקויפט א קנעכט, אן עבד-עברי, ווי אין פסוק שטייט געשריבן.

האָט דער עבד געארבעט יום ולילה, טאָגאיין און טאָגאוים, פון זונטיק ביז פרייטיק צו נאכטס און אויך נישט זעלטן ארייגעכאפּט א שטיקל ארבעט אויך נאָך ליכט-צינדן... שבת? יאָ, שבת האָט ער מכלומרשט גערוט, אזוי ווי אין פסוק שטייט געשריבן, אז „דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען: דו, דיין ווייב, דיין בהמה און אויך דיין עבד“... אזוי איז טאקע געשריבן — אָבער, פונעם שרייבן ביזן לייענען איז א לאנגער מהלך, און נאָך לענגער איז דער מהלך פונעם לייענען ביזן מקיים זיין. נאָר, צוריק געשמועסט, ווער זאָל שבת האָדעווען די בהמות? ווער זאָל שבת מעלקן די שאָף? ווער זאָל... בקיצור, דער עבד-עברי האָט געמוזט אוועק קוקן פונעם פסוק און מחלל שבת זיין, ווייל עס איז דאָך געווען א צער בעלי-חיים צו לאָזן ווייטיקן די אָנגעשוואָלענע אייטערם אומגעמאָלקן, וכדומה.

אָבער, אז דער עבד האָט זיך דאָך געמאכט א שטיקל צייט און זיך גאנץ פרי ארייגעכאפּט אין שיל אריין, כדי צו זאָגן א קדושה און ברכו, האָט ער אפילו נישט ווילנדיק געכאפּט אויך א טראכט וועגן זיין בידנע מזל.

איז בעת דער בעל-בית איז געשטאנען שמונה-עשרה, האָט דער עבד געטון א טראכט: ביז ווי לאנג וועט ער אזוי לעבן מיטן גורל פון אן עבד, עלנט, אליין, אָן א פרוי און אָן א קינד — זיין תמיד א משרת ביי יענעם?

און נישט ווילנדיק האָבן זיך ביי אים טרערן געשטעלט אין די אויגן, בפרט ווען ער איז אָנגעקומען צום קאַפּיטל: „תקע בשופר גדול לחרותינו", טו, גאָטעניו, א בלאָז מיטן גרויסן שופר כדי אונדז צו באַפרייען...

האָט דאָס דערזען דער בעל־בית זיינער און סע האָט אים גאָרנישט גע־שמעקט אז דער עולם זאָל זען זיין עבד אַן אומצופרידענעם. וואָס איז? ער גיט אים חלילה נישט גענוג צו עסן? ער גיט אים נישט צו טרינקען? — ער לעבט זיך דאָך ביי אים ווי גאָט אין פראַנקרייך...

אָנגעקומען אהיים, פרעגט דער בעל־בית זיין עבד:

— אנו, זאָג נאָר, וואָס איז דאָס מיט דיר? האָסט דיר אפשר געפונען אַן אַנדערן בעל־בית, א בעסערן פון מיר, וועלכער זאָל דיך אויסקויפן?!

שטייט דער עבד פאַרשטומט און וואַגט נישט אַרויסצוזאָגן זיין ווייטיק פאַרן בעל־בית... אָבער, עפּעס טוט אים א שטויס: אויב דו וועסט איצט נישט רעדן — איז ווען דען?

— האַר לעבן — זאָגט דער עבד נישט געוואַגט — איך האָב געטראַכט אז די יאָרן מיינע פאַרגייען, דער מענטש איז נישט אויף אייביק יונג, אויך ווען מען איז אַן עבד ביי אַזאַ גוטן בעל־בית ווי איר זענט... וויל איך אייך בעטן אויב איך האָב געפונען חן און לייטזעליקייט אין אייערע אויגן, לאָזט מיך נעמען א ווייב, מיט וועמען איך זאָל טיילן מיין גוט לעבן ביי אייך, גוטער האַר מיינער — און אפשר וועל איך אויך האָבן א קינד?!

— ווי אַזוי דאָס? — ווערט ברוגזלעך דער בעל־בית — איצט, אין פּירטן יאָר? באַלד קומט דאָך שמיטה און דו וועסט מיך פאַרלאָזן צוזאַמען מיט דיין פרוי, לוינט זיך עם דען מיר?

— וועגן דעם דאַרפט איר אייך נישט זאָרגן — באַרואיקט אים דער עבד — איך וועל אייך נישט פאַרלאָזן, בעסער לאָז איך מיר בויערן דאָס אויער...

האָט דער בעל־בית גענומען דעם עבדס צוזאָג און אים פאַרנייט אין א לעדערנעם, פאַרמעטענעם דאָסאַר, און אים אַריינגעלייגט ביי זיך אין דער פייער־קאַסע. און... ער האָט אים געלאָזט אז ער זאָל זיך נעמען א פרוי, וועל־כע איז אַזוי אַרום געוואָרן, אויך זי, זיינע א שקלאַווין... צום יאָר האָט זי גע־בוירן א קינד. א קינד? חלילה. וואו האָט מען דאָס געזען אָדער געהערט אז פון א שקלאַוו מיט א שקלאַווין זאָל געבוירן ווערן א קינד? ניין, אפילו נישט אין צירק זעט מען נישט אַזאַ בייז־וואונדער. עס איז דאָך נאָרמאַל און פון קדמו־נים באַוואוסט, אז פון א שקלאַוו ווערט געבוירן א שקלאַוועקל.

און דערנאָך נאָך איין שקלאַוועקל... און די יאָרן גייען, נאָך פיל גי־כער ווי ווען מע וואָלט געוואָלט — און סע האָט זיך צוגערוקט דער סוף פונעם זעקסטן יאָר.

אַט איז שוין ערב שמיטה-יאָר און מע דאַרף באַפרייען יעדן עבד-עברי.
מאַכט זיך דער בעל-בית תמעוואַטע און וואַרט נישט, אַז ער זאָל...
ווי סע טוען אַנדערע בעלי-בתים.

אַנדערע בעלי-בתים? יאָ, אַנדערע רופן לפנים זייער שקלאַוו, יעדן באַזונדער, צווישן פיר אויגן — כדי איינער זאָל נישט הערן וואָס מע רעדט מיטן צווייטן, ווי אַזוי מע עצהט זיי אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אַרויסגיין פריי, נאָר בלייבן ווייטער אַן עבד נאָך נייע זעקס יאָר...

ניין, דער בעל-בית האָט דעם עבד נישט גערופן, אַז ער זאָל אים כאָטש לפנים זאָגן אַז ער האָט דאָס רעכט אַרויסצוגיין פריי. נאָר ער האָט אים גלייך געפירט צום בית-דין און אים פאַרקלאָגט אַז... בעסער זאָל דער עבד אַליין רעדן. ער האָט דען נישט קיין מויל?!

— „אהבתי את אדוני, את אשתי ואת בני" (שמות כא-ה), איך האָב ליב מיין האַר, מיין ווייב און מיינע קינדער, איך וויל נישט אַרויסגיין פריי — שטאַמלט צווישן די ציין, אָן חשק, דער עבד.

דער בעל-בית האָט געצויגן נחת בעת ער האָט געהערט זיין עבד.

דער בית-דין ווידער, איז נישט געבליבן פאַרוואונדערט פון אַזאַ לשון. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי הערן דעם דאָזיקן פסוק, גלייך אַ „באַנציע שווינג" וואָלט געשטאַנען פאַר זיי. אָבער סע האָט זיי פאַרדראָסן די חוצפה פונעם בעל-בית, וועלכער איז ביי זיך געווען אַזוי זיכער, אַז סע וועט אַלץ אַדורכגיין גלאַטיק, מע וועט בויערן דאָס אויער פונעם עבד און שוין. ער וועט זיך צוריק קערן מיטן עבד אויף נאָך איין זעקסער יאָרן...

האָבן זיי זיך שואל עצה געווען, צווישן זיך, איידער זיי זאָלן אַרויסזאָגן דעם פסק-דין, און באַשלאָסן:

— דער עבד וועט אַרויסגיין פריי, אָבער בויערן זיין אויער מיט אַן עקבער ביי דער מזוזה פון דער טיר — דאָס יאָ.

האָבן זיך ביידע צדדים דערקלערט אומצופרידן פונעם פסק-דין. דער בעל-בית האָט געטענהט, אַז דער עבד געהער אים אויף ווייטער, צוליב זיין אָפּזאָגן זיך פון אַרויסגיין פריי. ווידער דער עבד איז געווען אומצופרידן, פאַר וואָס זאָל מען אים עקבערן דאָס אויער — אויב ער גייט יאָ אַרויס פריי...

האָט דאָס בית-דין איינגעשטילט די געמיטער און בפירוש איבערגעחזרט אַז דער פסק-דין בלייבט גילטיק, אַזוי ווי זיי האָבן פריער געפּסקנט. נאָך מער: דער עבד וועט אַרויס פריי צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער.

צעשרייט זיך ווילד דער בעל-בית, אַז עס איז נישט קיין יושר, אַז ער וועט זיך באַקלאָגן ביים סנהדרין.

הייסט דער בית-דין, אז דער עבד זאָל נאָך איין מאָל איבערחזרן דעם פּסוק, וואָס ער האָט פריער פאר זיי געזאָגט:

— „איך האָב ליב מיין האר, מיין ווייב און מיינע קינדער"...

— זעט איר — זאָגט דער ראש בית-דין מיט א שמייכל — אָט דאָ ליגט דער סוד פון אונדזער פּסק-דין: וואָלט דער עבד געזאָגט, אז ער האָט ליב זיינע קינדער און זיין ווייב — וואָלטן מיר אים געגלייבט, ווייל אזוי איז עס נאַטירלעך, דערנאָך מעג ער אויך זאָגן אז ער האָט ליב אויך דעם האר זיינעם... אָבער אז ער זאָל קודם „ליב" האָבן זיין האר, דערנאָך זיין פרוי און דערנאָך די קינדער?!... ווען האָט מען נאָך אזוינס געהערט, אז מע זאָל קודם ליב האָבן דעם „האר" און דערנאָך די פרוי מיט די קינדער?! אָט דאָס איז חניפה, אָט דאָס איז נישט אויפריכטיקייט, דאָס קאָן נישט גענומען ווערן אין חשבון פון א בית-דין, וואָס וויל נישט איינפירן קיין פּערזאָנען-קולט וואָס פירט צו געצנקולט, עבודה-זרה...

נעווען אמאָל...

און אפשר איז עס טאקע אזוי נישט געווען. אָבער זיכער איז, אז סע האָט געקאָנט אזוי זיין — אָבער, ליידער איז עס נישט געווען. ווייל, וואָלט עס געווען יאָ אזוי געשען, וואָלטן מיר נישט געהאט זינט דעמאָלט א לאנגע געשיכטע, א בלוטיקע, מיט א פּראקטיק פון „אהבתי את אדוני", איך האָב ליב מיין האר (און ערשט דערנאָך ליב דאָס ווייב און קינדער!), וואָס איז געווען דער אָנהייב פונעם אזוי באַרימטן וואָרט אין דער לעצטער מאָדע פון „פּערזאָנען-קולט".

יידישע שמחות

האָבן די בייזע ווינטן געמעגט בלאָזן ווילד, האָבן געמעגט זיין רעגנס, שנייען, היצן צי פרעסט — האָט מען געמעגט שלאָגן יידן, וואַרפן זיי פון די באַנען; ווען מען האָט עס געשטערט? איצט איז שמחת-תורה. דאָס איז דער לעצטער טאָג יום-טוב. דאָס איז דער סוף פון די האַרבסטיקע יום-טובים. הוליעט מען און מע מאַכט זיך פריילעך אין די מאַראַמאַרעשער שטעטלעך.

פריילעך, יידישע שמחות... איז דען מעגלעך א יידישע שמחה אַז זי זאָל נישט פאַרשטערט ווערן?! גלייך סע וואָלט שוין געווען א באַשערטע זאַך. אויב מע לאָזט זיי אָפּ די יידן, כאָטש אויף איין מינוט, זוכן זיי זיך אליין אויס עפּעס אַן ענין, א מחלוקהלע, אַז זיי גופא זאָלן זיך פאַרשטערן, נישט נאָר די שמחה, נאָר אפילו דאָס לעבן... דאָס וואָס מענדעלע מוכר-ספרים און זיינע מיטצייטלער האָבן באַשריבן דאָס קהילה-לעבן פון זייער צייט איז כמעט גאָר-נישט לגבי דעם, וואָס אין מאַראַמאַרעש האָט דאָס לעבן, דאָס יידישע, געגעבן גייסטיקע שפּייז אויף צו „פאַרווייל|ן“ זיך.

פאַרשטייט זיך, אַז כדי דאָס צו פאַרשטיין דאַרף מען זיך שטעלן אין דער לאַגע פון יענע צייטן, צווישןביידע וועלט-מלחמות, ווען מאַראַמאַרעשער יידן זענען גרייט געווען זיך דורס צו זיין וועגן אַן עליה, וועגן א „שישי“, צי וועגן נאָך אַזעלכע כיבודים. דעמאָלט, האָט נישט געקאָנט פּאַסירן, אַז א ייד, א מאַנצביל, פון סיי וועלכן עלטער, אָנהייבנדיק פון א קינד פון קוים עט-לעכע יאָר ביז דעם גרייז-גרויעם זקן, זאָל שמחת-תורה נישט באַקומען קיין „עליה“, דאָס הייסט, מע זאָל אים נישט אויפרופן צו דער תורה. זאָל עס זיין כאָטש „עם כל הנערים“, דאָס הייסט מיט אַלע יינגלעך צוזאַמען, אונטער איין קאָלעקטיוון טלית, מאַכט מען מיט זיי א ברכה — און מע לייענט פיר פאַר זיי כאָטש א דריי פּסוקים. דאָס זעלביקע איז אויך מיט אַן הקפה. אויב איינער א ייד, זאָל חלילה-וחס נישט באַקומען קיין הקפה — קאָן ער דען זיך אויסלעבן דאָס יאָר?!

אוודאי לאכט מען שוין היינט, ווען מען הערט אז מע האָט אמאָל אריינ-געלייגט עמעצן אין חרם. דאָס הייסט, אז ביי אָנגעצונדענע שווארצע ליכט האָט מען איינעם אויסגעשלאָסן פון דער יידישער קהילה, וואָס האָט דעמאָלט אויך געהייסן אז מען איז אויסגעשלאָסן פון דער געזעלשאפט, אז קיינער זאָל מיט אים נישט האָבן קיין מגע-ומשא, און דאָס איז געווען נישט נאָר גלייך, נאָר פיל ערגער, ווי פאראורטיילט צום טויט. יאָ, היינט לאכט מען אפשר דערפון, ווייל מע האָט נישט קיין השגה, אז דאָס איז געווען דעמאָלט, נישט היינט. אגב, אויך היינט איז פאראן אזא מין אויסשליסן פון דער געזעלשאפט. א מין חרם. נאָר אויף אן אנדערן אופן, ווען מע שליסט אויס עמעצן, א „חבר", פון דער „באוועגונג"... נו, וואָס איז זיך דאָ צו חידושן, אז ווען סע קומט צו גיין דער פרייליכער יום-טוב שמחת תורה — איז ער נישט פאר יעדן פרייליך. פאראן אזעלכע מענטשן וואָס זיי לעבן איבער ממש דראמעס, ווען זיי באקומען נישט קיין הקפה.

און פאר וואָס? פאר וואָס איז די טראגעדיע אזוי גרוים? ווען יראת-שמים?! ניין, לאוו-דווקא, דאָס איז נישט אזוי פאר גאָט, מיט וועמען מע קאָן זיך איינפארשטיין, ווי מיט א פארשטענדיקן בעל-הרחמים, וואָס איז מוחל אזעלכע קליינע עבירות, אין וועלכע מע האָט נישט קיין פערזענלעכע שולד. מע האָט אָבער מער צו ליידן פון דער סביבה, פון די מענטשן, פון די שכנים, וואָס קוקן קרום, וואָס שאָקלען זיך אָפּ פון איינעם וואָס איז ווי אין חרם, אז אפילו קיין הקפה האָט ער אויך נישט באקומען. יאָ, גאָט קאָן מען נאָך אויף אן אופן אָפּנארן. וואָס שייך דער געזעלשאפט, יענע אין וועמענס סביבה מע לעבט זיך אויס, אָט די געזעלשאפט קאָן מען נישט אזוי לייכט אָפּנארן...

און — ר' שלמה אדלער מיט זיינע איידעמעס, מיט זיינע קליינע איי-ניקלעך זענען געווען ווי אין חרם. פאקטיש האָט מען גאָרנישט געזאָגט. קיי-נער האָט דערפון נישט גערעדט און נישט געוואוסט. אָבער אז עס איז אדורך דער שמיני-עצרת אָוונט, ווען מען איז געגאנגען מיט די ערשטע הקפות און מע האָט נישט אויפגערופן צו די הקפות ר' שלמהן — איז דאָס שוין געווען נישט אזוי גלאטיק... די איידעמעס? זיי האָבן צייט צו באקומען צון אן הקפה, אויך מאָרגן, שמחת-תורה אין דער פרי, ווען אלע באקומען צון אן הקפה, אָבער ר' שלמה?

דער עולם האָט עס באמערקט, אז עפּעס איז נישט בסדר. א בכבודי-קער זקן, וואָס באקומט נישט קיין הקפה, צווישן די ערשטע, אָט דאָס איז נישט קיין צופאַל און אויך נישט קיין טעות — מסתם איז עס עפּעס דערביי, נאָר וואָס?

פארשטייט זיך, אז דאָס האָבן צום ערשטן באמערקט ר' שלמה מיט זיי-נע איידעמעס, אָבער זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט צוגיין פרעגן: פאר וואָס האָט

מען מיך, צי מיין שווער, נישט אויפגערופן צו קיין הקפה? האָט עס אָנגעהויבן צו גרימען אין זיי די רוגזה. אָבער זיי האָבן געמוזט שווייגן און אראָפּשלינגען. איצט, ביי די ערשטע הקפות, איז דאָך דאָס נאָך נישט קיין חיוב, איצט איז עס דאָך לעת-עתה בלויז א כיבוד, און נאָך כיבודים טאָר מען זיך דאָך נישט ארויסווייזן, אז מע לויפט נאָך זיי נאָך. עס איז דאָך באוואוסט דאָס תלמודישע ווערטל: „ווער סע יאָגט זיך נאָך נאָך כבוד — אנטלויפט דער כבוד פון אים; און ווער סע אנטלויפט פון כיבודים — נאָך יענעם לויפן נאָך די כיבודים"... נאָר, דער מאַראַמאַרעשער פאָלקלאָר האָט געוואוסט צו געבן אן עצה, אז בעת דו אנטלויפסט פונעם כבוד, זאָלסטו פון צייט צו צייט אויסדרייען דעם קאָפּ אויף צוריק און א וואָרף טון א בליק, אויב דער כבוד לויפט טאַקע באמת נאָך... אויב נישט, אויב דו זעסט נישט אז ער זאָל דיר נאָכלויפן — איז שטעל זיך אָפּ. סע האָט דאָך נישט קיין זין אוועקצולויפן פון א זאַך וואָס לויפט דיר נישט נאָך... צו אנטלויפן פון כבוד איז א פירבאַדינג פון דער מצווה פון עניוות, אז מע זאָל זיך נישט ארויסווייזן א כבוד-גיריקער, אפילו ווען סע רעדט זיך וועגן א מצווה. נו, פאַרשטייט זיך, אז עס איז געווען נאַטירלעך אז מע האָט געוואָרט, הגם מיט גרוים ערגערניש, אויפן צווייטן טאָג, ווען די שמחה מיט דער תורה איז אין פולן גאַנג, ווען אַלע יידן, אָן אויסנעם, פון גרוים ביז קליין באַקומט אן הקפה, און אויך אן עליה צום ספר-תורה.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אמאָל איז געווען...

דאָס יונגערע דור פון היינט מיינט, אז שפּאַלטן א לאַנד אין צווייען, צי גאָר אפילו בלויז א שטאָט, דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער פאַרשאָלטע-נער צווייטער וועלט-מלחמה און פון די אזוי גערופענע „לאָקאַלע" קליינע מלחמות, וואָס זענען נאָך דעם, ווי א ווידערקול נאָך דער לעצטער מלחמה אנטשטאַנען.

איז ווערט מען באַלד געוואויר ווערן, אז „היסטאָריש" גערעדט, איז עס בכלל נישט אזוי. דאָס שטעטל פּעלערינע, וואָס ליגט באַהאַלטן צווישן די

מאראמאָרעשער קאַרפּאַטישע בערג, איז צעשפּאָלטן געוואָרן פיל פריער, נישט נאָר פאַר דער דאָזיקער מלחמה, נאָר פיל פריער, פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה. נאָך דעמאָלט איז דאָס צעשפּאָלטן געוואָרן אין צווייען, ווי מע שניידט איבער אַן עפּל אין צוויי טיילן.

אַז מע שניידט איבער אַן עפּל אין צווייען, און סע זעען זיך ארויס די קערנדלעך, ווי אויסגעטועטנע נאַקעט, פּילט מען, אַז זיי וואָלטן געזוכט אַ מקום מקלט, וואו זיי זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן. אַן עפּל איז שיין רונדיק, ווען ער איז גאַנץ...

ווי אַזוי איז דאָס געשען? דאָס איז איצט שוין ליידער נישט מער ווי בלויזע לעגענדע, און ווי אַ לעגענדע מעג מען עס אויך פאַרשטיין.

פּעלערינע, ווי געזאָגט, איז געווען איין איינציק שטעטל, אין וועלכן סע האָבן געלעבט (אונדז אינטערעסירט דאָך איצט נישט די גאַנצע באַפעל-קערונג, ווייל נישט זיי זענען געווען צעשפּאָלטן אין צווייען!) בערך הונדערט טליתים, דאָס הייסט משפּחות יידישע. אין יענע צייטן האָבן דאָך נישט געטראָגן קיין טלית בלויז די מענער, וואָס זענען געווען חתונה געהאַט. נישט ווי היינט ווען סע טראָגן טליתים אויך יונגע ייִנגלעך, וואָס האָבן נאָך נישט חתונה געהאַט...

ווידער, צוריק געשמועסט, ווער טראָגט שוין היינט טליתים?!

זאָגט זיך דאָך אַ מאראמאָרעשער ווערטל: פאַרצייטן, אַז אַ ייד האָט זיך געלאָזט אויף אַ וועג, האָט ער זיך מיטגענומען דאָס ווייב — אַ טלית און תפילין האָט ער געפונען סיי וואו. היינט, אַז ער לאָזט זיך אין וועג אריין, דאַרף ער זיך מיטנעמען אַ טלית — אַ ווייב געפינט ער סיי וואו...

יאָ, לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו פּעלערינע, וואָס איז געווען איין גאַנצס און געוואָרן צוויי „האַלבע", אַן „אייבער פּעלערינע" און אַן „אונטער פּעלערינע" נאָר קיין „מיטלפּעלערינע" איז נישט געווען. פלעגט מען זיך שפּאַסן: אין שייכות מיט פּעלערינע איז נישט פאַראַן קיין שום „מיטל" נישט, איז ווי אַזוי זשע לעבט עס אָן „מיטלען"? אָבער דאָס אייבערפּעלערינע גופא האָט זיך אויך ווידער אויפגעטיילט מיט דער צייט, אין אַן אייבערשטן „עק" און אין אַן אונטערשטן „עק".

געשען איז עס אַזוי.

ניין, אַזוי איז עס נישט געשען... ווייל דאָס אויפטיילן אין צווייען איז דאָך נישט געווען מיט אַ מאָל. דאָס האָט זיך געמאַכט פּאַמעלעך, ווי ווען סע צעגעמט זיך אַ געוועב, פאָדעם נאָך פאָדעם. געוויינטלעך האָט מען געדאַווענט אין בית-המדרש. אין בית-המדרש און נישט אין שיל. אין מאראמאָרעשער

יישובים זענען נישט געווען קיין שילן — נאָר בתי-מדרשים. אָבער סע האָט זיך געמאכט, אז סע האָט גערעגנט, סע האָט געשנייעט, האָט מען פארקירצט דעם וועג, און מע האָט צונויפגענומען א מנין אויף מנחה-מעריב, כדי מע זאָל נישט דארפן גיין ביזן בית-המדרש. האָט מען אין אזעלכע פאלן געדאַוונט אין דער מיל. די מיל גופא איז דאָך אויך געווען קליין ווי א גנעניע, אָבער פאר וואָס זאָל מען דאָרטן נישט קאָנען דאַווענען? קיינער שטערט נישט. די מיל שטייט דאָך עפּטער ווי זי גייט. איז שטאָטס סע זאָל מאָלן פּאָפּשויען מעל האָט מען געמאָלן דאָס „קטורת" פונעם דאַווענען.

היינט אַזוי, מאָרגן ווידער אַזוי — ביז מע האָט זיך געטראַכט, אז די מיל טויג סיי ווי נישט, איז זאָל מען בעסער מאכן פון דער מיל א בית-המדרש... דאָס הייסט, אויבן וועט מען דאַווענען און אונטן, ווי אין א קעלער וועט מען מאכן א מקווה.

צו וואָס טויגן צוויי בתי-מדרשים אין אין איינציקן קליינעם שטעטל? דאָס איז קיין פראגע נישט. אין איינעם וועט מען דאַווענען סיגעטער נוסח און אין צווייטן וועט מען דאַווענען ווזשניצער נוסח.

אזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס אייבערשטע בית-המדרש און מיט דער צייט איז, פארשטייט זיך, דאָס אַלטע בית-המדרש געוואָרן דאָס „אונטערשטע בית-המדרש". אזוי איז געבוירן געוואָרן דער „אייבערשטער עק" פון פּעלעריגע, וואָס האָט געדאַוונט אין אייבערשטן בית-המדרש, און דער „אונטערשטער עק", וואָס האָט געדאַוונט אין אונטערשטן בית-המדרש.

אין נייעם, דאָס הייסט אין אייבערשטן בית-המדרש, איז געווען גבאי אויף זיין גאנץ לעבן ר' יעקב פויגל, וועלכער איז געווען אמאָל א שטיקל גבי-רישער בעל-בית, האָט בייגעשטייערט צום אויפבויען אָדער איבערבויען די מיל און מאכן פון איר א בית-המדרש. ער איז געווען איבערן בית-המדרש ווי א לעבנסלענגלעכער בעל-בית. דאָס בית-המדרש איז געווען ביי אים ווי אן אייגנטום און געוואָרן מיט דער צייט אויך זיין פּרנסה.

ר' שלמה אדלער, וועלכער איז אמאָל געווען דער אייגנטימער פון דער מיל, האָט געהאט א חזקה אויף דריי מזרח-שטעט, זיצערטער, פאר אים און פאר צוויי איידעמס. ווען עס איז צוגעקומען דער דריטער איידעם, ווען ער האָט חתונה געמעכט זיין דריטע טאָכטער, האָבן אָנגעהויבן די טענות (מע האָט זיי נאָך דעמאָלט נישט געקאָנט אָנרופן מחלוקות!). וואו זאָל זיצן דער דריטער איידעם? אמת, בעתן איינפארשטיין זיך איבערצובויען די מיל אין בית-המדרש איז נאָך קיין דריטער איידעם נישט געווען, אָבער מע האָט זיך דעמאָלט שוין פארגליכן, אז ער מיט זיינע קינדער וועלן האָבן מזרח-שטעט?!

אזוי האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן וויכוחים, צווישן דעם איצטיקן בעל-בית פון דער שיל און דעם געוועזענעם בעל-בית פון דער מיל.

דארף מען נאָך מאָלן דאָס בילד פון ר' יעקובן, דעם גבאי, אז ער האָט געהאט א לאנגע ווייסע באָרד, כמעט ביז צום נאָפּל, געפּיפּקעט א לאנגע לול-קע און געלאָזט רינגעלעך רויך, נאָר דעמאָלט ווען ער האָט געוואָלט?

זיין פּרנסה? ער האָט געהאט א ביסל ערד, אן עפּל-גאָרטן און — בייזע צינגען האָבן געזאָגט, אז דאָס איבעריקע דערלייגט ער צו זיין פּרנסה פון די אָרע-מע הכנסות פון די פּארקויפטע עליות און דעם „שנדר-געלט"...

ר' שלמה? ער איז געווען א טיפּישער מאראמאָרעשער חסידישער ייד. שבת האָט ער געטראָגן א קאפּטן און שטריימל, האַלבע שיך און ווייסע זאָקן, כמעט ווי א רבי. די פּרנסה? די מיל, דאָס איז דאָך שוין נישטאָ, אויף איר אָרט איז דאָך איצט די שיל, וואָס איז פאר אים אויב נישט מער ווי א הארץ-ווייטיק, איז עס א גוטע געלעגנהייט פאר א הארץ-ווייטיק... זענען אים פארבלי-בן די הכנסות פון דעם קלייטל, וואָס הייסט אז דערפון לעבט מען, אָבער אין דער אמת, דערלייגט מען צום קלייט, פון דעם פון צייט צו צייט פארקויפטן שטיקל ערד.

אָט דער ר' שלמה אדלער, איז פון „יידישע צרות" גרוי און אַלט געוואָרן פאר דער צייט. מע וואָלט געקאָנט זאָגן, ער איז געווען א לא-יוצלח, ווען ער זאָל געווען זיין אן אויסנעם. אזוי ווי ער איז אָבער נישט געווען קיין יוצא-מן-הכלל, נאָר א מאראמאָרעשער בעל-בית, צווישן אנדערע בעלי-בתים, וואָס האָבן קוים געקאָנט שפּייזן זייער משפּחה, איז ער מחמת דעם געווען א געוויינטלעכע דערשיינונג.

געוויינטלעך און נישט געוויינטלעך.

דאָס בעל-בתישקייט, אָדער דאָס בעל-בתישע אָרעמשאַפט איז טאקע געווען א געוויינטלעכע דערשיינונג. אָבער דאָס לעבן בכלל איז נישט קיין גע-וויינטלעכס, נאָר האָט זיך זיין באזונדערקייט. יעדערער פאַל איז א באזונ-דערער. יעדע משפּחה האָט זיך אירע דאגות און אירע... זעלטענע פריידן? ניין, אירע צרות.

ר' שלמה האָט זיך געהאט זיינע אייגענע דאגות און זיינע אייגנאַרטי-קע צרות. קודם האָט ער נישט געהאט קיין גאָר גוט מזל אין זיין משפּחה-לעבן. דאָס ערשטע ווייב איז ביי אים אוועקגעשטאָרבן צום יאָר פון זיין חתונה, ביי א צו פריער געבורט. דאָס צווייטע ווייב זיינס איז געווען טאקע פון א בכבודי-קער משפּחה, א מיוחס, אָבער נישט פאר קיינעם געדאכט נישט קיין גרויסע חכמת, וועלכע האָט זיך גופא זייער ליב געהאט און תמיד אין זינען געהאט,

אז זי זאָל האָבן וואָס זי דאַרף, נישט טראַכטנדיק צי עס איז יאָ דאָ צי עס איז נישטאָ פון וואַנעט צו נעמען.

איז אַז אַ מענטש איז געבענטשט געוואָרן פונעם דערבאַרעמדיקן גאָט מיט אַזאַ ווייב — און דערנאָך האָט זי אים געבוירן דריי טעכטערלעך, מיט כמעט די זעלביקע מעלות פון זייער מוטער, ווערט ממש פרייַלעך אויפן הארצן, וואָס מע דאַרף זיי אונטערוואַקסן און זוכן פאַר זיי שידוכים — אוי, איז דאָס אַ נחת, אַז מע קאָן טאַקע גרוי און אַלט ווערן פאַר דער צייט...

ווי געזאָגט, איז ר' שלמה געגאַנגען אָנגעטון שבת מיט האַלבע שיך און ווייסע זאָקן. דאָס איז שוין געווען אַז מע זאָל פאַרשטיין, אַז דאָס גאַנצע התנהגות פון אַזאַ ייִד, איז געווען כמעט ווי פון אַ „גוטן ייִד", אַ רבי. אַז עס איז געקומען פרייטיק צו נאַכטס, נאָכן טיש, נאָך דער ערשטער שבתדיקער סעודה, האָט ער פאַרענדיקט די זמירות מיט אַ חסידיש התלהבותדיק טענצל. אַליין, אַרום זיך, ווי מע זאָגט „אַרום דער אייגענער אַקס", זינגענדיק און פּלעסקענדיק: „שבת, שבת, שבת שלום מבורך!"... אַזוי האָט ער אָפּגעטאַנצט ביז ער איז אַוועקגעפאַלן אַן אויסגעמאַטערטער, און זיך געלייגט שלאָפן.

צו מאָל, אויך ווען עס איז נישט געווען שבת, סע האָט זיך אין שטוב „אָנגעוואַרעמט" די שטימונג מיט וואָכעדיקייט, האָט ער זיך אויך געקאָנט צעטאַנצן, פּלעסקענדיק מיט די הענט, אויפגעהויבענע איבערן קאָפּ, מיט די צוגעמאַכטע אויגן: „פּחד, פּחד, פּחד!"... פּונקט מיטן זעלביקן ניגון ווי ער פלעגט עס טון פרייטיק צו נאַכטס, ווען ער האָט געזונגען „שבת, שבת, שבת שלום מ-מ-ממבורך!"... נאָר דעמאָלט האָט ער זיך צעטאַנצט לכבוד שבת — און איצט לכבוד...

איין מאָל האָט דער איידעם, וואָס האָט זיך גוט אויסגעקענט אין אַלע „שמ-חות" פון דער משפּחה, און ער האָט געוואוסט, אַז עס איז גאָר נישטאָ אויף וואָס זיך משמח צו זיין און צו זינגען מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַ ווויזשניצער חסידישן התלהבות, און אוודאי און אוודאי און אוודאי נישט אויף צום טאַנצן, האָט ער איין מאָל אים געפרעגט:

— שווער-לעבן, וואָס באַטייט דאָס „פּחד"?

ר' שלמה האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשטעלט פון זיין טענצל, געקוקט גלייך אין די אויגן פון זיין נייגעריקן איידעם און מיט אַ שמייכל פון אַן אומשולדיק קינד האָט ער אים געענטפערט:

— דו ווייסט נישט וואָס סע הייסט „פּחד"?... דאָס זענען די ראשי-תיבות פון „פּאָלנע, חאַטע, דורני". אויף ייִדיש פאַרטייטשט מען עס פון רומעניש: אַ פולע שטוב מיט טיפּשים...

דער איידעם האָט אראָפּגעשלונגען און מער גאָרנישט געפרעגט קיין שום פּירושים אויף אָט דעם רוסנאַקישן פּסוק. ער האָט שוין פאַרשטאַנען אַז אָט דאָס טענצל איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ מסקנה צו די פריערדיקע קרי־גערייען אין שטוב. איז אַנשטאָט ער זאָל שרייען און געוואַלדעווען אויף זיין ווייב און זיינע טעכטער — האָט ער געזונגען: פּחד, פּחד, פּחד!... זאָגן דאָך חסידים, אַז שווייגן הילכט צו מאָל אָפּ פיל העכער ווי שרייען און זינגען איז צו מאָל אפילו אַ גרעסערע קלאָג ווי געוואַלדעווען...

דאָס איז געווען אין שטוב, ביי ר׳ שלמהן.

אין קלייט? ר׳ שלמה פלעגט זיצן איבער אַ גמרא, איבער אַן עין־יעקב, צי איבער אַן אַנדער ספר — נאָר נישט זיצן בטל, ביז סע וועט זיך יאַווען אַ קונה. און אַז סע האָט פּאַסירט אַז אַ קונה איז שוין יאָ אַריינגעקומען ווי על־פּי טעות, האָט ר׳ שלמה דעמאָלט אַרויסגעוויזן זייער ווייניק געדולד. גלייך ער וואָלט אויף אים ברוגז געווען, וואָס ער שטערט אים פון זיין לערנען.

די סצענע איז געווען כמעט די זעלביקע מיט זיינע אַלע קונים:

— אַ גוטן טאָג, גיב גאָט! — האָט דער קונה באַגריסט.

— אַ גוטן, גיב גאָט — האָט ר׳ שלמה אים געענטפערט מיט אַ האַלבן מויל.

— איך וואָלט געוואָלט קויפן אַ פּאָר פּאַסטעלעס — זאָגט נישט גע־וואַגט דער פּויער — אָבער זיי זאָלן נישט זיין צו טייערע, ווייל איך האָב ווייניק געלט...

— אַז מע האָט נישט קיין געלט, קויפט מען נישט — האַקט אים אי־בער די רייד דער פאַרקויפער — וואָס ווילסטו, גנבענען?

— וואָס הייסט, גנבענען? אַז איך קום אַריין ביי טאָג, הייסט דאָך אַז איך וויל קויפן — פאַרענטפערט זיך דער פּויער — ווייזט אַהער, אפשר וועלן מיר זיך איינפאַרשטיין וועגן מקח.

אין דער צייט, פאַרבייגט זיך ר׳ שלמה און נעמט אַפיר פון אונטערן פּידל עטלעכע פּאַסטעלעס און גיט מיט זיי אַ טראַסק אויפן טיש, גלייך ער וואָלט געוואָלט פון זיי פּטור ווערן...

דער פּויער האָט זיך נישט־געוואַגטערהייט אויסגעוויילט אַ פּאָר פּאַס־טעלעס און ער ווייזט זיי:

— אָט דיע, וויפל קאָסטן זיי?

ר׳ שלמה נעמט די פּאַסטעלעס, באַטראַכט זיי פון איין זייט, דרייט זיי אוים אויף דער אַנדערער זייט, ביז ער קאָן אויסלייענען די ציפערן, וואָס זע־נען אויפגעשריבן מיט זיין האַנט, מיט אַ שרייבפּענדל: „5655״...

— זיבעציק לײ קאָסטן אָט די פּאָסטעלעס — זאָגט קורץ ר׳ שלמה.

פון וואו ער האָט גענומען אָט דעם פּרייז? דאַרף מען פאַרשטיין, אַז דאָס איז טאַקע אויפגעשריבן אויף די פּאָסטעלעס, נאָר דער קונה ווייסט דאָס נישט. ווייל דאָס איז שיפרירט, אַז בלויז דער פאַרקויפער זאָל דאָס וויסן. למשל, אָט די פיר ציפערן זענען אויסגעשטעלט אַזוי, אַז די ערשטע און די לעצטע זענען דער סכום וואָס די פּאָסטעלעס קאָסטן, דאָס הייסט אַז ער גופא האָט פאַר זיי באַצאָלט 55 לײ. איז דאַרף מען זיי פאַרקויפן פאַר 65 לײ, די ציפער וואָס איז צווישן דעם ערשטן און לעצטן נומער... אָט פאַר וואָס ר׳ שלמה האָט געבעטן דעם פּרייז פון 70 לײ, אַז ער זאָל האָבן פון וואַנען נאָכצולאָזן פינף לײ...

דער פּויער האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן קראַצן אין קאָפּ:

— דאָס איז נישט פאַר מיין קעשענע... איך האָב געמיינט, אַז פופציק לײ.

ר׳ שלמה האָט זיך אין דעם מאָמענט אָנגעצונדן, גלייך סע זאָל אים גע- ווען אָפּבריען מיט א ברענענדיקער קויל, צונויפגענומען די פּאָכטעלעס און זיי ווידער אַרונטערגעוואָרפן אונטערן פּידל:

— איך האָב דאָך באַלד דיר געזאָגט, אַז דו ווילסט נישט קויפן נאָר גנבענען — דאָ זענען געווען צוויי וואַריאַנטן: צו מאָל האָט ר׳ שלמה גענומען די פּאָסטעלעס און מיט זיי געגעבן א קלאַפּ דעם קונה איבער זיינע פּלייצעס: „גיי שלאָפן!״... און צו מאָל, אַזוי ווי ער האָט איצט געטון, אים נישט געשלאָגן נאָר אים אַרויסגעשטופּט פונעם קלייט — גיי שלאָפן!...

אומזיסט האָט דער קונה געוואָלט העכערן דעם פּרייז. אפשר וועט ער זיך דאָך דערנענטערן צו דער געפּאָדערטער סומע, אָבער עס איז אומזיסט. ער האָט זיך דערזען אַרויסגעשטופּט ביז אַרויס פונעם קלייט, כדי ער זאָל נישט שטערן. ער האָט דאָך עפּעס צו טאָן בילכערס, ווי זיך צו האַמפּערן אויף א פּרייז, וואָס דערנענטערט זיך קוים צו די קויף-קאָסטן...

נו, קאָן מען לעבן פון אַזא פּרנסה?

אָט, פאַר וואָס מע דאַרף צו מאָל זינגען און כאַפּן א טענצל: פּחד, פּחד, פּחד!...

און אַז ר׳ שלמה קומט אין שיל אַריין דאַווענען, אין יענעם בית-המדרש, אין וועלכן ער האָט אויך א נישט קליינעם חלק, ווייל פון זיין געוועזענער מיל האָט מען דאָך איבערגעבויט אויף א בית-המדרש, און באַצאָלט האָט מען אים מיט יענע דריי מזרח-שטעט און מיט עטלעכע עליות, צו וועלכע ער האָט א רעכט, אַז מע זאָל אים אויפרופן צו דער תורה, קומט ער דאַווענען אין דער דאָזיקער שיל, האָט ער אויך בלויז שברי-לב. גלייך דער גבאי, ר׳ יעקב פויגל

וואָלט שוין קיין אנדערע עסקים נישט געהאט, נאָר זיך ווי צו פארליגן אויף זיין געזונט און זוכן מיט אַלע תחבולות ווי אזוי אים צו ערגערן...

און נישט בלויז אים, נאָר אויך זיינע איידעמעס.

ווי אזוי סע מאכט זיך נאָר א געלעגנהייט, טוט מען ווי אויף צו להכעיס, נאָר נישט לאָזן לעבן רואיק. האָט איינער יאָרצייט, לאָזט מען אים נישט צו, אז יענער זאָל זיך קויפן אן עליה, מע לאָזט אים נישט דאַווענען פארן עמוד, גלייך זיי וואָלטן געווען אין חרם. און — פאר וואָס?

און די קעגנערשאפט האָט זיך פארמערט פון צייט צו צייט, יעדעס יאָר איז זי געוואקסן ווי אויף הייוון. האָט זיך פארוואנדלט אין א שינאה, וואָס האָט נישט געהאט קיין שום גרונט... ווען עמעצער וואָלט געוואָלט פאראָדירן די שינאה וואָס שעקספּיר באשרייבט אין זיין „ראָמעא און זשוליעטא" וואָלט ער געקאָנט נעמען די פיינטלעכע באציאונגען צווישן ר' יעקב פויגל און ר' שלמה אדלער...

אן הקפה מיט טרערן

...טאנצן יידן אין א קאראהאָד, די הענט אויף יענעמס אקסל, איינגעהילטע אין טליתים און מע זינגט, מע הוליעט — קוים וואָס מע הערט דעם בעל־תפילה, ווערלכער פירט אָן מיט די הקפה־טענץ, מיט דער הקפה־פּראָצעסיע...

מע טאנצט, מע פרייט זיך מיט דער תורה.

מע האָט דען אן אנדערע פרייד?! מיט וואָס זאָל מען זיך פרייען? וואָלט מען געקאָנט סטענאָגראפירן די דאגות פון די טאנצנדיקע יידן, וואָלט מען זיך געקאָנט גאנץ לייכט איבערצייגן, אז עס איז בכלל נישטאָ קיין סיבה פאר קיין פרייד. פאר טאנצן אוודאי נישט. נאָר וואָס דען? דווקא מחמת דעם, וואָס ליבער וואָלט אָנגעקומען צו וויינען, און וויינען טאָר מען דאָך נישט אין אזא פריילעכן יום־טוב ווי שמחת־תורה, איז טאנצט מען, זינגט מען, מע שרייט זיך אליין איבער, כדי זיך אליין צו פארטייבן...

ווען מע זאָל קאָנען סטענאָגראפירן די דאגות וואָס באָמבלען זיך אין קאָפּ נישט ביי אלע טאנצנדיקע יידן, נאָר בלויז ביי עטלעכע, וואָלט שוין אויך געגוג געווען אויף א טרויער־סצענאַר. און דאָך...

וואויל איז יענע יידן, וועלכע האָבן זוכה געווען אויפגערופן צו ווערן צון אַן הקפה. וואָס זאָל אָבער טון די משפחה פון ר׳ שלמה אדלער מיט זיינע דריי איידעמעס?!

אויך ביים אַלטן ר׳ שלמה איז אין קאָפּ ווי אין א בינשטאָק. ער האָט געגוג פון זיינע דאגות, אויך אָן דער דאגה צו באַקומען אַן הקפה, אָבער, לעת-עתה, איז דאָס די גרעסטע דאגה, איצט, ווען מע טאַנצט מיט דער תורה.

אין דעם מאָמענט פארגעסט ער, די עלטסטע טאָכטער זיינע איז, נישט פאר קיינעם געדאכט, אוועקגעשטאָרבן ביי א געבורט. געבליבן זענען צוויי יתומים, וואָס האָבן פארלאָרן בלויז די מוטער, אָבער א טאַטע אליין וואָס קאָן טון מיט צוויי קליינע ייִנגלעך? אמת, ער קאָן זיי אויסלערנען זאָגן קדיש, אָבער מיט דעם קאָן מען אויפכאָווען צוויי קינדער?! פארשטייט זיך, אַז ער וועט הייגט-מאָרגן ווידער חתונה האָבן, ווייל א מאנצביל קאָן זיך נישט אליין אָפּכאָזען, אָן א פרוי. אָבער זיי, די קינדער וועלן שוין דערמיט האָבן א נייע מוטער? קיין מאָל נישט. אין בעסטן פאַל וועט עס זיין א שטיף-מוטער און, ווי באוואוסט, איז א שטיף-מוטער קיין מאָל נישט געווען דאָס זעלביקע ווי א מוטער... דאָס איז איינס, וואָס קאָן נישט לאָזן פאַסיוו ר׳ שלמהן, ווייל די קינדער, זיינע איי-ניקלעך זענען דאָך זיינע קינדער. והשנית, איז די צווייטע טאָכטער, דאָס הייסט דער צווייטער איידעם, אויך נישט אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון אים, פונעם שווער. אמת, ער האָט זיך אויפגעבויט א הילצערן הייזל, אין וואָס ער זאָל קאָ-נען וואוינען — אָבער וואו? ער האָט עס דאָך אויפגעבויט אויף זיין גאָרטן, און יעדן פרילינג „בייסט" מען אריין אין שווערס ערד, און דאָ פארזייעט מען ציבעלעס, עטלעכע בייטן, דאָרט פארזייעט מען עטלעכע קאָרטשעס פאַסאָלעס... איז עס נישט אין דער אָרדענונג. קודם קאָן מען נישט אָפּזאָגן א קינד, אַז סע זאָל נישט האָבן וואו צו זעצן אַן איינגן ביסל ציבעלעס צי רעטעכלעך. אָבער מסכים זיין מיט דעם, קאָן מען דאָך אויך נישט.

מסכים זיין, וואָלט געהייסן אַז מע האָט שוין צעטיילט די ירושה נאָך ביי זיין לעבן — און דאָס לאָזט נישט צו די יינגסטע טאָכטער, וועלכע האַלט אַז דאָס וועט קאָנען האָבן שלעכטע פאָלגן אויף איר פאַמיליע-לעבן.

אפשר וואָלט עמעצער געקאָנט פארטייטשן די דאגות פון ר׳ שלמהן?

די דאגות מיט דער יינגסטער טאָכטער זענען לאַנגסטיקע, הגם זי איז געווען די שענסטע פון זיינע אַלע דריי טעכטער. און אויב די דאגות מיט איר זענען לאַנגסטיקע זענען זיי דעריבער נאָך שווערערע. וואָלט מען געכאַפּט א בליק אויף דער יינגסטער טאָכטער, וואָלט מען לייכט געקאָנט זיך איבערצייגן אַז זי איז לכל הדעות א פרוי, וואָס קאָן האַלטן נאָענט א מאַן. זי האָט געהאַט

נישט נאָר א שיינעם אויסזע, א שיין געשטאַלט, נאָר אויך געהאט דעם „קום אהער“ צו וואָס א מאן קאָן נישט בלייבן גלייכגילטיק. זי איז געווען א שטאַלטנע מיט רונדיקע אברים, מיט רייכער פרוואישקייט — און דאָך: דער ערשטער שידוך איז אָפּגעגאנגען... פאר וואָס? קיינער האָט עס אין שטעטל נישט געוואוסט. וואָס איז געווען די סיבה? דער געוועזענער חתן אירער איז געקומען צו גאסט, צון איר, צו דער כלה, און ווען ער איז צוריק אהיימגעפאָרן האָט ער געלאָזט וויסן, אז ער לאָזט אָפּ דעם שידוך.

א ידיד פונעם חתן זאָל געווען האָבן שפּעטער דערציילט אז געשען איז די מעשה אזוי: אָוונט, נאָך מעריב דאווענען, איז דער חתן געקומען צוזאמען מיטן קומענדיקן שווער (דאָס הייסט מיט ר׳ שלמהן!) פון דער שיל. זי, די כלה, האָט אים געגעבן וועטשערע צו עסן, א שיסעלע זאטערקע מיט מילך... וואָס איז זאטערקע? דאָס איז א מין קניידלעך, געקנעטן פון ווייצן און פּאָפּשוי-מעל, געקאָכט אין וואסער, און מע גיסט צו א ביסל מילך.

האָט עס דער חתן געגעסן, אָבער ער האָט מער איבערגעלאָזט אין שיסעלע ווי אויפגעגעסן. ווייל זאטערקע איז טאקע א „גוט“ מאכל, אָבער נישט פאר קיין חתן, וועלכער קומט אין געסטעריי צו דער כלה, ווען מע דארף אָפּשמועסן דעם טאָג פון דער חתונה.

האָט די כלה א זאָג געטון:

— וואָס עסטו נישט, ביי דיין מאמע אין דער היים האָסטו בעסערס געגעסן?!

דער חתן האָט נישט געענטפערט אויף אזא „העפלעכער“ פראגע. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער צו מאָרגנס אין דער פרי, ווען ער איז אהיימגעפאָרן, איז דאָס שוין געווען אויף אלע מאָל. מער האָט מען אים שוין אין שטעטל נישט געזען.

פארשטייט זיך, אז אזא מעשה, אין א קליין שטעטל, איז נישט קיין כבוד. און א טאטע, וואָס האָט א צייטיקע טאָכטער אין שטוב, וועלכע א חתן האָט זי איבערגעלאָזט אָן א „זיי געזונט!“, דאָס קאָן קיין געזונט נישט ברענגען... דערנאָך, אז זי האָט שוין קוים יאָ חתונה געהאט, זענען אדורך עטלעכע יאָרן און זי איז נישט פארגאן אין טראָגן. נו, פארשטייט זיך, אז מע קאָן נישט דערווארטן פון א חסידישן יונגנמאן, אז ער זאָל וואוינען מיט אן עקרה מער ווי צען יאָר. לויטן יידישן דין, ווי באוואוסט, א פרוי וואָס האָט נישט קיין קינדער במשך פון צען יאָר נאָך דער חתונה, האָט דער מאן דאָס רעכט זי אָפּצוגטן... און די יאָרן גייען, גייען, און זי איז ווייטער אן עקרה, ווייטער א קאנדידאטין אויף צו ווערן א גרושה...

קאָן מען פאַרטיילן די ירושה, צווישן די איידעמעס, פאַר דער צייט, אַז דעם אַז מע זאָל זיין זיכער אַז אין אַ שיינעם טאָג, וועט די יינגסטע טאָכטער נישט בלייבן אַ גרושה?

...און דאָך — עס איז שמחת-תורה און מע דאַרף זיך פרייען מיט דער תורה און מיטן יום-טוב. מע דאַרף זיך פרייען אַז מען איז אַ ייִד, פונעם אויס-דערוויילטן פאָלק...

און ר' שלמה איז אויך פונעם אויסדערוויילטן פאָלק. נאָר, קאָן מען מען זיך דען פרייען, אַז מע האָט אויך די דאגות, וואָס דער ראש-הקהל וויל דווקא נישט געבן קיין הקפה, נישט אים, וועלכער האָט נישט קיין קליינעם חלק אינעם אויפבויען דאָס דאָזיקע בית-המדרש, נישט פאַר זיינע איידעמעס, וואָס זענען טאַקע חשובע יונגעלייט, לומדים — אָבער: זיי זענען דאָך אין דער זעל-ביקער מחלוקה, ווי צווישן די ווענעדיקער משפחות, מאָנטאַגי און קאַפּולעט, די עלטערן פון די אומגליקלעכע פאַרליבטע ראָמעאָ און דזשוליעטאַ...

און דאָס — וואָס די קאַנגרענע פון זיין פיס אַוואַנסירט, וואָס אַמאָל אַלץ העכער? דאָס איז נישט קיין סיבה פאַר „פריילעך" זיין?

פון וואַו ער האָט די קאַנגרענע? פון לאַנגסטיקע צייטן. ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל און ער האָט זיך געהוידעט אויף אַ דעמבענעם קלאָץ, וואָס איז געווען נעבן זייער הויז. אויף איין עק איז ער געזעסן, שלמהלע, (דעמאָלט האָט ער נאָך נישט געהייסן ר' שלמה!) און אויפן צווייטן עק איז געזעסן אַ שכנס אַ יינגל (דעמאָלט האָט מען געזאָגט: אַ שגצל!), און זיי האָבן זיך געוויגט „הו-צאַ", אַרויף-אַראָפּ, ביז דעם פּויערס יינגל האָט אַ שפּרונג געטון אַראָפּ פונעם קלאָץ, פּלוצימדיק, און ער, שלמהלע, איז אומגעפאַלן און דער קלאָץ איבער זיין פוס... זינט דעמאָלט, שוין איבער זעכציק יאָר וואַקסט די קאַנגרענע, און דער פוס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ בלוילעכער, אָנגעהויבן פון דעם קנעכל, איצט איז עס שוין אַריבער דער קני.

אויך דאָס איז נישט קיין פרייד... אָבער היינט, שמחת-תורה, דאַרף מען זיין פריילעך.

יאָ, מע וואָלט געקאָנט זיך משמח זיין מיט דער תורה, ווען ער זאָל אויך באַקומען אַן הקפה. באַקומט ער אָבער נישט קיין הקפה — דאַרף ער זיך באַגניגן מיט דער פרייד פון דער תורה, וואָס סע האַלטן אַנדערע יידן אין זייערע אָרעמס, און טאַנצן און טאַנצן...

...האָבן די בייזע ווינטן געמעגט בלאָזן ווילד, האָט געמעגט רעגענען, שנייען, האָגלען, ברענען די היצן, שניידן די פרעסט — האָט מען געמעגט שלאָגן

יידן, ווארפֿן זיי פֿון די באנעז, וועמען האָט עס געשטערט? איצט איז שמחת-תורה. דאָס איז דער לעצטער טאָג יום-טוב. דאָס איז דער סוף פֿון די הארבס-טיקע יום-טובים. הוליעט מען און מע מאכט זיך פֿריילעך אין די מאראמאָרע-שער שטעטלעך.

...פֿריילעך, יידישע שמחות. איז דען מעגלעך א יידישע שמחה, אז זי זאָל נישט פֿארשטערט ווערן?! גלייך סע וואָלט געווען א געטאָגנענע זאך. אויב קיינער טשעפּעט נישט די יידן, כאָטש אויף איין מינוט, זוכן זיי זיך אליין אוים עפּעס אן ענין, אז זיי גופא זאָלן זיך פֿארשטערן, נישט נאָר די שמחה — נאָר ממש דאָס לעבן... דאָס וואָס מענדעלע מוכר-ספרים און זיינע מיטצייטלער האָבן באשריבן דאָס קהילה-לעבן פֿון זייער צייט איז א גאָרנישט לגבי דעם, וואָס אין מאראמאָרעש האָט דאָס לעבן, דאָס יידישע, געגעבן גייסטיקע שפּייז אויף צו „פֿארווילן" זיך...

„מאָרגן" איז אױס?

(א פּורים־מאָנאָלאָג, צו זאָגן בציבור — נאָר נישט אליין!)

געדענקט איר, געדענקט איר, ווען די קינדער פלעגן גיין פון הויז צו הויז זאָגן א פּורים-שפּיל, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן רעפרעין:

„היינט איז פּורים — מאָרגן איז אוים,
גיט מיר א המן-טאַש און שטופּט מיך ארוים"?!

יאָ, איך געדענק, כאָטש די באָרד און פּיאות מיינע זענען שוין גרוי פון די יאָרן, פון די צענדליקער פּורימס, וואָס זענען פאַריבער אין מיין לעבן — און נאָך מערער צוליב די „המנס", אוי, די המנס!

נאָר, לאָמיר בעסער טרינקען נאָך איין גלעזל משקה, נאָך איין גלעזל, כדי איך זאָל קענען פארגעסן... לחיים! לחיים!! המן? מרדכי? איך וויים נאָך אלץ דעם חילוק צווישן זיי? איז לאָמיך טרינקען נאָך א גלעזל, ביז איך וועל שוין נישט וויסן קיין אונטערשיד צווישן ארור המן און ברוך מרדכי... ווייל היינט איז פּורים מאָרגן איז אוים, גיט מיר נאָך איין גלעזל משקה און שטופּט מיך ארוים.

דעם אמת געזאָגט, איז אומזיסט די טירחא. איר מעגט מיר געבן וויפל משקה איר ווילט. איך וועל האלטן אין איין טרינקען, איך וועל מיר אפשר אויך פארלירן דעם קאָפּ, איך וועל נישט וויסן אויף וועלכער וועלט איך געפין זיך, אָבער דעם חילוק צווישן ארור המן און ברוך מרדכי — אָט דאָס וועל איך תמיד וויסן, ווי שיכור איך זאָל נישט זיין.

ניין, נישט צוליב מרדכין. נישט צוליב דעם צדיק מרדכי וועל איך נישט פארבייטן די יוצרות, ווי שיכור איך זאָל נישט זיין. ניין, צוליב מרדכין וואָלט איך געקאָנט פארגעסן אָן אים שויןביים ערשטן גלעזל... אָבער המנען? ניין. המן האָט שוין תמיד אין זינען געהאט, אז ער זאָל זיך מיר ארייינקריצן אין מיין זכרון, אין מיין מוח, אין מיין לייב און לעבן, אין מיין מארעך, אין מיינע

אלע חושים — אים וועל איך נישט פארגעסן, אויך אפילו ווען איך זאל טרינ־קען נישט נאר היינט, אין פורים, נאר א גאנצן חודש — אים וועל איך נישט פארגעסן צו פארגראנגערן אים און פארגעדענקען אויף קינדס קינדער: ארור, פארשאלטן זאל ער ווערן, דער המן פון דורות... עד סוף כל הדורות.

איז טרינק איך איין גלעזל און נאך איינס, און נאך איינס — אזוי ווי עס איז א מצווה צו טרינקען אין יום־טוב פורים.

וויפל זשע גלעזלעך האב איך שוין געטרונקען? וועל איך מודה זיין, אז איך ווייס שוין נישט. ווייל איך האב אפשר שוין פארלוירן דעם חשבון? אפשר. אבער איך מיין אז נישט צוליב דעם. נאר סתם אזוי, ווייל הגם איך בין נישט אזוי שוואך אין דער מאטעמאטיק — האב איך אבער א ווידערווילן צו צאלן, צו ציילן, צו סטאטיסטיק... איך האב נישט ליב ווען מע ציילט.

ציילט מען מיר די געטרונקענע גלעזלעך, קאן מען מיר אן עין־הרע געבן, און איך האב מורא פאר אן עין־הרע, הגם איך בין נישט קיין אבער־גלויביקער. איך האב נישט ליב מע זאל ציילן, ווייל אין געציילטן גייט נישט אריין די ברכה.

...איך האב נישט ליב ווען מע ציילט מיר וויפל פורימס איך האב שוין איבערגעלעבט און וויפל פורימס סע זענען מיר נאך איבערגעבליבן צו יום־טובן; איך האב נישט ליב ווען מע ציילט מיר די געטרונקענע גלעזלעך; ווען מע ציילט מיר די ברידער, די קינדער, די אייניקלעך, די זיידעס, די עלטער־זיידעס; וויפל מאל איך בין שוין געבוירן געוואָרן, וויפל מאל איך האב שוין חתונה געהאט (און צי דער זיווג איז עולה־יפה געווען?), וויפל מאל איך האב זיך געגט, וויפל מאל איך בין שוין געבליבן אן אלמן; וויפל מאל איך בין שוין געשטאָרבן און וויפל מאל איך בין שוין אויפגעשטאנען תחיית המתים. איך האב נישט ליב ווען מע ציילט מיינע גרויע האר; איך האב נישט ליב ווען מע ציילט און מע וועגט מיינע מעשים אויף דער וואג...

איך האב נישט ליב אז מע זאל מיר ציילן די געבורטן, נישט די בריתן (וואס קומען אזוי זעלטן פאר!), אז מע זאל ציילן די לוויות (ברררר!), אז מע זאל ציילן די יידן וואס „קומען צו“, אדער יענע וואס פאלן „אפ“ אויף דעם דער־נערדיקן וועג; איך האב נישט ליב גארנישט, קיין שום ציילונג, וואס האט דעם ציל צו פירן צו אנטמוטיקונג, חלילה־וחס, צו אונטערגאנג, וואס וויל אפלייקענען אונדזער נצחיות...

איך האב נישט ליב ווען מע ציילט מיר די פארגאנגענע צי קומענדיקע דורות; ווען מע ציילט מיר די יארן וואס איך האב שוין איבערגעלעבט, כדי מיר אויפצוקלערן וויפל איר האב נאך צו לעבן; איך וויל נישט מע זאל מיר ציילן...

איך האָב נישט ליב קיין סטאַטיסטיק בכלל, און אוודאי נישט ווען איך בין אַ ביסל פֿריילעך נאָך אַ פּורימדיקער כוסה.

פֿאַר וואָס זאָל מען מיר פֿאַרשטערן דאָס ביסל פֿרייד פֿון אַ ייִדישן, זעלטע-נעם ייִדישן יום-טוב, וואָס איז יאָ אַ פֿריילעכער?

וואָס אַנדערש קאָן איך מיר שוין דערוואַרטן פֿון אַזעלכע סטאַטיסטי-קער, וואָס ציילן מיר געגוי אָפּ וויפֿל יאָרן, טעג, שעהן, אַפֿילו סעקונדעס איך האָב צו לעבן?!

לויט אַזעלכע סטאַטיסטיקער וואָלט איך דאָך שוין לאַנג געדאַרפֿט זיין אויפֿן עולם-האמת — איך, מיין לשון, און מיין שטאַם! — און איך בין גע-לויבט השם יתברך נאָך דאָ, איך לעב און איך בין זיך משמח לכבוד פּורים...

לויט דער סטאַטיסטיק? לויט זיי איז שוין נישטאָ ווער און פֿאַר וועמען צו שרייבן מגילות, עס איז שוין נישטאָ גאָר פֿיל וועלכע זאָלן לייענען די מגי-לה; עס איז שוין אַ מאַנגל אין גראַגערס צו פֿאַרטייבן די המנס. נישטאָ ווער סע זאָל גראַגערן אַפֿילו מיט די פֿאַראַנענע גראַגערס. און דאָך...

און אויך דאָס איז נישט ניי. די דאָזיקע סטאַטיסטיקעס מאַכט מען מיר שוין נישט פֿון היינט צי פֿון נעכטן, נאָר זינט הונדערטער און אַפֿילו טויזנ-טער יאָרן.

לחיים! טרינקט מען נאָך איין גלעזל און נאָך איינס — נאָר נישט ציילן, נאָר נישט מאַכן קיין סטאַטיסטיק.

מאַכט מען סטאַטיסטיק, הייבט מען מיר אָן אויסרעכענען, אַז „בקרוב" אין אַן עטלעכע מיליאָן יאָרן אַרום, וועט דער ערד-קיילעך אויסגעקילט ווערן און קיין שום לעבעדיקער נפש וועט נישט איבערבלייבן... אַז אין עטלעכע מיליאָן יאָרן אַרום וועט די זון גופֿא אויך אויסגעקילט ווערן און סע וועט נישט איבער-בלייבן אויף דער ערד קיין שום גרינער שפּראָץ נישט, ווייל סע וועלן נישט זיין קיין זונען-שטראַלן וואָס זאָלן וואַרעמען.

ווען דאָס וועט זיין?

אין עטלעכע יאָרן, דאָס הייסט, עטלעכע מיליאָן יאָרן אַרום? פֿאַר וואָס זשע ווילט איר מיך היינט באַאומרואיקן?!

איך וויל נישט מע זאָל מיר ציילן דעם דויער, סיי מיינעם און סיי פֿון מיינע שטאַמברידער אויף דער דאָזיקער פּלאַנעטע.

איך האָב נישט ליב קיין סטאַטיסטיק, ציילט מיר נישט די פּורים-גלעז-לעך, וואָס איך טרינק — לחיים!

היינט איז פורים, מאָרגן איז אוים — גיט מיר נאָך איין כוסה און, נײַן, שטופּט מיך נישט ארוים!...

אויב סע קומט אָבער אזא מין סטאַטיסטיקער, א שוואַרצזעערישער, איז זאָגט אים אין מײַן נאָמען: היינט איז טאַקע פורים — אָבער אפילו „מאָר־גן" איז נאָך נישט אוים!

דערווייל נעמט אזא מין סטאַטיסטיקער און וואַרפט אים יאָ ארוים!

איז — זאָל זײַן — לחיים, און לשנה הבאה... צום גראם!

א וואכנאכט

(פון דער סעריע: „מע האָט מיך אָפּגענאַרט")

„גדולה אונאת דברים מאונאת ממון"
(בבא מציעא נח:)

אויב מע געפינט נאָך היינט אין גיהנום יינגלעך, שאָלטיקעס, וואָס וואויוועז ארום אין קורצע קויטיקע העמדלעך, תמיד פרייליכע, הגם זיי האָבן הונגעריקע לײדיקע מעגעלעך — זאָל מען וויסן אז דאָס זענען מסתמה מיינע געוועזענע חדר-חברים. פאר וואָס זיי זענען אין גיהנום? וואו דען קאָן מען אַזעלכע שאָלטיקעס געפינען, אין גן-עדן?! אויב זיי האָבן זיך חלילה-וחס, דורך א פארזען פונעם מלאך, וועלכער וואכט ביי דער טיר פונעם גן-עדן, יאָ אריין געכאפט, וועל איך זיי פון דאָרט ארויסטרייבן, ווייל...

אוודאי איז עס אומזיסט אייך דאָס צו דערציילן, פאר וואָס איך קאָן זיי אפילו אויפן היינטיקן טאָג דאָס נישט מוחל זיין. יאָ, אומזיסט, ווייל ווער וועט עס היינט מיך פארשטיין און מיר געבן גערעכט?... ווידער, צוריק געשמועסט, אז איך וועל עס נישט דערציילן וועט מען גאָר מיך האלטן פארן „שלעכטן", וועלכער וויל נישט פארגעסן ביזן היינטיקן טאָג יענע „בושה" וואָס איך האָב דעמאָלט געליטן, וואָס ווען איך דערמאָן זיך פאררויטל איך זיך נאָך היינט — איז דאָך שוין בעסער אז איך זאָל עס יאָ דערציילן... אחוץ דעם, ווייסט מען דאָך שוין ווי סיי די מעשה, ווייל זיי, מיינע חדר-חברים, האָבן דאָך שוין דעמאָלט אויסגעפויקט כמעט אין גאנצן שטעטל די „מעשה", זיי האָבן מיך געמאכט צו לייטיש געלעכטער, איז צו וואָס טויג שוין היינט אויסצובאהאלטן דעם אמת? אזוי אז בעסער וועט עס איצט דערציילט ווערן אויך פונעם צווייטן צד, דאָס הייסט פון מיר גופא, וועט מען דאָך קענען זען, אז גערעכט בין איך.

...ווייסט מען דאָך שוין, אז די בושה האָב איך געליטן ביי א וואכנאכט. אוודאי געדענקט יעדער איינער, אז צו א וואכנאכט, דאָס הייסט ביי א „קריאת-

שמע לייענען", ביי א קימפּעטאָרין וואָס האָט געבוירן א ייִנגעלע, וואָס מע וועט מאָרגן מל'ע זיין ביים ברית, פלעגט מען גיין אין גרופּ, דאָס הייסט אז אלע ייִנגלעך, צו מאָל דאָס גאַנצע חדר, צו מאָל אויך בראש מיטן מלמד און מיינסט מאָל זענען די ייִנגלעך געגאַנגען אליין. דער געוואַגסטער האָט מיטן פּיס אָנ-געקלאַפּט אין דער טיר. זיך אויסגעהוסט, כדי זיך צו מאַכן מוט, נישט געוואָרט מע זאָל אים ענטפערן פון יענער זייט, האָט ער געעפנט די טיר און אריין מיט א רעש, אזוי ווי א גאַנץ חדר מיט ייִנגלעך קאָנען אָנמאַכן אויך ווען זיי שרייען „ששש!".

אינעווייניק, אין צימער, איז אומעטום געווען דאָס זעלביקע בילד: מיט א ווייס לײלעך, ווי מיט א שפּאַניש ווענטל, איז געווען אָפּגעשיידט דאָס בעט, אין וועלכן עס איז געלעגן די קימפּעטאָרין מיטן ברית-ייִנגל ביי איר זייט, אָבער אין גאַנצן צימער זענען געווען אויסגעהאָנגען קימפּעטבריוולעך אויף די ווענט, נעבן יעדן פענצטער, נעבן יעדער טיר, אפילו ביים קוימען, פון וואו מע וואָלט זיך נאָר געקאָנט יאָווען דער „נישט גוטער" (איך וואָג נישט ארויסצוזאָגן דאָס וואָרט „שד"!), וואָס האָט נישט איצט קיין אנדערע ארבעט ווי צו לאָקערן אויף דעם קליינעם נשמהלע, וואָס איז גרייט מאָרגן צו ווערן גע-יידישט, אריינצוגיין בבריתו של אברהם אבינו...

אויפן קימפּעט-בריוול זענען געווען אויפגעשריבן אותיות, ווערטער און פּסוקים — אומפאַרשטענדלעכע נישט בלויז פאַר פּשוטע מענטשן, נאָר אפילו אויך פאַר די שדים גופא...

איך האָב קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען, הײַנט נאָך פיל ווינציקער: וואָס איז אזוי וויכטיק פאַר די שדים אז זיי זאָלן זיך אקעגנשטעלן און נישט דער-לאָזן „ייִדישן" נאָך אײן קליין קינד? נאָך דעם ווי מע האָט געיידישט דאָס קינד דאַרף מען שוין קיין קימפּעט-בריוולעך נישט מער. די גאַנצע סכנה איז נאָר ביזן ייִדישן... דערנאָך, דאַרף מען עס מער היטן דאָס קינד פאַר „מענטשן" — פאַר שדים איז שוין מער נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

דעמאָלט בין איך געווען קוים דריי יאָר אַלט. עס איז געווען אין די ער-שטע וואָכן ווי איך האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר. האָבן מיך מײַנע חדר-חברים פאַרנאַרט, זיי האָבן מיר געזאָגט, אז זיי זענען שוין געווען אויפן „קריאת-שמע-לייענען" — נאָר איך אײנער בין ארויסגעבליבן...

געוואוסט האָב איך אז ביי ר' שלמהן, ביי א שכן, איז געבוירן א קינד, וואָס זאָל איך געווען וויסן ווען עס איז דאָס „קריאת-שמע לייענען", אָדער די וואַכנאַכט?!

אָבער די חברים מיינע האָבן מיך געטרייסט, אז גאָרנישט איז נאָך נישט פארשפּעטיקט. איך האָב נאָך צייט צו גיין אויפן קריאת-שמע-לייענען, אויך אָן זיי... אָבער אזוי ווי זיי האָבן פארשטאנען אז אליין-אליין וועל איך נישט אריינגיין, ווייל זיי האָבן מיך דאָך געקענט פאר א שעמעוודיקן, זענען דאָך א שאָד די רייד — האָבן זיי מיר צוגעגעבן נאָך איינעם, א מער דרייסטערן, אז ער זאָל מיט מיר מיטגיין.

קיין גרויסע „תורה" איז דאָס אייגנטלעך נישט געווען. קריאת-שמע לייענען האָב איך געקאָנט. אי אויסנווייניק אי אינעווייניק. אמת, אויסנווייניק האָב איך געקאָנט פריער ווי אינעווייניק, אָבער נאָר האלב קריאת-שמע. אויסנווייניק האָב איך געקאָנט זינט די ערשטע ארויסגערעדטע ווערטער. יעדן אָוונט, פארן ליגן שלאָפן, האָט מיין מוטער, זכרונה לברכה, מיט מיר געזאָגט „שמע ישראל", דערנאָך האָט זי מיך צוגעטראָגן אויף אירע מוטערלעכע הענט, צו דער מזוזה, איך פלעג קושן דריי מאָל, זאָגנדיק „שדי ישמרנו ומצילנו מכל רע!"...

לייענען קריאת-שמע אינעווייניק, אין „בענטשערל", אָט דאָס האָב איך זיך אויסגעלערנט שפּעטער, אָבער דאָך איידער איך האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר. דאָס האָט מיך אויסגעלערנט דער פאָטער, זכרונו לברכה, ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן קאָנען עברי.

מיר האָבן געהאט א „בענטשערל", אין וועלכן עס איז געווען אלץ וואָס א ייד (אָדער א יידינע!) דארף קאָנען. פון מאכן א „המוציא" ביז בענטשן, ברכת-המזון, א מזונות, מודה-אני, קריאת-שמע, „גאָט פון אברהם" און נאָך אזעלכע ווייבערישע געבעטלעך...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך געלייענט דעם „גאָט פון אברהם" פון נייגעריקייט. מיין מוטער, זכרונה לברכה, האָט איין מאָל אין א נאָכשלוש-סעודותדיקן בין-השמשות זיך פארפלאָנטערט און אָנשטאָט זי זאָל זאָגן „אויף מיין קעפּעלע" האָט זי געזאָגט „אויף מיין בעקעלע" — דעמאָלט האָבן זיך די קינדער צעלאכט...

אזוי בין איך נייגעריק געוואָרן צו וויסן, ווי אזוי טאקע שרייבט די תחינה צי דאָס בענטשערל? האָב איך זיך אויסגעלערנט און געדענק עס נאָך היינט. איך קאָן עס אויך איצט איבערחזרן:

„גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב
באהיט דיין פאָלק ישראל אין דיינעם לויב,
דער ליבער שבת קודש גייט אוועק

און די וואָך זאָל קומען צו גליק
און צו געזונט און צו מזל וברכה,
און צו עושר וכבוד און צו פרנסה טובה
און צו אלעם גוטן אָמן סלה...

אדני גאָט, מיין ליבער גאָט
איך האָף צו דיין ליבן געבאָט.
איך וועל טון וואָס דער טאטע און מאמע הייסט,
און וואָס אלע גוטע פרומע לייט הייסן,
צו גוטן זאָל איך טון,
א ברכה והצלחה אויף מיין קעפעלע, אָמן סלה"...

אָט דאָרט האָב איך טאקע אויסגעלערנט אויך אינעווייניק גאנץ קריאת־שמע לייענען...

איך האָב געקאָנט אויך דעם אָגווינטש, וואָס די קינדער, וועלכע קומען צו דער וואכנאכט, מאכן דער קימפעטאָרין, נאָכן קריאת־שמע לייענען:

„וויפל נעגל אין דאך
אזוי פיל מלאכים אויף דער וואך!"...

נאָך מער, איך האָב געקאָנט אויך דעם צווייטן ווארינאנט. אויב מע האָט נישט מכבד געווען ווי מע באדארף צו זיין, האָבן די יינגלעך ביים ארויסגיין געמאכט נאָך איין אָגווינטש:

„וויפל נעגל אין דאך
אזוי פיל מאָל זאָל ער משתין זיין ביי נאכט!"...

יאָ, איך האָב געקאנט אלע ביידע ווארינאנטן. בין איך דען איצט דאָס ערשטע מאָל אויף א קריאת־שמע לייענען?!

...איז זענען מיר ביידע יינגלעך אריין, ווי בגנבה, צו דער קימפעטאָרין. געבליבן ביי דער טיר נישט געוואגט, און געווארט. אויף וואָס? דאָס האָבן מיר אליין נישט געוואוסט.

אין שטוב האָט מען זיך אָנגעהויבן שושקען, מיט א באהאלטענעם שמייכל.

און אז מיר האָבן געזען אז קיינער זאָגט אונדז נישט גאָרנישט, האָבן מיר אָנגעהויבן לייענען קריאת-שמע. קודם שטיל, ווי אונטער דער נאָז, אָבער מיט דער צייט האָבן מיר באקומען מוט און געהעכערט אויף א קול...

מע האָט אונדז געגעבן יעדן איינעם א קיכל — און פארטיק. דאָס איז געווען אלץ.

ווען מיר זענען ארויסגעגאנגען, האָבן מיר מער קיין קינד אויף דער גאס נישט געזען.

ערשט אין דער היים, ווען מע האָט מיך געפרעגט וואו איך האָב פארשפעטיקט און איך האָב געזאָגט, אז איך בין געווען אויפן קריאת-שמע-לייענען, ביי ר' שלמהן — ערשט דעמאָלט בין איך געוואויר געוואָרן, אז מע האָט מיך ארויסגעשטעלט אויף חוזק: איך בין גאָר געווען אויף א קריאת-שמע לייענען ביי א מיידל... דאָרט וועט קיין ברית מאָרגן נישט זיין...

דעמאָלט האָט מען מיך דאָס ערשטע מאָל אָפגענארט.

הארבסט מיט זון

ווי אזוי מע וויל: מע קאָן אָנהייבן מיט אן אויפרוף־צייכן, און פונקט אזוי קאָן מען אָנהייבן מיט א פרעגצייכן, עס איז די פראגע וואָס אן עפעקט מע וויל ארויסרופן ביים לייענער. אָדער בעסער געזאָגט, עס איז אָפּהענגיק פאר וואָס א מין לייענער מע דערציילט עס: האָט מען פאר זיך א געדולדיקן, מיושב־דיקן לייענער, קאָן מען אָנהייבן אויך מיטן פרעגצייכן און סע וועט נישט זיין קיין שום סכנה, ווייל ווי א געדולדיקער וועט ער געווים איבערלייענען די מעשה ביזן סוף און ער וועט באלד געוואויר ווערן אז דער פרעגצייכן איז נישט מער ווי א רעטאָרישער, ווייל ביים דערציילער, פונקט ווי ביים דעם לייענער איז דאָס געפרעגטע בשום אופן נישט קיין ספק, נאָר א זיכערקייט. האָט מען ווידער, פאר זיך אזא מין לייענער, וואָס איז בטבע א געאיילטער, נישט קיין געדולדי־קער — יענער וועט נישט דערגיין מיטן לייענען די מעשה ביזן סוף, איז טאָר מען זיך נישט ארייגלאָזן אין אזא סכנהדיקער פראגע. און ביי אזא מין פראגע דערלייענט מען נישט ביזן סוף, קאָן זיך שאפן דער איינדרוק ביי אזא מין לייע־נער, אז מע האָט צו טון, חלילה־וחס, מיט א כופר־בעיקר, רחמנא־ליצלן, און דאָס איז קודם נישט אמת, דערנאָך איז דאָך דער דערציילער נישט דאָס אויסן.

איז כדי אויסצומיידן סיי וואָס פאר א קאָנפוזיע, און אויך יענע סכנה אז מע זאָל עס שלעכט פארשטיין, איז דאָך שוין בילכער אז מע זאָל קודם א־וועקשטעלן דעם אויפרופצייכן, מיט א דעקלאראטיווער מודעה — און דער־נאָך, ווען מען איז שוין ארויס פון סיי וועלכער סכנה, דעמאָלט קאָן מען זיך שוין דערלויבן און א שטעל טון אויך דעם פרעגצייכן...

איז קודם: עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט! א גאָט, אן אלמעכטי־קער, וואָס אָן זיין רצון באוועגט אפילו קיין פליג נישט מיט אירע פליגל און סע פאלט אפילו קיין שטרוי נישט אראָפּ פון א וואָגן היי... איי, מע זעט צו מאָל אז נישט בלויז א שטרוי נאָר אפילו א גאנצער דעמב פאלט אוועק און נישט

זעלטן אויף א מענטש, און נאָך וואָס פאר א מענטש, א זעלטענער צדיק — איז מסתמה דאָס געווען דער רצון פון זיין ליבן נאָמען...

דערנאָך, נאָך עפּעס: הארבסט איז נישט קיין סוף, ווי פיל מענטשן מיינען דאָס, נאָר איז אן אָנהייב.

אויב עס איז שוין דאָס געזאָגט געוואָרן, קאָן מען שוין מיט נישט גע־וואגטע טריט פּרוואוון אריבערגיין צום פּרעגצייכן:

איז טאקע דאָ א גאָט אויף דער וועלט? איז הארבסט אן אָנהייב צי א סוף?

אוודאי, אז מע שטעלט אזעלכע פראגן, פארשטייט זיך, אז נישט נאָר וואָס מע דארף פּרוואוון ענטפערן אויף זיי, נאָר זאָגן דעם אמת, אז דער ענט־פער איז שוין פון לאנג געווען צוגעגרייט, נאָך פיל פריער פון דער פראגע — אנדערש וואָלט מען דאָך נישט געשטעלט אזעלכע פראגן, וואָס וואָלטן אויס־געזען ווי קלאָץ־קשיות. האָט מען דאָך דאָס שוין געקאָנט אליין פארשטיין פון די סאמע ערשטע שורות, אז די פראגע איז געשטעלט געוואָרן נישט צו־ליב אן אנדערן ציל ווי צו געבן א געלעגנהייט אויף צו ענטפערן.

איז אויף דער ערשטער פראגע פיל גרינגער צו געבן דעם ענטפער. איז מחמת דעם וועט מען בעסער קודם דאָס אָפּפטורן, דערנאָך וועט מען קאָנען אריבערגיין צו דער צווייטער פראגע, וועגן הארבסט, צי עס איז אן אָנהייב צי א סוף, וואָס איז פיל א שווערערע.

צי עס איז טאקע דאָ א גאָט אויף דער וועלט, דאָס איז שוין באקאנט פון קדמונים, זינט... פון אייביק. אָבער, כדי אויסצומיידן יעדן ספק, דארף מען דערציילן אז צו דער דאָזיקער מסקנה איז דערגאנגען אויך א גלח...

געווען איז עס אזוי: ער האָט געהאט א טבע זיך צו לאנגווייליקן, ווייל זיין פּאָסטן פון א גייסטלעכן האָט אים נישט געגעבן קיין צו פיל באשעפטי־קונג. א חתונה? א ברית? דאָס איז פיל צו ווינציק. וואָס זאָל ער געווען טון? שאלות פּסקענען האָט ער נישט געהאט פאר וועמען, הגם ער האָט גאנץ גוט געקאָנט זיי פּסקענען. איז אָבער געווען די מעשה דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאט פאר וועמען. אין זיין קירך זענען אלע געווען אזעלכע „קענערס", וואָס האָבן זיך אליין געפּסקנט די עווענטועלע שאלות. נאָך מער, זיי האָבן קיין שא־לות זיך נישט געשטעלט און ממילא נישט געדאַפט זיי פּסקענען. ווייל אויב אמאָל האָט מען יאָ געהאט שאלות, איז עס געווען אמאָל. היינט, ווען אלץ אויף דער וועלט איז קלאָר, אפילו גאָר קלאָר, איז פאר וועמען דארף מען די אויפ־קלערונגען פון א גייסטלעכן?

וואָס זשע טוט אזא גלח, מיט וואָס „פאַרטרייבט מען די צייט"? האָט ער זיך אויסגעלערנט (אין דעם טעאָלאָגישן סעמינאַר האָט מען עס נישט געלערנט!) שפּילן קאָרטן.

אייגנטלעך, האָט מען קיין מאָל נישט געדאַרפט לערנען קאָרטן שפּילן, דאָס איז מער א מזל זאַך. אדרבה, מע האָט דאָך שוין געזען, אז איינער וואָס האַלט זיך פאַר א גרויסן חכם אין דער קונסט פון קאָרטן שפּילן, האַלט זיך אפילו פאַר א גאַנצן אייבער-חכם, און ווען ער זעצט זיך אוועק שפּילן, אפילו מיט אזעלכע וואָס זענען אָנהייבער, אָדער איינער איז גאָר א גאַנצער עם-הארץ אין דער תורה פון קאָרטן שפּילן — און דאָך...

יאָ, מע האָט שוין געזען. נאָך מער, עס איז גאָרנישט קיין זעלטנהייט. אדרבה, מעשה שטן פּאַסירט עס טאַקע געוויינטלעך אזוי, אז יענער וואָס האָט קיין השגה נישט פון א „קאָמבינאַציע" ביי די קאָרטן, דווקא יענער פּולט זיך אָן די קעשענעס מיטן געוואונענעם געלט, וואָס ער האָט אויסגעבייטלט זיינע מיטשפּילער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר גאַנצע חכמים.

טאַקע אויף אזא אופן איז דער גלח געוואָויר געוואָרן, דאָס וואָס אנדערע האָבן שוין געוואוסט צוריק מיט כמעט פיר טויזנט יאָר צוריק, ווען א ייִנגל, איינער אברהמעלע, וואָס האָט קוים אָנגעהויבן גיין אין חדר, האָט ער שוין אויסגעשריגן אויף אלע גאַסן אז אויף דער גאַנצער וועלט, יאָ-יאָ, אויף דער גאַנצער וועלט איז פאַראַן איין איינציקער גאָט...

...דער גלח האָט זיך טאַקע יאָ אויסגעלערנט די חכמה פון שפּילן קאָרטן, אָבער מעשה שטן, דווקא דעמאָלט ווען ער האָט אריינגעשטעלט אין קאָן כמעט דאָס לעצטע רענדל — דעמאָלט האָט ער געהאַט אזעלכע מיאוסע קאָרטן, אז ווען מע זאָל זיי געווען געבן צו עסן פאַר חזירים, אזוי האָט דער גלח גופא זיך אויסגעדריקט, וואָלטן אפילו די חזירים נישט געגעסן אזעלכע מיאוסע (ער האָט נישט געזאָגט מיאוסע, נאָר „פּאַסקודנע"!) קאָרטן. אָבער, אין דער לעצטער מינוט, יאָ, אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווייל ביז איצט האָט ער דאָך איינגעלייגט אין קאָן דאָס „כמעט" לעצטע רענדל, אָבער איצט ווען ער האָט טאַקע איינגעלייגט דאָס סאַמע לעצטע — איז געשען דאָס, וואָס סע געשעט איין מאָל אין א יובל: ער האָט באַקומען נישט איינעם, נאָר פיר „אסן" מיט א מאָל... דעמאָלט, אין גרויסן התלהבות, האָט דער גלח, וועלכער איז געווען אריינגעלייגט אין דאָזיקן שפּיל מיט זיין גאַנץ נפש, כמעט אזוי ווי אַן אמאָליקער פרומער ייד, להבדיל, איז געווען אריינגעטון אין די מחשבות פון הלל, בעת ער האָט געוואָלגערט די שמירה-מצות — האָט דער גלח, ווען ער האָט דערזען צווישן זיינע פינף קאָרטן אין די הענט גאַנצע פיר „אסן", האָט ער שיער נישט

געחלשט. אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געשוויגן, כדי נישט צו פאַר-ראָטן זיינע קאָרטן — אָבער צו פיל האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. אַזוי ווי די „באַנק" איז געווען אָנגעפולט, האָט ער אויסגעשריגן, אָן דעם אַז ער זאָל זיך שעמען פאַר זיינע מיטשפּילער: נו, איצט בין איך איבערצייגט, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט!...

פאַרשטייט זיך, אַז די מיטשפּילער, וועלכע זענען קיין גלחים נישט געווען, האָבן נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען דעם טיפן אמונה-געדאַנק, צו וועלכן דער גלח איז דערגאַנגען אין אַזאַ דערהויבענער שטימונג, אין סאַמע שפּילן די קאָרטן. אָבער אַז זיי האָבן דערזען, ווען ער האָט אויפגעדעקט זיינע קאָרטן, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, אַזוי ווי עכטע קאָרטן-שפּילער ווייסן עס צו טון, לויט דער ריי, קאָרט נאָך קאָרט, מיט פאַרטיפטער כוונה אָבער אויך מיט אַ סאַ-דיש געפיל, קודם איין „אַס" און דערנאָך פּאַמעלעך אויך דעם צווייטן, דער-נאָך דעם דריטן און דערנאָך אויך דעם פערטן — דעמאָלט זענען זיי געבליבן מיט אָפענע מיילער, פאַרגלאָצט. און מסתמה האָבן זיי אויך אָנגעהויבן טראַכ-טן ווי דער גלח, אַז „עס איז טאַקע דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט"...

דאַכט זיך, אַז עס איז טאַקע אַזוי. קיינער האָט שוין קיין ספק נישט אין דעם: עס איז דאָ!...

געשעען אָבער אַזעלכע זאַכן, וואָס דער זינדיקער מענטש קאָן זיי נישט אַלע מאָל פאַרשטיין מיט זיין פּשוטן ערדישן שכל. און נישט ווילנדיק, בשוגג, אָן דעם אַז ער זאָל חלילה האָבן מסוכנדיקע פילאָסאָפישע כפירה-געדאַנקען רייסט זיך פון זיין מויל אַרויס: איז טאַקע נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט?

אַזאַ מין כפירה-פראַגע, וואָס מע קאָן אַפילו אַזוי נישט אָנרופן, ווייל ער, דער מענטש, איז דאָך נישט אויסן געווען צו פילאָסאָפירן, צו שטעלן אין ספק די עקזיסטענץ פון אַ גאָט אין הימל — אָבער דאָ אויף דער ערד, וואו ער האָט געזען מאָדנע זאַכן, אויף וועלכע ער געפינט נישט קיין לייכטן ענטפער, דעמאָלט האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַזאַ פראַגע, וואָס איז בכלל נישט גע-ווען קיין ביייזוויליקע.

דאָס מאָל איז עס נישט געווען קיין גלח, נאָר אַ מלמד. נאָר מיט אַן אַנ-דערן נאָמען: אַ לערער. ער האָט געגעבן „שטונדן", דאָס הייסט לעקציעס פון מאַטעמאַטיק און פראַנצייזיש.

סע זענען געווען עלטערן, אויך אין יענע צייטן, וואָס האָבן געשיקט זייערע קינדער אין שול אַריין, אָבער מע האָט זיי צוגעגרייט אויך פון דער היים. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר „אַריסטאָקראַטישע" און סע פּאַסט נישט פאַר אַ-

זעלכע מענטשן אז זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער, „זייער" קינד, זייער „קינד", אז סע זאָל זיצן אין שול אויף איין באנק מיט אנדערע קינדער, וואָס זענען אפשר גאָר קיין קינדער נישט, נאָר קליינע אָרעמע לייט, פונקט ווי זייערע עלטערן זענען געווען גרויסע אָרעמע לייט, זענען זיי געווען קליינע אָרעמע לייט... איז מיט זיי זאָלן זיצן אזעלכע קינדער אין איין שול און יענע זאָלן גאָר בעסער קענען די לעקציעס? האָט מען גענומען א „לערער" אהיים, וועלכער זאָל לערנען, אָדער געבן לעקציעס, א ביסעלע מאטעמאטיק, כדי ער זאָל אויסלערנען נאָך אין דער היים און דערנאָך קומען אין שול מיט דער לעקציע פארטיק איינגעחזרט.

דער פאָטער איז געווען דירעקטאָר פון דער באנק, דאָס הייסט, אז ער איז שוין נישט געווען קיין פשוטער באאמטער, נאָר אן אריסטאָקראט. והא ראיה: ער האָט אויך אויגן-ברילן. מע קאָן שווערן, אז ער האָט נישט געטראָגן די ברילן פון קורצזיכטיקייט, נאָר פון גאווה, כדי צו ווייזן אז ער איז אן „אינטעליגענט"... דאָס דארף מען דאָך נישט דערקלערן פאר קיינעם. עס איז פאר יעדן באוואוסט, אז א מענטש וואָס טראָגט ברילן, בפרט מיט באגילדטע רעמלעך, דאָס איז שוין גאנץ זיכער א „געבילדעטער" מענטש.

אוודאי האָט אזאן אריסטאָקראט געדונגען א „לערער", וואָס זאָל „אונטעררינכטן" דאָס זינדל און מיט אים איינקנעלן אין דער היים די שול-לעקציעס. וועגן פראנצייזיש האָט מען נאָך נישט גערעדט. דאָס איז געקומען שפּעטער, אין עטלעכע חדשים ארום, ווען דער גערעטענער תלמיד איז אהיימגעקומען מיט שוואכע נאָטעס, דעמאָלט האָט מען א שמועס געטון מיטן לערער: אפשר וועט ער לערנען ווינציקער מאטעמאטיק און מאכן זיך צייט אויך פארן ארויסהעלפן מאכן די לעקציעס פון פראנצייזיש?

אין אָנהייב איז ער געקומען אין הויז אריין געוויינטלעך זונטיק אין דער פרי, אזייגער 9, און מיטוואָך נאָך מיטאָג, אזייגער 5, ווען ער האָט צוגעגרייט די לעקציעס.

איז דער ערשטער סורפריז געווען אין ערשטן מיטוואָך, ווען דער לערער האָט דערזען דאָס מיידל, וואָס האָט אים געבראכט א גלאָז סאָדע-וואסער מיט מאלענע-סיראָפּ, אז ער זאָל זיך קאָנען אויפפרישן. ער האָט עס נישט פארלאנגט. ער וואָלט עס נישט געוואגט צו טון, אפילו פשוט וואסער וואָלט ער נישט געבעטן, אויך ווען ער וואָלט געפילט דורשט. אָבער אז מע האָט אים מכבד געווען, מע האָט אים געברענגט אויף א טעלערל א קאלטן זיסן טרונק וואסער, האָט ער געדאנקט און געטרונקען, אָבער... ער האָט זיך פארכלינסעט. עס איז אים אריין אין דער לינקער זייט? חלילה. ער האָט זיך צעהוסט, ווייל ער האָט

דערזען „וער“ עם האָט אים דערלאנגט דאָס גלאָז וואסער. דאָס מיידל איז געווען מער ווי א פּרינצעסין. יאָ, אזוי האָבן מסתמא אויסגעזען די פּרינצעסינס פון די וואונדער-מעשיות. אמת, ער האָט אין זיין גאנץ לעבן נישט געזען קיין פּרינצעסין, אָבער — צוריק געשמועסט — מע דארף זיי דען זען, אז מע זאָל ווּיסן ווי אזוי סע דארף אויסזען א פּרינצעסין?!

הייסט עס, אז וועגן דעם דארף מען לאנג נישט ברייען. גיין באשרייבן ווי אזוי א פּרינצעסין זעט אויס איז פּשוט פארלירן די צייט. דאָס ווייסט דאָך שוין איעדער. איז צו וואָס פארלירן די צייט און באשרייבן ווי אזוי סע האָט אויסגעזען דאָס נפש, וואָס האָט אים דערלאנגט דאָס גלאָז מיטן זיסן וואסער אויפן טעלערל? צו באשרייבן איר שיינעם קערפּער, וואָס האָט זיך געשלייכט ווי א מלאך אין ערדישע הימלען, אפילו ווען ער האָט נישט קיין פליגל?! צו באשרייבן אָנהייבנדיק פון אויבן, פונעם שיינעם קאָפּ, אירע האָר, די אויגן — שוין אָפּגערעדט פון די חוצפּהדיקע בריסטן... דאָס וואָלט געווען א פארלירן צייט און אויך אן אומזיסטיקע טירחא. ווייל באשרייבן אזוי ווי זי איז טאַקע געווען — דאָס קאָן מען דאָך פּשוט נישט, אזוי ווי מע קאָן נישט באשרייבן די קאָליר פון דער זון; ווידער זיך ארייננצולאָזן אין איינצלהייטן — דאָס וואָלט דאָך שוין געשמעקט אויך מיט ניבול-פּה, אויך ווען מע וויל זיך אויסדריקן בלשון נקיה... איז בעסער פון דעם נישט מאריך צו זיין.

איין זאך דארף מען יאָ אונטערשטרייכן, אז דער לערער, ווען ער האָט דערזען דאָס מיידל, האָט ער דאָס וואסער נישט געקאָנט מער אראָפּשלינגען. ער האָט זיך צעהוסט, ווייל עס איז אים געבליבן אין האלדז. ביי זיך האָט ער אָבער געטראכט: פאראן אויך אזעלכע אויף דער ערד?

א לעבעדיקער מענטש, אפילו נישט קיין פארדאָרבענער, ווען ער דערזעט אזא מין בריאה, ווילנדיק — נישט-ווילנדיק טוט ער א טראכט... וואָס סע קאָן אלץ אריבער איבער דעם מענטשלעכן גדאנק? וואָס מע קאָן אלץ איבערטראכטן, ווען מע זעט אזא מין מלאָכיש געשטאלט בצורת אדם — אָדער בעסער געזאָגט, בצורת חווה...

אָבער אחוץ די דאָזיקע גדאנקען, וואָס מע קאָן זיך בלויז פאָרשטעלן, ווייל אזעלכע גדאנקען ברענגט כמעט קיינער נישט אויף די ליפּן און ממילא קאָן זיי קיינער נישט דערפארן, מע קאָן זיך בלויז פאָרשטעלן. איין זאך, וואָס איז אים געקומען אויפן גדאנק, דאָס האָט ער יאָ ארויסגעזאָגט ביי דער ערשטער געלעגנהייט: א מזלדיקער מענטש זיין בעל-בית. אזא מיידל צו האָבן אין שטוב, דאָס איז שוין א באזונדער מזל. דאָס איז נישט קיין געוויינטלעכע זאך, דאָס איז ווי א לאָטעריע-צעטל: מע קאָן ביי אים געווינען אָבער אויך צו

מאָל פאַרלירן... אָבער ווען פאַרלירן טראַכט נישט קיין שום מענטש אויף דער וועלט, ווען ער קויפט זיך אַ לאָטעריע-צעטל. קיינער טראַכט נישט וועגן שאָדן, בפרט זיין אייגענעם שאָדן — נאָר פון געווינען, פון דעם טראַכט איעדער. איז האָט דער לערער אויך אַזוי געטראַכט, אין יענער מינוט ווען ער האָט זי דערזען.

און ער האָט אים מקנא געווען, זיין בעל-בית: אָט דאָס הייסט אַ מזלדי־קער מענטש...

ער איז נייגעריק געוואָרן צו וויסן: ווער איז דאָס מיידל? איז עס אַ פשוט דינסט-מיידל, איז עס אַ קרוב פון דער משפחה, אַן אָרעמער קרוב און בלויז אַ האַלב דינסטל, איז עס אַ רומעניש שיקסל צי גאָר אַן אונגערישעם, ווייל אין שטוב רעדט דאָך איעדער אונגעריש.

וואָס עס איז דער חילוק פון אַ רומעניש צו אַן אונגעריש מיידל?!...

דער לערער האָט זיך דערמאָנט אין יענעם וויץ, וואָס מע דערציילט, אַז עס איז בעסער זיך צו טשעפּען צו אַן אונגעריש מיידל ווי צו אַ רומענישן. נישט נאָר וואָס די אונגערישע האָבן אַ שם, אַז זיי זענען מער ליבנדיקע, מער פייערדיקע, מער איבערגעגעבענע און געטרייע אין דער ליבע — נאָר אויך, צוליב אַן אַנדערן חשבון: אויב מע טשעפּעט זיך צו אַ רומעניש מיידל, הייבט יענע אָן צו שרייען „מאַמע!“ און איידער וואָס און איידער ווען, נאָך איידער דו האָסט זי גוט גענומען אין די הענט אַריין, איז שוין די מוטער געקומען און עס אויס מיטן שפּיל... אָבער אַז מע טשעפּעט זיך צו אַן אונגעריש מיידל, דעמאָלט איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. גאָר עפּעס אַנדערש. קודם שרייט זי נישט אַזוי הויך, נאָר קלאַמערט זיך צו דיר, אַז אפילו ווען מע וויל שוין קאָן מען זיך קוים פון איר אָוועקרייסן. והשנית, אויב זי שרייט שוין יאָ, דעמאָלט שרייט זי בכל-אופן נישט „מאַמע“ נאָר „יעזוס — מאַריאַ!“ ... אַזוי ווי סיי וועלכע פרומע קאַטוילישע טאָכטער שרייט אין אַן עת צרה. נו, ביז ווען דער יעזוס, אָדער אפילו די מאַריאַ וועט זיך יאָווען איר צו געבן די געבעטענע „הילף“, איז שוין נאָך אַלעמען. עס איז שוין צו שפּעט...

דאָ האָט דער לערער נישט געוואוסט קיין באַשייד, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון. מסתמא וועט ער עס געוואויר ווערן שפּעטער. איצט איז פאַר אים איין זאַך געווען קלאָר, אַז דאָ אין הויז לעבט אַ פּרינצעסין, אַז עס איז פשוט מקנא צו זיין דעם בעל-בית: אָט דאָס הייסט אַ מזלדיקער מענטש.

אָבער דער דאָזיקער מצב האָט לאַנג נישט געדויערט. נישט אויף לאַנג האָט דער לערער געקאָנט טראַכטן וועגן מזל פון זיין בעל-בית, אַז ער האָט די זכייה צו האָבן אין הויז אַזאַ מיידל. דאָס גאַנצע האָט געקאָנט דויערן בלויז עטלעכע

טעג. דאָס הייסט געגנוי אָפּגעציילט די טעג פון מיטוואָך, ווען ער האָט זיך פאַר־כּליסנעט ביי יענעם גלאָז וואסער, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אראָפּשלינגען צוליב דער אומגעוויינטלעכער שיינקייט, וואָס האָט זיך אַזוי פּלוצימדיק באוויזן אין זיין נאָענט... אין עטלעכע טעג ארום, דאָס הייסט זונטיק אין דער פרי, ארום אזייגער צען, ווען ער האָט געקנעלט מיט זיין פוילן תּלמיד די שווערע מאטע־מאטישע עברי, האָט זיך גענפּנט די טיר...

די לעקציעס האָט ער געמאכט אין עסצימער, וואו סע שטערט זיי קיי־נער נישט. אָבער אז מע וויל אריינגיין אין קיך, ווען מע קומט פונעם שלאָף־צימער, דעמאָלט קאָן מען אנדערש נישט ווי אדורכגיין דאָס עסצימער, אויך ווען מע מאכט דאָרט „אזעלכע" הייליקע לעקציעס פון מאטעמאטיק.

איז זי אדורכגעגאנגען, ווי א פויגל ווען ער פליט גיך אדורך, מיט צע־שפּרייטע פליגל אָן דעם אז ער זאָל זיי צעפּאָכען.

ווען דאָס יינגל זאָל געווען נישט ארויסלאָזן כמעט אָן זיין ווילן:

— קים די האנט, מוטי! (געזאָגט האָט ער: קעזע־טשאָקאָלאָם!).

יאָ, אזוי איז דער לערער געוואויר געוואָרן, אז דאָס איז מסתּמה די בעל־הביתטע. אָבער, גאָטעניו, וואָס פאר א מין שיינקייט איז דאָס?!... עס איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון און נישט געקאָנט אפילו זי באגריסן. דעמאָלט, אָן זיין ווילן, האָט דער לערער זיך געפרעגט אין גדאנק: איז פאראן א גאָט אין הימל? איין מענטש, אפילו ווען ער איז א באנק־דירעקטאָר, זאָל האָבן אין זיין „פארמעגן" אזעלכע צוויי שיינקייטן? גאנצע צוויי?!

...די „מוטי" האָט געשפּאנט ווי א... נישט ווי א פּרינצעסין, נישט ווי א בת־מלכּה, נאָר ממש ווי א מלכּה. און בעת זי האָט אריבערגעשפּרייזט דאָס צימער, דורך איין טיר אריין אין דער צווייטער ארויס, האָט זיך דער קאַפּאָט, דאָס הויז־קלייד צעשפּאָלטן און סע האָבן זיך ארויסגעזען נישט מער ווי די נאקעטע פיס, ביז די היפטן — אָבער וואָס ווינציקער סע האָט זיך ארויסגע־זען, אַלץ מער איז דאָך געוואקסן דער רייץ. אזא שיינקייט האָט ער נאָך נישט געזען און האָט אפילו נישט געחלומט אז סע קאָן אפילו געמאָלט זיין... און וואו? אין איין איינציקן הויז!

...איז א חידוש אז אין זיין מוח איז אויפגעקומען אזא סכנהדיקער גע־דאנק: איז פאראן א גאָט אין הימל? צי איז אַלץ וואָס געשעט אויף דער ערד די עובדה פונעם אשמדאי?

נו, קאָן מען באשולדיקן, ווען סע שפּראָצט אויף אזא סכנהדיקער גע־דאנק נישט חלילה פון כּפירה, נאָר פון נאָרמאַלער פארצווייפלונג, נישט פון

א קראנקן מוח, נאָר אדרבה, פון זייער א געזונטן מוח, פון א געזונטער נשמה און נאָך א געזונטערן גוף...

דער לערער, באוואונדערנדיק די „השגחה", וואָס האָט אין איין אײנציקן הויז צונויפגעזאמלט אזעלכע צוויי „גראַציעס", האָט ער אָנגעהויבן טראכטן אז עפּעס איז נישט אין דער אָרדענונג מיט דער השגחה. אזוי האָט אויפגע־שפּראָצט אין זיין מוח „אפּיקורסישע" געדאנקען, און ווען סע שפּראָצן אויף א־זעלכע געדאנקען, דעמאָלט העלפט שוין אפילו קיין דאָקטער אויך נישט. מער קאָן העלפן „אָפּלעשן קוילן" צי אן אנדערע היימישע רפואה — עס איז געוואָנדן וואָרסע לעשט אָפּ די קוילן, ווער סע גיט דעם חולה די רפואה, וואָס הגם זי איז נישט קיין ווימנשאפטלעכע, איז זי אָבער ניצלעך — ווי סע ווערט ווייטער דער־ציילט ווערן.

גייען אזוי די טעג, איינער נאָכן אנדערן. סע ווערט א וואָך און אין א וואָך זעגען צוויי לעקציעס. איינע זונטיק, ווען דאָס קינד האָט נישט קיין שולע (אָבער די עלטערן, דאָס הייסט, די מוטער, קאָן יאָ צו מאָל גיין אין קלויסטער!) און דאָס צווייטע מאָל איז מיטוואָך, נאָך מיטאָג. איז אז מע קומט אין א הויז צוויי מאָל אין דער וואָך, ווי לאנג זי זאָל נישט אויסזען די וואָך, דאָך איז נישט מער ווי א וואָך, וואָס ענדיקט זיך און ווערט באנייט ווידער און ווידער אמאָל. און סיי מע וויל יאָ סיי מע וויל נישט קומט אוים צו רעדן א וואָרט אויך מיטן מיידל, וואָס ברענגט א זיסן טרונק וואסער, צי אפילו פּרוכטן. אָן ווערטער, אמת, אָבער דאָך מיט א צוריקגעהאלטענעם שמייכל. בלויז א שמייכל, א שע־מעוודיקער, וואָס זאָגט פיל מער ווי א וואָרט. הייגט איין וואָרט, מאָרגן צוויי...

ביז אין איינעם א מיטוואָך, ווען די לעקציע האָט זיך א ביסל פארצויגן. אין צימער האָט מען שוין געדאַרפט אָנצינדן דאָס ליכט. הגם עס איז נאָך נישט צוגעפאלן דער אָוונט, איז אָבער הארבסט־צייט (פאר וואָס הייבט זיך אָן דאָס שול־יאָר דווקא אין הארבסט?), איז פארוואָלקנט אין דרויסן — אָבער נאָר אין דרויסן...

דער לערער ווען ער האָט געענדיקט די לעקציע האָט ער זיך געלאָזט גיין אהיים, אָבער ווען ער איז ארוים אין דרויסן, וואו סע האָט געליאפּעט א רעגן, ווי סע געשעט נישט זעלטן אין הארבסט, האָט ער דערהערט ווי דאָס מיידל רופט אים און וויל אים אָנביטן א שירעם. קודם האָט ער געזאָגט א פאַרמאלן „דאנק". אָבער אָפּגעזאָגט האָט ער נישט. ווער וועט אָפּזאָגן א שירעם ווען סע רעגנט, און — ווער וועט בכלל עפּעס אָפּזאָגן פאר אזא שיין מיידל? דאָס שי־רעמל איז אָבער געווען ביי איר אין צימער. דאָס הייסט, אז נישט דאָ, נאָר טיף

אין הויף, וואו עס איז געווען איר צימער. האָט ער זיך געלאָזט נאָך איר, געמען דאָס שירעמל.

אז מע רעגנט איז גליטשיק און אז עס איז גליטשיק דאַרף מען זיין אויפ־מערקזאַם, מע זאָל נישט פאַלן אין דער בלאָטע אַריין.

זאָגן אויף זיכער, אז דאָס מיידל האָט זיך טאַקע שיער נישט אויסגע־גליטשט, צי זי האָט בלויז סימולירט אַן אויסגליטש, דאָס קאָן מען, פאַרשטייט זיך, נישט זאָגן. עס איז דאָך בכלל נישט וויכטיק ווי אַזוי עס איז געשען אין דער אמתן. וויכטיק איז, אַז עס איז געשען, וואָס זי האָט זיך שיער נישט אויסגעגליטשט, נאָר אַזוי פיל מזל, וואָס זי האָט אים געהאַט אין דער נאָענט און געהאַט אין ווען זיך אָנצולענען אין דער לעצטער מינוט. אין דער סאַמע לעצ־טער מינוט — נישט איידער זי איז שיער געפאַלן, נאָר איידער זי איז אָנגע־קומען אַריינצוגיין אין דער טיר פון איר צימער. נו, אַז זי איז שיער נישט אומ־געפאַלן און האָט זיך אָנגעלענט אין זיין האַנט, האָט ער זי דערכאַפּט, אויך אין לעצטן מאָמענט, און האָט זי געגומען אין די אָרעמס... זי האָט קוים געעפנט דאָס מויל, מסתמה האָט זי געוואָלט שרייען עפּעס, אָדער „מאַמע" אָדער „יעזוס־מאַריאָ!", ווייל מע קאָן דאָך נישט וויסן וואָס זי האָט געוואָלט שריי־ען, ווייל זי האָט שוין נישט צייט געהאַט אַרוים צו זאָגן קיין איין וואָרט, ווייל ער האָט איר „צוגעמאַכט" דאָס מויל מיט זיינע ליפּן.

...אין דרויסן איז געגאַנגען אַ גאַס־רעגן. אין צימער האָבן זיי זיך גע־ראַנגלט מיטן תמידיקן ער־זי געראַנגל. יענער אוראַלטער געראַנגל און דאָך תמיד נייער. עס איז געווען אַזוי מטושטש אַז מע האָט באמת נישט געקאָנט וויסן ווער עס איז דער אָנגרייפער און ווער עס וויל זיך פאַרטיידיקן. ער, דער לערער, איז געווען בטבע אַ צוריקגעהאַלטענער, נישט געוואַגט אין זיינע באַ־וועגונגען אין שייכות מיט פרויען. אָבער זי איז געווען מער פרייער אין אירע באַוועגונגען הגם זייער אַ „שעמעוודיקע". זייער אַ „שעמעוודיקע", נאָך מער ווי ער. דערפאַר האָט דאָס מיידל אויך זיך נישט געוואַגט אין אירע באַוועגונגען צום פאַרטיידיקן זיך — איז האָט זי אויך כמעט גאָרנישט געטון אין איר שע־מעוודיקייט. אָבער אַז זי האָט זיך געפּרוואווט פאַרטיידיקן גאָרנישט טו־ענדיק, און ער איז געווען אַזאַ צוריקגעהאַלטענער, איז דער געראַנגל צווישן דעם שיינעם מיידל און דעם דערהיצטן לערער געוואָרן וואָס אַמאָל העפטיקער. זי האָט זיך ליידנשאַפטלעך געקלאַמערט אין אים, כדי זיך צו „פאַרטיידיקן" — ער האָט זיך אויך געקלאַמערט ליידנשאַפטלעך אין איר, ווייל ער איז גע־ווען אַ צוריקגעהאַלטענער, נאָר איצט האָט ער שוין פאַרלוירן דעם קאָנטראָל

איבער זיך... איז דער גערענגל צווישן זיי פאָרגעקומען פונקט אזוי ווי געווײנט-לעך. זיי האָבן זיך צוגעצויגן אָפּשטויסנדיק און האָבן זיך אָפּגעשטויס צוציענדיק...

אין דרויסן האָט געליאַפּעט א הארבסטיקער רעגן, אָבער אינעווייניק אין צימערל, האָט ווי געשיינט די זון. די אייביקע ווארעמע זון פון ליבע.

דאָס איז געווען בלויז דער אָנהייב.

זינט יענעם אָוונט האָט שוין נישט געמוזט רעגענען. דער לערער האָט גאָר אויסגעפינען אז דורכן הויף קאָן מען אדורכגיין און אָנקומען אין דער גאַס, וואָס הינטערן גאָרטן. אזוי אז גייענדיק דורכן הויף, צו דער אנדערער פּאַראַלעלער גאַס, נישט נאָר וואָס עס איז פארן לערער פיל נענטער דער וועג, נאָר עס איז נענטער צום צימערל פונעם שיינעם מיידל, אין וועלכן סע שיינט די זון אויך דעמאָלט ווען אין דרויסן איז הארבסטיק פארוואָלקנט...

נו, קאָן מען נאָך שטעלן אזא מאָדנע פראגע צי הארבסט איז סוף צי אָנהייב? נישט אמת. הארבסט איז נישט ערב-אונטערגאנג, כאָטש עס איז פאַרנעפּלט, רעגנדיק. דאָס הייסט נישט סוף.

אמת, א פּעסימיסט וועט לייכט עס קאָנען באווייזן, אז הארבסט איז סוף זומער, אז ווי שיין און גאָלדיק-געל סע זאָלן נישט זיין די בלעטער פון די ביימער, דאָך איז הארבסט די צייט ווען זיי פאלן אראָפּ פון די צווייגן; קיין פרוכטן זעט מען שוין בכלל נישט אויף די ביימער — א באווייז, אז הארבסט איז סוף.

יאָ, אזוי זעט א פּעסימיסט.

ווער עס איז אָבער אן אָפּטימיסט, זעט גאָר אין הארבסט אן אָנהייב, א בראשית, וואָס הייבט זיך אָן מיט א ניי יאָר, ווי לויטן יידישן לוח. אייגנטלעך איז דאָך נישט בלויז מיטן הארבסט, נאָר אויך מיטן אָוונט: לויטן יידישן לוח הייבט זיך נישט אָן א נייער טאָג אין מיטן דער נאכט, צוועלף אזייגער, נאָר אָוונט, זעקס אזייגער, ווען סע דעמערט און פאלט צו די נאכט.

פונקט אזוי הייבט זיך אָן דאָס יאָר אין הארבסט, ווען מע פאראקערט די פעלדער און מע פארזייעט נייע זאָמען, וואָס וועט ביסלעכווייז אויפשפּראָצן און וועט וואקסן...

בלעטער געלע פאלן? נו, איז וואָס?! אָט טאקע דאָס באווייזט, אז זיי מאכן די צוגרייטונג פאר נייע גרינע בלעטער; פאר נייע פירות, גרייטן צו א פרוכפערדיקן „מאָרגן"...

סע רעגנט? נו, איז וואָס?! וועט די ערד זיין פייכט און וועט געבן א רייך געוועטעניש...

הארבסט איז אומעטיק? נישט אמת. אדרבה, הארבסט איז די רואיק-סטע און פרייליכסטע צייט. איצט זענען די שייערס פול מיט דער צונויפגע-זאמלטער תבואה, די קעלערס זענען פול אָדער זיי ווערן צוגעגרייט אריינצו-נעמען אין זיך די נייע ווייגען, געצייטיקטע פירות וואלגערן זיך אויף די גאסן — נאָר צום טועם זיין און זיך לאָזן וואויל גיין...

הארבסטיקע זון? איז בארואיקנדיק. זי היצט נישט, נאָר ווארעמט.

הארבסטיקער נעפל? איז ראָמאנטיש, פונקט אזוי ווי א לבנה-נאכט...

יאָ, זאָל מען פרעגן דעם לערער צי אפילו דאָס מיידל — וועלן זיי אויך זיין עדות, אז הארבסט איז נישט סוף — נאָר סאמע בראשית.

הארבסט? מוז נאָך נישט תמיד זיין נעפלדיק. פאראן אויך זוניקער הארבסט, ווי א גוטע עלטער, פול מיט נחת פון קינדער און אייניקלעך...

יעדער מיט זיין „זעקל"

געווען אמאָל א זאק... א זאק ווי אלע זעק. דאָס הייסט אזא מין לייוונטענע כלי, אין וועלכער מע קאָן אויפבאהאלטן אָדער איבערפירן זאכן פון איין אָרט אויפן אנדערן. ווי אלע זעק — די פאָרעם איז דאָך א פשוטע, א פירעקיקע, פון דריי זייטן איז די לייוונט צוגעמאכט, בלויז ביים מויל איז איין זייט אָפן, ביז מע לייגט אריין די זאכן, דערנאָך בינדט מען צו אויך די פערטע זייט.

די פאָרעם איז א פשוטע? סע דאכט זיך בלויז אוים אויבנאויפיק, אז עס אזוי. עס איז בכלל נישט אזוי פשוט, ווי מע מיינט. זעק האָבן פארשידענע פאָרעמען, מחמת דעם האָבן זיי טאקע אויך פארשידענע נעמען, פארשידענע צילן אויף צו באניצן. אָבער אפילו דאָס פשוטע אויסזען איז דאָך אויך נישט אזוי גאָר פשוט. שוין ביים אָנהייב, ווי נאָר מע האָט אָנגעהויבן באניצן די זעק ווערן זיי תיכף געענדערט, פון א ליידיקן זאק, א פירעקיקע לייוונט, ווערט ער א פולער און ממילא פארענדערט אין א רונדיקע צילינדערפיגור.

איז — אמאָל איז געווען א זאק... נו, טאקע, דער זאק פון אמאָל איז גאָרנישט צום פארגלייכן מיטן זאק, למשל, פון היינט. פארצייטן איז א זאק געווען אומפארמיידלעך פארן אורעלטערלעכן מענטש, פארן נאָמאד, פארן וואנדערער בכלל, וועלכער האָט געהאלטן זיינע „זיבן זאכן" אין זאק, און ביי נאכט זיך צוגעדעקט מיטן זאק, איז דער זאק געווען פון גרויסער וויכטיקייט און ניציקייט. אפשר טאקע צוליב דעם האָט דער זאק, דער בלויזער נאָמען, באקומען אויך א סימבאָלישע באטייטונג, געוואָרן א ווערטל: יעדער מיט זיין „זעקל", יעדער מיט זיין פעקל...

דאָס איז געווען אמאָל, אמאָל, אָבער מיט דער צייט איז דער מענטש געוואָרן „ציוויליזירט" און האָט דאָס זעקל אויפגעטוישט אויף אנדערע מער „מאָדערנערע" כלים: קוישן, קעסטלעך, טשעמאָדאנעס. אין דער מאָדערנער צייט ווערט דער זאק שוין זעלטענער באניצט, אָבער דער סימבאָל פונעם זעקל, אז דאָס מיינט מען „גורל". דאָס איז נאָך פארבליבן.

אין דער תנכישער שפּראַך איז קיין שום זאַק, אונטער קיין שום פּאַ־רעם, נישט קיין פּריילעכער ענין. אדרבה, מיט דער צייט איז עס געוואָרן און פאַרבליבן עד־היום הזה אַ סימבאָל פון אבילות. אַנטון אַ זאַק, לייגן אַש אויפן קאָפּ — הייסט קלאָגן, באַוויינען סײַ אַ פּריערדיקע צרה, ווי חורבן בית־המקדש, סײַ אַ נײַע גזירה, פון וועלכער מע וויל פּטור ווערן, דורך אָנטון אַ זאַק, פאַסטן אַ תענית, תפילה טון.

איז דערציילן וועגן אַ זאַק פון אַמאָל, הייסט דאָך עס, אַז דער „זאַק" איז שוין איצט ווינציקער רעאַל און מערער סימבאָליק, וואָס ווערט שוין אויס־געדריקט אין פאַרשידענע פאָלקס-ווערטלעך:

„אַ יידיקער זאַק", צי „אַ זאַק אָן אַ דנאָ" — איז אַ נישט-פאַרגינער, אַ צר-עין, וועלכער איז קיין מאָל נישט זאַט, נישט צופרידן מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט.

אַ „שנאָר-זאַק" — איז אַ בעטלער, אָבער אויך צו מאָל אַן עושר, וואָס איז אַ „חזיר", אַ קמצן, וועלכער וויל מער נעמען ווי געבן...

פאַר וואָס פלעגט מען זאָגן „אַן איבערגעקערטער זאַק" אויף איינעם וועלכער האָט אויפגעביטן דאָס „רענדל" און זיך געשמד?

אריין אין אַ „זאַק-גאַס" — הייסט ווען איינער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין איינגעע נישט-ערלעכע קאָמבינאַציעס, אָן אַן אויסוועג.

„אויסשיטן דעם זאַק" — הייסט פּלאַפּלען, דערציילן אַלץ, רעדן אָן אויפ־הער, אָן אַ מאָס.

אויב עמעצער האָט „נאָך נישט אויסגעליידיקט דעם זאַק" — הייסט אַז ער האָט נישט געענדיקט זיין לאַנגע נישט אינטערעסאַנטע מעשה, וואָס לאַנגווייליקט די צוהערער.

אַ „קאַץ אין אַ זאַק" — הייסט קויפן אַ סחורה, וואָס מע האָט נישט גע־זען פון פריער.

„צוויי קעץ אין איין זאַק" — הייסט צוויי קעגנער, וואָס זענען געבראַכט, געוואָרן פּנים-אל-פּנים דורך געוויסע אומשטאַנדן און איצט מוזן זיי זיך איינ־פאַרשטיין.

„די אַל שטעקט אפיר פונעם זאַק" — הייסט אַז הגם מע האָט געפּרואווט עפּעס אויסבאַהאַלטן, איז עס אַרויס און מען איז דערפון געוואויר געוואָרן.

„אַ קאָפּ, אַ שטרוי זאַק" — הייסט אַן אויפגעבלאָזענער שוטה, אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ, אַן עם-הארץ, אַ גראָביאַן.

...געווען אַמאָל אַ זאַק, אַ זעקל — אָבער היינט איז עס שוין זעלטע־נער. עס איז געבליבן דער סימבאָל.

יאָ, פאראַן אויך א פארכישופטע זעקל, פון וועלכן מע קאָן ארויס נעמען זאכן, וואָס מע האָט זיי קיין מאָל נישט ארייננעלייגט — אָבער דאָס איז בלויז אין די זעלטענע קינדער־מעשהלעך, צי ביי א קונצנמאכער אין צירק.

א דערציילער „נעמט“ זיינע מעשיות אויך פון א „זעקל“... אפילו די דאָזיקע פארצייכענונג איז אויך ארויסגענומען געוואָרן פון אן אלט זעקל, אן אָפּגעניצטס, וואָס מע האָט קודם אונטערגעשניטן און קערצער געמאכט, כדי אָפּצושניידן דעם לאָך, דערנאָך האָט מען געשטעלט א לאטע, כדי צו פארשטעקן א ניי לעכל — דערנאָך האָט מען דאָס זעקל צענומען און דערפון געמאכט לאטעס פאר אנדערע געלעכערטע זעק, צי גאָר פעדעם צו וועבן נייע זעק... אזוי ווערט המשך פון זעק, ווי פון לעבן, ווערט טראדיציע, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון אן אלטן זאק צו נייערערע... אזוי ווערט איבערגעגעבן דער המשך פון אלטע צו נייע מעשיות...

...פון זאק צו זאק, פון גורל צו גורל, פון דור צו דור, פון מעשה צו מעשה...

מאמע!

(א בריוו צו מיין מוטער, זכרונה לברכה)

חטאתי, מאמע, זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיר ביז איצט נישט געשריבן — הגם נישט זעלטן האָב איך געפילט א נויטווענדיקייט מיט דיר זיך אדורכצושמועסן, ווי סע שמועסט זיך אדורך סיי וועלכס קינד מיט זיין מוטער, פאר וועמען סע האָט נישט קיין סודות, און ווי סע שמועסט זיך אדורך א מאמע מיט איר קינד.

יאָ, „קינד", ווייל ווי ביי יעדער מוטער בין איך דאָך אין דיינע אויגן א „קינד", הגם איך וואָלט שוין געקאָנט זיין א זיידע.

יאָ, א זיידע, ווען מע פארשלעפט געווען נישט אויך מיינע קינדער, צוזאמען מיט אייך, קיין אוישוויץ...

האָב איך געוואָלט זיך מיט דיר אדורכשמועסן, ווי סע טוען אויך אנדערע, ווען זיי גייען אויף קבר-אבות, צינדן אָן א ליכטל, נישט אלע מאָל פאר דער נשמה פון די וואָס האָבן זיך געפעלט, נאָר פיל עפטער פאר זייער אייגענער נשמה וועגן, וואָס איז אָנגעלאָדן און צו מאָל אפילו איבערגעלאָדן מיט יידישע דאגות, צי אפילו מיט צרות.

אָבער איך?

האָב איך דאָך נישט זוכה געווען, אז איך זאָל האָבן וואו אָנצוצינדן א ליכטל, ווייל דו האָסט (צוליב וועמענס זינד?) נישט זוכה געווען צו האָבן א קבר, צו האָבן א מצבה — איז וואו זאָל איך אָנצינדן א ליכטל, וואו זאָל איך דיך געפינען, אז איך זאָל מיר אראָפּרעדן פונעם הארץ, ווי סע טוען עס אנדערע, ווען זיי קומען צום קבר פון זייערע עלטערן?

איז מעגנסטו וויסן, ליבע מוטער, חטאתי. דער צער האָט מיך נישט זעלטן געברענגט צו יאוש און צו מאָל אפילו צו פארצווייפלונג. איז נישט אלע מאָל האָב איך געהאלטן דיין יאָרצייט, נישט אלע מאָל בין איך געגאנגען אויף קבר-אבות — נאָר, ווען איז דיין יאָרצייט און וואו האָסטו גאָר אָן „אדרעס"?

אָבער דיך פאַרגעסן, יאָ, דאָס נישט.

איך האָב קיין מאָל נישט פאַרגעסן צו זוכן שפּורן פון דיין טראַגישן לעבן און נאָך טראַגישערן אומקום... אָ, דאָס האָב איך תמיד יאָ געזוכט. אמת, אמאָל מער און אמאָל ווייניקער, אָבער געזוכט האָב איך תמיד. איך האָב גע־וואָלט אויסגעפינען אַן „אדרעס", וואו דיך צו געפינען און אויך וואו צו גע־פינען א דערמוטיקונג פאַר מיין אויף אייביק פאַר תשעה־באָבטער נשמה, און פאַר דיין נשמה — א תיקון...

יאָ, איך האָב תמיד געזוכט דיין אדרעס, וואו דו האָסט דיין מנוחה, כדי אזוי אפשר צו געפינען מיין אייגענע רו...

אויפן היימישן בית־עלמין האָב איך עס נישט געפונען.

אויפן זיידנס קבר האָב איך נישט איין מאָל אָנגעצונדן א ליכטל, אָבער גע־טראַכט האָב איך צו דיר און צו אייך אַלע, וועלכע איר זענט אזוי טראַגיש אומ־געקומען... נאָך מער, איך האָב באַנייט זיין מצבה, ווייל די אַלטע איז שוין געווען באַשעדיקט פון דער צייט, אָבער געמיינט האָב איך דאָך עס דיר צו שטעלן די מצבה.

דערנאָך האָב איך געפונען אויך דיין אַן „אדרעס": אויפן הר־הזיכרון ביים „יד־ושם", ווען איך האָב געזען די אויפשריפט פון אונדזער חרוב גע־וואָרענער קהילה, האָב איך דאָך אויך דיך „געזען"... אָ, אָט דאָרט האָב איך, דאַכט זיך, יאָ געפונען דיין אַן אדרעס.

נו, איז האָט ביי מיר ווי אָפּגענומען דאָס לשון. איך האָב קיין כוח נישט געהאַט אַרויסצורעדן קיין וואָרט נישט, הגם איך האָב עס זייער געוואָלט. איך האָב כמעט געפילט אז דו וועסט מיך „דערהערן", וועסט מיך פאַרשטיין — זענען אָבער די ווערטער געבליבן מיר אין האַלדז, האָבן מיך געוואָרגן און האָב נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין איין איינציק וואָרט...

יאָ, לאָמיך זאָגן דעם אמת, איין איינציק וואָרט האָב איך, דאַכט זיך, יאָ אַרויסגערעדט, אָדער בעסער געזאָגט, אַרויסגעשעפּטשעט, אפשר בלויז אין געדאַנק, דאָס ערשטע וואָרט פון קדיש: יתגדל, יתגדל... מער האָב איך נישט געקאָנט.

דערנאָכדעם האָב איך באַזוכט דאָס „בית־מרמרוש"... אָ, דאָס וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. דאָס איז געווען פאַר מיר א דראַמאַטיש איבער־לעבעניש, אזוי ווי אַלע יידישע איבערלעבענישן: עס איז געווען אָנגענעם און טראַגיש. איך האָב דערפילט א טאָפּלטן טעם: עס איז געווען אין דער זעלביקער צייט אי זיס אי ביטער... אוודאי האָט עס מיר מער ווי הנאה גע־

טון, ווען איך האָב געזען אין „חדר־הזיכרון" אויפן יזכור־טאָוול אויפגע־שריבן אויך דיין נאָמען, צפורה בת ר' שלום גאנז...

אָבער ווי, פאסט עס זיך דען צו זאָגן „א הנאה"?!... ווען איך האָב איבערגעלייענט די נעמען, דיינעם, דעם פאָטערס, דער שוועסטערס, דער פרוים, די קינדערס — פון אייך אַלע ליבע מיינע, וועלכע איר זענט אומגעבראכט געוואָרן אין אוישוויץ אויף קידוש־השם והאומה — האָב איך געקאָנט האָבן הנאה?!

...דערנאָך איז געקומען דער „קלאפ", וואָס האָט פארטייבט מיינע אַלע חושים און איך האָב זיך פארלוירן, נישט געוואוסט וואו איך געפין זיך. פאר מיינע אויגן איז דערשינען א שרעקלעך בילד, וואָס מיין דור זעט עס נישט זעלטן אין חלום און צו מאָל אויך אויף דער „וואָר", אין די שלאָפלאָזע נעכט: פלא־מען, פלאמען, וואָס פארצערן אונדזער אייביקן קרבן „עולה" פון אונדזערע קדושים, וועלכע זענען געבראכט געוואָרן אויף דער אייביקער יידישער עקידה...

איך האָב זיך קוים געכאפט, אז דאָס וואָס איך זע איז בלויז א „זכר", עס איז דאָס עלעקטרישע לעמפל, דאָס נר־נשמה, אין דער פאָרעם פון א ברע־נענדיקן פאקל, וואָס יהודה בן אליעזר, פון באָרשע, האָט אָנגעצונדן מיטן ע־לעקטרישן שאלטער... אָבער ביז איך האָב זיך אדורכגעוועקט פון מיין קאָש־מארישן חזיון, האָב איך דאָך ממש „געזען" די אוישוויץ־פלאמען...

יאָ, אויך דעמאָלט האָב איך געפונען דיין אן אדרעס.

האָב איך זיך שוין א ביסל געטרייסט. נו, איצט בין איך שוין אויך מיט „לייטן" גלייך. אויך דו, מיין מוטער, האָסט שוין אן אדרעס, אזוי ווי יעדנס.

זינט דעמאָלט, ווען איך וויל אָנצינדן א ליכטל, צי גאָר אויסלעשן מיין א טרער, וועגן דיינער צי גאָר וועגן מיין אייגענער נשמה, ווייס איך וואו אייך צו זוכן און אויך צו געפינען.

האָב איך אויך שוין געפונען דעם אדרעס פון מיינע קדושים. איך האָב געפונען א מקור אויף צו שטארקן מיין געמיט, בעת מיין נשמה ווערט פארפלייצט מיט יאוש־געפילן, ווען איך פיל א מאנגל אין לופט צו עטעמען און איך נוי־טיק זיך אין דערמוטיקונג.

אָבער וועגן דעם, מאמע טייערע, האָב איך שוין געשריבן, אפילו אין גאנצע ביכער, נישט בלויז אין א בריוו, ווי איצט... פאר וואָס זשע האָב איך איצט זיך דערמאנט אז איך מוז דיר שוין ווידער שרייבן? ווייל איך האָב גע־פונען א סיגעטער „שבת־צעטל", וואָס שרייבט פיר ווען מע דארף אָנצינדן פריי־טיק צו נאכטס די ליכט, ווען מע דארף דאווענען, ווען מע דארף מאכן אן עי־

רוב-תבשילין. ווי אין סיגעט איז שוין געווען דער מנהג... יאָ, דאָס דאָזיקע שבת-צעטל איז אָבער געווען דאָס לעצטע פון אונדזער קהילה, נאָך דעם שבת-צעטל פון פערצנטן אַפּריל נײַנצן פיר און פערציק, פון אחרון של פסח תש"ד — איז שוין מער נישט געווען גאָרנישט. עס איז געווען סוף-פסוק...

מער האָט מען שוין נישט געדאַרפט אין סיגעט קיין שבת-צעטלעך, כדי צו וויסן ווען מע זאָל צינדן ליכט בײַם אַרײַנגיין און אַרויסגיין פונעם הייליקן שבת. תיכף, נאָך יענעם שבת, האָט מען די קהילה אינטערנירט אין אַזוי גערופע-נעם געטאָ. וואָס איז פאַקטיש געווען אַ מין צונויפזאַמלען פאַרן דעפּאָרטירן קיין אוישוויץ.

...פרײַטיק צו נאַכטס. איך האָב דאָס בילד נאָך הײַנט פאַר די אויגן: דו האָסט אָנגעצונדן מיט כוונה די ליכט, אין די מעשענע לײַכטער, געמאַכט די ברכה מיט יידיש-טאָכטערישער פרומקייט, האָסט אַרומגענומען מיט דײַנע הייליקע שבתדיקע הענט די פלאַמען, דרײַ מאָל, און צו מאָל איבערגעחזרט ווידער און ווידער צו דרײַ מאָל, און האָסט דיר מיט די הענט פאַרשטעלט דײַן שײַנענדיק געזיכט און דײַנע ליכטיקע אויגן, אין וועלכע איך האָב ממש גע-זען די שכינה, און האָסט געזאָגט דעם יהי-רצון... איך ווייס עס נאָך פון דעמאָלט, דו האָסט דיך דעמאָלט אויסגעשמועסט מיט רבונו-של-עולם. פאַר וועמען דען האָסטו דיר געקאָנט אָפּרעדן פונעם האַרץ...

איך, הײַנט, קומט מיר צו מאָל אויך אָן, אַז פּונקט אַזוי זאָל איך מיך אויך אויסשמועסן מיט דיר — איך זאָל מיר אויך אָפּרעדן פאַר דיך דאָס האַרץ...

אפשר טאַקע דערפאַר ווילט זיך מיר צו מאָל דיר אָנשרײַבן אַ בריוו?

...לייען איך הײַנט דאָס שבת-צעטל, אין וועלכן מע שרײַבט אויף אונ-געריש (ווײַל יידיש און לשון-קודש איז דאָך דעמאָלט געווען פאַרבאָטן!) אַז דו זאָלסט, צוזאַמען מיט אַלע יידישע פרויען פון סיגעט, מנדב זײַן פאַר דער תלמוד-תורה און ערשט דערנאָך צינדן די ליכטלעך... איז טאַקע אויפגעמאָלן אויפן שבת-צעטל לינקס אַ מנורה און רעכטס אַ תלמוד-תורה פּושקע געדרוקט אין איינער פון די פיר יידישע דרוקערײַען פון סיגעט, בײַ ר' משה ראָזענטאַל.

נו, מסתמא ווייסטו עס שוין. די האַרטיסטישע אונגערן זענען שוין מער נישט אין סיגעט. זיי וועלן שוין קיין מאָל דאָרטן נישט זײַן.

איצט מעג מען שוין לערנען אין דער תלמוד-תורה. נאָר ווײַ, וואו נעמט מען יענע קינדער, וועלכע זענען געפירט געוואָרן אויף דער אוישוויצער עקידה?

אַט זעסטו, טייערע מוטער, פאר וואָס איך האָב דאָס קיין מאָל נישט גע־קאָנט פארגעסן? ווייל מע האָט מיר אויסגעקוילעט מיינע יידיש־לייענער.

האָב איך דיר דאָס געוואָלט מודיע זיין. אָבער איך האָב דיין אדרעס נישט געהאט. איצט האָב איך אים געפונען אין „יד־שם" און אין „בית־מרמרוש" — מיטן געדאנק געוואָנדן אהין זאָג איך מיינע תפילות.

אין יענער ריכטונג איז דאָך אייביק געווען אונדזער „מיזרח" — איז עס בפרט היינט אויך מיינער...

אויך איצט, ווען איך צינד אָן א ליכטל, זאָג א קדיש (און אויך „אני מאמין"!), שטעל איך מיך אין געדאנק מיטן פּנים צו מיזרח, ווי ביי דער שמונה עשרה...

און טראכטנדיק צו דיר, זאָג איך ווידער אמאָל: זיי מוחל מיר מאמע טייערע, וואָס נישט אלע מאָל האָב איך דיין יאָרצייט געהאלטן.

...זיי מוחל, דיין בן־יחיד,

וואָלוועקו

טאטע!

(א בריוו צו מיין פאָטער, זכרונו לברכה)

אבי יקירי,

סע ווערן באלד פינף און דרייסיק יאָר זינט מיר האָבן זיך צעטיילט. דו ביסט געפאלן אויפן שלאכטפעלד, איך בין איבערגעבליבן בלויז אן אינוואליד, מיט א פארוואונדיקט הארץ...

אמת, מיין וואונד איז נישט קיין פיזישע. וואָלט עס געווען א פיזישע וואונד, וואָלט זי זיך מסתמה במשך דער צייט געווים שוין פארהיילט, אָדער איך וואָלט געהאט א פראָטעז צו דערזעצן א האנט, א פוס צי אן אויג — אָבער מיין וואונד איז נישט קיין פיזישע, ווייל פיזיש בין איך ארויס א גאנצער פון דער בלוטיקער מלחמה, וואָס אונדזער פאָלק האָט געפירט קעגן מאָדערנעם „עמלק". גייסטיק אָבער בין איך פארוואונדיקט: סע רינט דאָס בלוט פון מיינע נשמהדיקע אָדערן, ווי סע וואָלט זיך אויפגעוויקלט אן אומענדלעכער פארמעט, אויף וועלכן סע זענען פארשריבן, ווי אין א פנקס, די נעמען פון מיין גאנצער משפחה, אָנהייבנדיק מיט דיין נאָמען, וועלכער ביסט געפירט געוואָרן אויף דער אייביקער יידישער עקידה, צוזאמען מיט דיינע תלמידים, מיט וועלכע דו האָסט געלערנט יידישקייט, זאָלן זיין מענטשן און ליב האָבן מענטשן, ליב האָבן דעם חבר ווי זיך זעלבסט און... אזוי האָט מען מקריב געווען אויך די איבעריקע: די מוטער, די שוועסטער מיט אירע קינדער, מיין פרוי מיט אונדזערע קינדער — איז פאראן א גרעסערע וואונד?!

אָבער, ליבער פאָטער, איך האָב נישט פארצווייפלט. פונקט אזוי ווי דו ביסט געווען פעסט אין דיין אמונה, אז נצח ישראל לא ישקר, אז דאָס יידישע פאָלק איז אייביק, פונקט אזוי גלייב איך אויך באמונה שלימה, הגם...

אָ, אָט דעם „הגם" קאָן איך נישט אראָפּשלינגען. אָט דער הגם לאָזט נישט פארהיילן, כאָטש לפנים, מיין בלוטיקע וואונד: דער דור פון דער שואה לעבט נאָך, און שוין ווייל מען—נישט פארגעסן, נאָר ממש אָפּלייקענען — די

רציחות. האָבן מיר זיך געווען אפילו געקאָנט דעמאָלט פאָרשטעלן, ווען די האָרטיסטישע זשאנדארמען האָבן זיך געטון זייערע רוצחישע ארבעט מיט אזא פליים, גלייך זיי וואָלטן געוואָלט איבערשטייגן אויך די דייטשע פאשיסטישע רציחות?!

יאָ, איך געדענק אז דו האָסט אפילו נישט געוואָלט פארשטיין וואָס סע געשעט קודם מיט מיר און דערנאָך אויך מיט דיר. מיך האָט מען פארנו-מען אין צוואנגארבעט באטאליאָן און דיך שפעטער אין געטאָ. דו האָסט עס נישט געקאָנט פארשטיין (ווער האָט עס דען יאָ געקאָנט פארשטיין?), אז דיך, וועלכער ביסט געווען אזא געטרייער סאָלדאט אין דער אונגערישער ארמיי, בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, דיך זאָל מען טרייבן ווי מיט א בייטש, אין געטאָ אריין, און דערנאָך אין די טויטנוואגאָנען כדי אָפצושיקן קיין אוישוויץ?!...

אָ, אָט דעם „הגם" קאָן איך עד היום נישט אראָפשלינגען. עס איז דאָך גאָר מעגלעך, אז די עלטערן פון יענע רוצחים, וועלכע האָבן דיך געטריבן צו דער עקידה, זאָלן געווען זיין דיינע חברים אין די שלאכטן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, אפשר האָט איר אייך קעגנזייטיק פארבונדן אייערע וואונדן?!

קאָנסטו מיר עס דערקלערן, ווי אזוי מענטשן האָבן זיך פארוואנדלט אין חיות?!... פאר וואָס האָב איך תמיד געזען די זשאנדארמישע צורות, מיט זייערע הענערנע פעדערן אין די היטן, ווי עפעסערע מלאכי-חבלה?!

...און דאָך, ווי פארוואונדיקט איך זאָל נישט זיין, דאָך איז מיין נשמה נישט פארסמט געוואָרן. איך האָב נישט אָנגעזאמלט קיין שינאה אין מיין הארץ קעגן אונגערישן פאָלק, איך האָב בלויז פרעגצייכנס, בלוטיקע פרעגצייכנס, וואָס וועקן אין מיין מוח שלאָפלאָזעקייט. האָבן דאָך געלעבט אין מאראמאָראָש, ווי אין גאנץ טראנסילוואניע, צוזאמען מיט רומענער אויך אונגערן, יידן, רוס-נאקן און שוואבן — און מיטאמאָל האָבן זיי, די אונגערישע פאשיסטן בא-קומען די ממשלה אין די הענט, אין די פאשיסטישע הענט, און באלד — באלד זענען זיי געוואָרן אזעלכע ווילדע רוצחים?!...

ניין, איך האָב צום אונגערישן פאָלק, אין גאנצן גענומען, גאָרנישט. אויך היינט הער איך מיט פארגעניגן אונגערישע מוזיק; איך געדענק נאָך פון די קינדער-יאָרן, ווען איך האָב געלייענט יאָקאַי מאָר און קאלמאן מיקסאט און פעטעפי שאנדאָר... און דו? האָסטו דאָך מיך אויסגעלערנט זינגען דאָס ליד פון קאלעווער רבי, האלב אונגעריש האלב לשון-קודש?! יאָ, אין דער זעל-ביקער צייט, ווען דו האָסט מיט מיר אייגנעחזרט א חסידישן „וואָלעך", וואָס שפעטער בין איך געוואויר געוואָרן אז דאָס איז א גילגול פון דער אזוי בארימטער

רומענישער „דוינע"... יאָ, דאָס זעלביקע חסידישע התלהבות האָסטו ארויסגעוויזן ביי ביידע ניגונים, סיי ביים קאַלעווער רבים אונגערישן זמר, סיי ביים וויזשניצער רבים נוסח פונעם „וואָלעך"...

און דאָך... האָבן „זיי" פארגעסן דעם טשארדאש-ריטעם צום האָפּערדיקן טאנץ און האָבן אים פארווענדט, כמעט דעם זעלביקן סטאקאטאָ-ריטעם, צו טרייבן „גיכער", „גיכער", גלייך ווי ווען מע טרייבט פשוטע שאָף צו דער שחיטה.

נו, דאָס איז דאָך דיר שוין באוואוסט. דו ווייסט אָבער נישט, אז היינט וויל מען עס אָפּלייקענען: לא היו דברים מעולם. מע האָט קיין יידן נישט אויסגעקוילעט, אויב שוין יאָ, עט, וואָס, עטלעכע — ווער זאָגט עס אז זעקס מיליאָן?!...

אנומעלט, האָב איך געהאט א שמועס מיט איינעם, וואָס האָט געזוכט סטאטיסטיקעס: וויפל יידן סע זענען געווען אין צפון-טראנסילוואניע פאר דער מלחמה און וויפל סע זענען געווען נאָך דער שואה (ער האָט נישט געזאָגט „שואה", נאָר וועלט-מלחמה. ער וויל נישט וויסן וועגן אזא „מיאוס" וואָרט — סע קלינגט נישט אָנגענעם, סע גרילצט אין די אויערן!). וואָס ער איז אויסן געווען? ער וויל מאכן א „חשבון" אז מע האָט נישט אומגעבראכט קיין צענדליקער טויזנטער יידן פון מאראמאָרעש און טראנסילוואניע. פארשטייט זיך, אז איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאלטן און אָנגעהויבן ווי צו שרייען: איך גופא בין געבליבן איינער, איין איינציקער פון א גאנצער משפחה! האָט ער מיך געוואָלט „בארויקן", מע דארף נישט „דיסקוטירן" ליידנשאפטלעך, ווען מע רעדט וועגן א ווימנשאפטלעכער פאָרשונג... זעסטו, טאטע, אים איז עס גאָר „ווימנשאפט". אוודאי האָב איך נישט געקאָנט פירן אזא „ווימנשאפטלעכן" שמועס. האָב איך געפרעגט: ביי אייך, אין אייער געבורטשטעטל, וויפל יידישע משפחות זענען געווען? האָט ער געזאָגט, אז בערך פינף און פערציק. וויפל יידן זענען צוריקגעקומען פון דער דעפּאָרטאציע? זאָגט ער, צוויי. מיינט איר אז זיי האָבן זיך ערגעץ אויסבאהאלטן? ניין, זאָגט ער. נו, צו וואָס זשע טויגן אייך די סטאטיסטיקעס?...

זעסטו, וואוהין מיר זענען דערגאנגען?

איז האָב איך אים שוין געזאָגט, אויף א נישט-ווימנשאפטלעכן אופן, אז אויב ער וועט געפינען ערגעץ אויף דער וועלט איין איינציקן ייד, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין צענדליקער צווישן די יאָרן 1934—1944 אין צפון טראנסילוואניע אָדער מאראמאָרעש און האָט געלעבט אונטערן האָרטיסטישן שיעבוד, דעמאָלט זאָל ער מיט מיר „דיסקוטירן" ווימנשאפטלעך...

נו, זעסטו, פאַר וואָס איך בין פאַרוואונדיקט? פאַר וואָס אין די נאַכ־טיקע קאָשמארן זע איך בלויז פרעגצייכנס אפילו קעגן כביכול, ווייל...

סע קומט אָן שוועך עס ארויסצוברענגען אפילו אויף די ליפּן. יאָ, אפילו „כמעט" ערלעכע מענטשן, לפּנים, ווילן שוין אויך פאַרגעסן פון דער בלוטי־קער שואה און פון די רציחות.

מע וויל גאָר מיך באשולדיקן, וואָס איך וויל נישט פאַרגעסן די רצי־חות. וועמען, מיך?!

ווייל מען, אז איך וועלכער האָב איבערגעלעבט נאָר צוליב דעם צו זאָגן עדותשאפט, אז איך זאָל שווייגן?! איך קאָן נישט שווייגן און אויך נישט פאַרשווייגן, ווייל סע פּלאָגט מיך דאָס געוויסן, אז איך האָב פאַראומגליקט מיט מיין „ליבשאפט" יענץ מיידל, וואָס איך האָב ליב געהאַט ווי א יונגטלעכער קאָן ליב האָבן, ערלעך, צניעותדיק, און מיט איר חתונה געהאַט, און דערמיט זי „געפירט צום טויט", ווייל יונגע מאַמעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט האָט מען געפירט גלייך אין די קרעמאַטאָריעס...

מע דערציילט, אזביים אָנקומען קיין אוישוויץ האָבן די עלטערע העפט־לינגען געשריגן צו די פריש־אָנגעקומענע: „וואַרפט אוועק די קינדער"!... נאָר, וועלכע מאַמע קאָן אוועקוואַרפן איר אייגן קינד, אויך ווען דאָס וואָלט געקאָנט זי ראַטעווען?... אָט פאַר וואָס איך זע קאָשמארן אין חלום ביי נאַכט: וואָלט זי געווען נישט חתונה געהאַט מיט מיר, וואָלט זי דאָך נאָך אפשר געלעבט?!...

יאָ, ליבער פאָטער, איר זענט געפאַלן ווי קדושים אויפן שלאַכט־פעלד פון דער פיר טויזנט יעריקער מלחמה אונדזערער, פאַר אונדזער קיום — און איך, וואָס אַן אמת, בין טאַקע נישט געפאַלן, אָבער פאַרוואונדיקט, אָט דאָס יאָ, ווי מיט א שפּיז אין דער טיף פון מיין אָנגעווייטיקט הארץ און צעבלו־טיקטער נשמה.

דערפאַר געדענק איך, בין איך מקיים דאָס געבאָט פון „זכור את אשר עשה לך עמלק!". דערפאַר האַלט איך עס פאַר מיין חוב אויך צו דערמאָנען עס פאַר אנדערע, וועלכע ווילן עס אפשר פאַרגעסן.

נישט נאָר איך, אַלע פון מיין דור, אָפּשטאַמיקע פון מאַראַמאַרעש צי פון צפון טראַנסילוואַניע, קאָנען עס נישט פאַרגעסן, בפרט דיין בלוטיק־פאַר־וואונדיקטער זון:

וואָלף

הענט

ווייז די האַנט און מע וועט דיר זאָגן ווער דו ביסט... ניין, מע דאַרף אַ-פילו נישט לערנען קיין חכמת-היד צי כיראָמאַנטיע. מע דאַרף נישט ווייזן די אָפענע האַנט, די דלאָניע, כדי מע זאָל קאָנען „לייענען" דעם כאַראַקטער פונעם מענטשן לויט די שטריכן. עס איז גענוג אַז מע ווייזט פּשוט די האַנט, אויך אויף דער פאַרקערטער זייט, אפילו ווען זי איז צוגעמאַכט אין אַ פויסט.

הענט זענען פאַרשידענערליי. פאַראַן הענט איידעלע, מיט לאַנגעכיקע פינגער, וואָס וואַגן נישט אָנצורירן אפילו קיין פליג, כדי זיי זאָלן פאַר קיינעם קיין שלעכטס נישט טון — אדרבה, זיי זענען גרייט צו העלפן, צו גלעטן. פאַראַן אויך „הידים ידי עשיו", גראָביאַנישע, נישט געשליפענע הענט, מיט פינגער-קלעצלעך, וואָס פאַרראָטן רציחה, שוין אָפּגעטוענע אָדער זענען ערשט גרייט אָפּצוטון רציחות.

אַ שאָד וואָס אַזאַ מענטש האָט צוויי הענט...

פאַראַן הענט וואָס האָבן אויף די שפּיץ פינגער ניין מאָס חן, וואָס רייצן, ווינקען און רופן — און נישט זעלטן פאַרנאַרן... יאָ, אויך פרויען-הענט זע-נען פאַרשידענערליי. סע זענען פאַראַן צניעותדיקע גראַציע און אויך אַזעלכע וואָס פאַרראָטן אויסגעלאַסענע חוצפּה. ווידער זענען פאַראַן הענט, הגם איי-דעלע פרויאישע לויטן אויסזע, אָבער קעציש לויט דער פאָרעם, גרייט אויס-צוגראַטשען די אויגן, גלייך ווי אַ ווילדע קאַץ.

פאַראַן הענט מילדע, וואָס ציטערן נישט ווען זיי דאַרפן געבן, נאָר תמיד זענען זיי אָפענע, פריידיקע, פריינדלעכע, הכנסת-אורחימדיקע, געדולדיקע, וואָס מאַכן צו מאָל אויך אַ באַוועגונג אונטערצושטרייכן דאָס געזאָגטע, צו געבן וואָג פאַר די אַרויסגערעדטע ווערטער. ווידער זענען פאַראַן הענט, קמצנישע, תמיד פאַרקראַמפּטע אין אַ פויסט, גלייך זיי וואָלטן מיט זייער אומגעזעטיקטן באַגער איינגעשלאָסן צווישן זייערע פינגער די גאַנצע וועלט און ווילן זי בשום

אופן נישט פארלירן, אויך אפילו נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין אויסגעהויכט זייער נשמה. ניין, דעמאָלט שוין נישט. דעמאָלט מאכן זיי שוין אויף די האנט — אָבער עס איז דעמאָלט שוין צו שפּעט.

פאראן הענט, וואָס זענען געזונטע, איבערגעגאָסענע מיט כוח, וואָס זענען ביכולת צו מאכן א פויסט, ווי א האמער, צו געבן אכזריותדיקע קלעפּ — אָבער זיי פארלירן די כוחות, הייבן אָן צו ציטערן, ווי ביי א זקן, ווען זיי דארפן זיך אָפּזאָגן פון זייער אייגנס כדי עפּעס צו „געבן".

הענט מיט הענט זענען נישט גלייך. אָבער אפילו די פינגער פון דער האנט, פון דער זעלביקער האנט, זענען דאָך אויך נישט גלייך, יעדער פינגער איז א וועלט פאר זיך. נאָך מער, אפילו דיביידע הענט פון איין און דעם זעלביקן מענטש, זענען אויך נישט גלייך: די רעכטע האָט די „איבערהאנט"...

הענט האָבן פארשידענערליי פּאָזיציעס. אויפגעהויבענע, נאָכהענגענדיקע, פארקרייצטע, אָנגעלענטע אויף די היפטן ווי מיט גאווה, וואָס לענען אונטער דעם קאָפּ ווי צום פארטראכטן, אָדער בעתן ליגן זענען זיי א קישעלע אונטערן קאָפּ.

הענט זענען אַלץ. א מענטש אָן הענט איז קיין מענטש נישט. מיט דעם איז דאָך אייגנטלעך אָדם-הראשון געוואָרן א מענטש, ווען ער האָט די פאָדערשטע „פיס" פארוואנדלט אין הענט, שטייענדיק ווערטיקאַל.

הענט? עס איז געוואָרן ביי וועמען זיי שטייען איין: מיט זיי קאָן מען ארומנעמען און האלדזן, אָבער אויך ביילן פויסטן און געבן קלעפּ; מע קאָן מיט זיי גלעטן און לאשטשען, אָבער אויך ברוטאַל אָפּשטויסן און געבן פעטש; מע קאָן מיט זיי אָפּטון ניצלעכע ארבעטן און אויך צעשטערן — עס איז אָפּהענגיק ביי וועמען זיי שטייען איין די הענט, צו וואָס מע באניצט זיי, צום גוטן אָדער צום שלעכטן, מיט איין און די זעלביקע הענט.

מיט אן אויפגעהויבענער האנט קאָן מען באגריסן א פריינד, מע קאָן אָפּשטימען ביים אָננעמען א באשלוס, אָדער אויסוויילן עמעצן אָדער עפּעס. מע קאָן מיט א „שלום-עליכם", מיט א ווארעמעם האנט-דרוק קויפן א פריינדשאפט.

מע קאָן אָבער אויך אויפהייבן א האנט און סטראשען, איבערשרעקן און מבאהאָלפענע. בדרך כלל, זאָגט די גמרא, ווער סע הייבט אויף א האנט קעגן זיין מיטמענטש, איז א רשע, הגם ער האָט אים נישט געשלאָגן, ער האָט אים בלויז געדראָט מיט א קלאָפּ. איבעריקנס, אויף צו סטראשען איז גענוג צו פאָכען בלויז מיט אן אויפגעהויבענעם פינגער.

מיט הענט קאָן מען פּלעסקען און אויסדריקן פרייד, אין ריטעם פון גע-זאנג און טאנץ; מע קאָן גאָר מיט זיי שפּילן אויף סטרונעס, אויף א פּויק צי אן אנדער כּלי-זמר. מיט הענט קאָן מען מאכן קונסטזאכן, שרייבן פערזן.

דער גלעט פון א מוטערלעכער האנט איז טאקע פיל געטרייער, דאָך איז דער גלעט פון א געליבטער האנט פיל חשובֿער — אזוי האָט גאָט באשאפן די נאטור פונעם מענטש און מע קאָן דאָס נישט אויפוואַרפן דעם מענטש.

ווער קאָן פארטייטשן דעם מיין פון א מאנצביל, ווען ער קושט די האנט פון א פרוי, וואָס ער האָט נאָר וואָס באגעגנט?

מיט א בלויזן באריר מיט א האנט קאָן מען איבערשיקן, ווי מיט עלעק-טרישן שטראָם, אָדער מאגנעטישע כוואליעס, א פריינדשאפט — צי א מיט-לייד-מעסאזש, א הייסן באגער פון טיפער ליבשאפט, פיל מאָל מיט מער עפעקט ווי מיט ווערטער, וועלכע קאָנען פארשוועכן דאָס „הייליקע" געפיל.

א תלמודישער כּלל: א פרוי, א קינד און א רשע (דאָס הייסט דאָך פּאַק-טיש אז קיינעם) טאָר מען נישט אוועקשטויסן מיטביידע הענט. אויב מע שטויסט אוועק מיט דער לינקער האנט זאָל מען צוציען מיט דער רעכטער.

הענט קאָנען לאכן און קאָנען וויינען. קאָנען אויסדריקן פרייד און אויך זאָרג און טרויער. א פּשוטע האנט קאָן דערציילן וועגן פּחד, דורך א לייכטן ציטער; מאָזאָליעס קאָנען דערציילן וועגן שווערער האָרעוואניע; אן אויסגעשטרעק-טע האנט קאָן ארויסרופן רחמנות. מע קאָן זיך ברעכן די הענט און אויס-דריקן צער און פארצווייפלונג; מע קאָן זיי לאָזן רוען גלייכגילטיק און אויסדריקן גע-דולדיקייט, א רואיק געמיט; פּונקט אזוי קאָן מען מיט דער האנט אויסדריקן אויך אומגעדולד, נערוועזיטעט און כּעס, וואָס לעשט זיך צו מאָל בלויז מיטן שליידערן עפּעס מיט די זעלביקע הענט כּדי פּשוט צו צעברעכן, צו טון יסאָרן גאָר כּדי זיך צו שטילן די רוגזה.

הענט זענען מעכטיק און קאָנען באווייזן גבֿורה און אויך אזוי זענען זיי אוממעכטיק, ווי געליימט, ווען דער מוח גיט זיי נישט איבער קיין שליחות.

הענט זענען ביים מענטשן אלץ — און גאָרנישט, אָן דעם מוח.

הויכנדיק אין די פארפרוירענע הענט, וויל מען פאקטיש אָנוואַרע-מען אויך די נשמה.

א באוועגונג מיט דער האנט קאָן פארבעטן און אויך פאַריאָגן. פּאָבענ-דיק מיט א פינגער קאָן מען זאָגן „ניין" — אָבער אויף צו זאָגן „יאָ" איז נישט פאראן קיין שטומער צייכן מיט דער האנט. צו דעם דאַרף מען געבן א חתימה מיט דער האנט, אָדער מיטן בלויזן אָפּגעבן א תקיעת-כּף כּדי צו שליסן אן אָפּמאך.

מע זאָגט: איין האנט וואשט די צווייטע און ביידע דאָס פּנים — אָבער נישט אלע מאָל בלייבט דאָס פּנים ריין פון אזא וואשן... פּונקט אזוי זענען נישט קיין באווייז פאר דער ריינקייט פון די הענט, ווען מע טראָגט ווייסע הענטש-קעס.

מיט א האנט קאָן מען א באהאלטענעם קניפּ טון פון נקמה; מע קאָן פון ביטול ווייזן א „פייג" — מע קאָן אָבער אויך שיקן פון דער ווייטנס א פליען-דיקן קוש, צולייגנדיק צוויי פינגער צו די ליפּן.

אויסגעשטרעקטע הענט קאָנען שרייען: „ראטעווע!" און צונויפגעלייגטע-הענט זאָגן א נישט-יידישע תפילה.

מיט אויפגעהויבענע הענט בענטשט מען, סיי דאָס טוען כהנים סיי עלטערן.

מיט פויסטן קאָן מען זיך שלאָגן על-חטא און תשובה טון. פאר וואָס זשע האָט מען בלויז צוויי הענט און צען פינגער?! בעסער בלויז צוויי פינגער און צען הענט?!

מע דארף קיין מאָל נישט פארגעסן, אז הענט זענען אמאָל געווען „פאַ-דערשטע פיס" — און דאָך: ווייז די האנט וועט מען דיר זאָגן ווער דו ביסט...

מיט „הענטשקעס"

...הענטשקעס זענען ניצלעך און אויך שיין, צומאָל גיבן זיי א ריח פון אריסטאָקראַטישקייט. סע באַלאַנגט ווער סע טראָגט זיי, ווען מע טוט זיי אָן, און צו מאָל — ווי אַזוי זיי זעען אויס.

ווײַל מען, קאָן מען זאָגן, אַז הענטשקעס זענען אויך א מין פּראָטעז, וואָס דערלויבן די הענט צו טון אַזעלכע מלאָכות מיט זיי, וואָס אָן זיי וואָלט מען עס נישט געקאָנט טון. נאָך מער ווי שיך שיינען די פיס, קאָנען די הענטשקעס שוינען די הענט, און נישט בלויז די הענט, נאָר אויך דאָס פּנים ווערט צו מאָל געשוינט דורך די הענטשקעס. אויך דער כבוד ווערט געשוינט. והאָראייה: אין מיטלאַלטער, אַז מע האָט געוואָרפן עמעצן די הענטשקע אין פּנים אַריין, האָט דאָס געהייסן אַז מע האָט אַרויסגערופן צום א דועל.

פאַראַן מערערליי הענטשקעס: מיט פינף פינגער און מיט צוויי פינגער, בעסער געזאָגט, איין אָפּטייל פאַר פיר פינגער און דער צווייטער פאַרן גראָבן פינגער. אָבער עס איז באַוואוסט, אַז די הענטשקע מיט פינף פינגער האַלט נישט צו וואַרעם, ווייל די פינגער זענען פונאַנדערגעטיילט. הענטשקעס זענען א מלבוש פאַר ווינטער. זומער איז עס אָדער א לוקסוס פון א מאָדע, אָדער פון עלעגאַנץ פון פּראָטאָקאָל — אָדער סע טראָגט עס א משוגענער...

א משוגענער? נישט דווקא. סע קאָן זיין אויך א שאַרלאַטאַן, וואָס וויל דערמיט עפּעס אויפווייזן קונצן כדי אָפּצונאַרן דעם עולם.

ווען מע טראָגט הענטשקעס?

מע וועט עס באַלד געוואויר ווערן פון א מעשה, פון א פאָלקלאָרישער דערציילונג:

...אַמאָל איז געווען אַן אַרענדאַר, וועלכער האָט געלעבט ערגעץ אין א פאַרוואָרפן דערפל, נעבן א גוט און מסתמה געווען א קרעטשמער, ווי סע פלעגן זיין פאַרצייטנס, אין דער וואָלעכיי צי אין דער מאָלדעווע... אַזא אַרענדאַר האָט דאָרט אָפּגעלעבט יאָרן, ביז ער האָט צונויפגענומען א שטיקל פאַרמעגן

און דערנאָך, אז ער האָט דערלעבט, האָט ער זיך איבערגעצויגן אין א שטעטל, כדי צו לעבן זיינע לעצטע יאָרן, אָדער אויסצוגייין, צווישן יידן.

פארשטייט זיך, אז אויך ביז דעמאָלט, דאָס הייסט אז נאָך פיל פריער ווי עס איז געקומען די צייט „אויסצוגיין" האָט אזא ארענדער געטראכט אויך וועגן עולם-הבא, וועגן א זעקעלע ארץ-ישראל ערד...

און אז מע האָט גענדארפט חתונה מאכן א קינד?

גייט אוועק דער ארענדאר צום רב און בעט אים, אז ער זאָל אים געבן איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים פאר אן איידעם, פון קיין נדן איז אָפגערעדט, ער גיט וויפל מע דארף, נאָר צו האָבן די זכיה צו האָבן אן איידעם א תלמיד-חכם, ער זאָל זיין צו גאָט — און פארשטייט זיך, אז אויך צו לייט...

האָט דער רב געהאט צווישן זיינע תלמידים איינעם, וואָס איז שוין גע-ווען צייטיק צום חתונה האָבן, אמת א גרויסער תלמיד-חכם, דאָס הייסט אז ער איז געווען „צו גאָט", אָבער, ליידער, נישט קיין קליינער בטלן.

דער רב האָט געטראכט, אז סע וואָלט געווען א מצווה, אז אזא איינער זאָל אויפגעראָכטן ווערן, ווערנדיק דער איידעם פון א בעל-בתישן ארענדאר, הגם יענער איז אן עם-הארץ, דאָך איינער וואָס ווייסט צו האלטן בכבוד א בן-תורה.

ויהי היום און דער „חתן", דער בטלנישער בחור איז געקומען אויף שבת צו זיין כלה, דאָס הייסט צו זיין קומענדיקן שווער, צום ארענדאר, און אין איין וועגס אויך אָפשמועסן די חתונה.

פארלאָזט זיך אָבער נישט דער ארענדאר אין גאנצן אויפן מבינות פו-נעם רב. דאָס הייסט, אז ער האָט זיך יאָ פארלאָזט וואָס נוגע „גאָטזאכן", אָבער צו די „וועלטלעכע" זאכן האָט ער אליין געוואָלט אויספּרואוון זיין קומענדיקן איידעם: צו דער סעודה פון פרייטיק צו נאכטס האָט מען בכיוון נישט געשטעלט קיין מעסער, אָנצוהייבן די חלה... לאָמיר זען, האָט דער ארענדאר געטראכט, ווי אזוי וועט דער חתן זיך געבן אן עצה...

— נו, אָ? — האָט געפרעגט דער חתן אויף לשון-קודשדיק שטום-לשון, נאָך דעם ווי ער האָט זיך געוואשן און געמאכט די ברכה „על נטילת ידים" און ער טאָר שוין נישט אויסרעדן כדי צו בעטן א מעסער — נו, אָ, סכין?

דער ארענדאר האָט נישט פארשטאנען אז „סכין" איז אויף לשון-קודש א מעסער. איין זאך האָט ער אָבער יאָ פארשטאנען, אז זיין חתן איז א נישט-

טויגלעכער און קאָן זיך נישט אַן עצה געבן אין א נויט... איז ער תיכף נאָך דעם שבת ווידער געגאַנגען אין שטעטל צום רב און אים דערציילט די גאַנצע מעשה, מיט דער בקשה, אַז ער זאָל אים געבן אַן אַנדערן בחור, א מער „גע־לערנטן", א מער טויגלעכערן...

פאַרשטייט זיך, אַז דער רב האָט געזען מיט וועמען ער האָט פּיר, האָט ער אים שוין געגעבן דאָס מאָל, נישט קיין בן־תורה — נאָר זיין האָלץ־העקער.

אָט דער האָט שוין יאָ געוואוסט ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן, ווען מע האָט פריייטיק צו נאַכטס נישט געשטעלט קיין מעסער צום טיש... ער האָט גענומען די חלה און זי פשוט איבערגעבראָכן איבער דער קניע און געמאַכט הויך א ברכה, אַן „המוציא", ווי סע פּאַסט פאַר אַזא „געלערנטן" און געגעסן געשמאַק...

דאָס מאָל איז שוין דער אַרענדאַר געווען צופרידן פון זיין קומענדיקן איידעם. אין אַזא יונגנמאַן קאָן ער שוין האָבן צוטרוי. ער וועט זיך שוין קאָ־נען דורכשלאָגן אין זיין לעבן... אָבער, דאַרף ער דען מאַכן עסקים כדי זיך אַדורכצושלאָגן? לעת־עתה לעבט ער נאָך, דער אַרענדאַר, און כל־זמן ער לעבט וועט ער זיך אָפּגעבן מיט די וועלט־זאַכן — ער, זיין איידעם, זאָל זיצן און לערנען תורה, אין וועלכנס זכות סע זאָלן האָבן א שטול אין גן־עדן אויך דער שווער און שוויגער...

אויף צו לערנען תורה דאַרף מען קענען, אָבער אויך האָבן אין וואָס צו לערנען... ביים אַרענדאַר אין הויז זענען דאָך קיין ספרים נישט געווען — איז דאַרף מען זיי קויפן, פאַר געלט קאָן מען דאָך קויפן אַלצדינג... גייט אַוועק דער אַרענדאַר אין שטעטל און דאָרט אין מאַרק, געפינט ער ווי איינער פאַרקויפט ספרים... אמת, סע זענען נישט געווען קיין ספרים, אמתדיקע ספרים, אָבער וואָס זאָל ער וויסן?! ער האָט געזען אַז סע זענען ביכער מיט געדרוקטע אותיות, אין וועלכע ער קאָן זיך נישט אויס, מיט געמעלן, קלענערע און גרעסע־רע ביכער — וואָס ווייסט ער? — האָט ער געקויפט די סאַמע גרעסטע. די סאַ־מע שענסטע. די סאַמע פאַרביקסטע — זאָל דער איידעם זיינער, דער לערנער, האָבן אין וואָס צו לערנען תורה...

דער איידעם, וועלכער איז שוין געזעסן אויף קעסט, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן, און אחוץ משמח זיין זיין יונג ווייבל האָט ער קיין אַנדערע עובֿדה נישט געהאַט, האָט ער זיך אָנגעהויבן לאַנגווײַלן.

אז דער שווער, זאָל לעבן, איז אָנגעקומען פונעם שטעטל מיט זיינע „ספרים", וואָס ער האָט איינגעקויפט, האָט דער איידעם באַלד דערזען, אַז דאָס זענען בכלל נישט קיין ספרים, אַז דאָס זענען קאָלעקציעס פון אַלטע אילוס-טרירטע זשורנאַלן, מיט פאַרשידענע געמעלן — זייער אינטערעסאַנטע... אָבער אַזוי ווי לייענען האָט ער סיי ווי סיי נישט געקאָנט, אָבער דאָך געווען מער חכם ווי זיין שווער, דער אַרענדאַר, איז ער געזעסן און זיך געשאָקלט איבער זיינע „ספרים" אונטערזינגענדיק זיך אַ גמרא-ניגון.

די שווער-און-שוויגער האָבן געצויגן תענוג און געהאַט נחת פון זייער „תלמיד-חכם". וואָס זיי האָבן דערלעבט צו האָבן פאַר אַן איידעם.

אין איינעם אַ טאָג, בעת דער איידעם זינגט זיך אונטער זיין גמרא-ני-גון, זיצנדיק אין זיין צימער, רופט דער שווער זיין ווייב כדי זיי זאָלן אונטער-הערן ווי שיין סע לערנט תורה זייער „גן-איידעם":

— דאָס בילד איז דאָך אמת, ווי תורת-משה. מע זעט באַשיימפּערלעך, אַז עס איז זומער, ווייל דער ייִנג גייט באָרוועס... די קשיא איז נאָר, פאַר וואָס טראָגט ער הענטשקעס?... (די שוויגער איז געוואָרן נייגעריק צון אַזאַ מעשה און פאַר גרויס נחת האָט זי זיך אויסגעווישט אַ פרייד-טרער!). יאָ, איז מה-נפשך: איז עס זומער, פאַר וואָס גייט ער מיט הענטשקעס, ווידער אַז עס איז ווינטער, מחמת דעם טראָגט ער די הענטשקעס, כדי סע זאָלן אים נישט אָפּ-פרירן די פינגער — איז פאַר וואָס גייט ער באָרוועס? איז עס דאָך אַ האַרבע קשיא!...

און בעת דער „למדן" פּראַוועט זיין גמרא-ניגון מיט אָט דער אַזוי האַר-בער קשיא, צעטאַפּען זיך די הערצער פאַר פרייד פון די שווער און שוויגער. אָבער זיי זענען נישט אוועק פון דער טיר. ערשט איצט זענען זיי געוואָרן נאָך מער נייגעריק: ווי אַזוי וועט זייער „עילוי" פאַרענטפערן אַזאַ האַרבע קשיא? ...שטייען זיי ביידע, דער אַרענדאַר און די אַרענדאַרקע, ביי דער טיר און הערן זיך צו מיטן פאַרכאַפּטן אָטעם צו די דברי-תורה פון זייער איידעם, וואָס זיצט ביי זיי אויף קעסט און לערנט תורה מיט כוונה, כדי זיי, אויך די על-טערן, זאָלן זיך קויפן עולם-הבא אין זיין זכות...

— מוז דאָך דער תירוץ זיין אַזוי: לעולם איז טאַקע זומער... מע זעט דאָך דאָס בפירוש פון דעם גאַנצן אַרום, וואָס איז ליכטיק ווי אין אַ זומערדיקן טאָג. טאַקע מחמת דעם גייט ער דער ייִנג באָרוועס... איי, וואָס ער גייט אָנגע-טון מיט הענטשקעס? אויף דעם איז אויך דאָ אַ תירוץ: מסתמה גייט ער

שניידן קראַפּעוועס, און כדי ער זאָל זיך נישט אָפּבריען די הענט — האָט ער זיך אָנגעטון די הענטשקעס...

עטעמען אַפּ צופרידן די שווער און שווינגער: אויף אַלעמען געפינט א למדן א תירוץ, אפילו אויף אזא שווערער קשיא...

און דער גמרא-ניגון, אָנגעטון דאָס מאָל מיט „הענטשקעס", האָט א-רייגעבראכט אין א געפּלאָגט און געהאָרעוועטער ארענדארישער יידישער שטוב, א שטראַל פון פרייד, פון דערהויבנקייט, פון נחת...

אויך אויף דעם קאָן מען זאָגן דאָס לאטייניש ווערטל: סאנקטא סים-פּליציטאס...

אויך אויף גמרא-לשון איז פאראן צו דעם א פאסיק ווערטל: ולא עם-הארץ חסיד... אָבער לאכן דערפון, דארף מען נישט לאכן: זיי האָבן דאָך עס געמיינט ערלעך, און נישט זעלטן דארף מען זיך רעכענען אויך מיט דער כוונה, אויב נישט מיט דער מעשה גופא...

פייער ברענט

פייער איז מאטעריע און גלייכצייטיק אויך גייסט? סע רוט און גלייכצייטיק באוועגט זיך עס, גליך סע וואָלט געלעבט?

פייער בייסט און צו מאָל גלעט עס מיט די פייערצינגען, לאשטשעט, און ווי, צו מאָל בריט עס און פארצערט.

אפילו ווען מע זעט נאָך נישט דאָס פייער, מע זאָגט בלויז ארויס דאָס וואָרט „פייער", פילט מען שוין די נאָענטקייט, צו מאָל פילט מען שוין אפילו די ווארעמקייט, הגם עס איז נאָך בלויז אין דער פאנטאזיע. און צו מאָל דערמאנט בלויז דאָס וואָרט אָן שריפות, חורבן, שאָדנס, אש, קרעמאטאָריעס און כל-המינים בייזע חלומות.

אמת, דאָס איז געוואָרן אין דער שטימונג פונעם מענטש, אין וועלכער ער געפינט זיך אין א געווים מאָמענט.

בכל אופן איז מען קיין מאָל צו פייער נישט געווען „קאַלט"-בלוטיק. פון אלע צייטן איז פייער געווען א זאך וואָס האָט ארויסגערופן אינטערעס ביים דענקענדיקן מענטשן. א שיין פון פייער, פון זיין א שטראל ליכט, האָט אין דער פינצטערניש פון דער נאכט געגעבן האָפענונג פאר א וואנדערער, אז אָט-אָט איז ער אין שכינות פון א מענטשלעכן יישוב און מע וועט קאָנען אָנקלאפן אין א טיר, בעטן נאכטלעגער, וואו מע זאָל זיך אָנווארעמען די אפשר פארפרוירענע ביינער צי באנעצטע פון א גאָס-רעגן...

זענען פאראַן פייערן און פייערן.

אָפלעשן א פייער איז טאקע א פרייד, ווען סע רעדט זיך וועגן א שריפה, אָבער אויסלעשן אלע פייערן, וואָלט געהייסן אונטערגאנג, אומקום פון דער מענטשהייט און כמעט פון אלע לעבעדיקע וועזנס — טאקע דערפאר האָלט מען פאר א נס א שטיקל האָלאָווניע, וואָס איז אָקערשט אָפגעראטעוועט גע-

וואָרן פונעם פאַרצערט ווערן. אַז „אוד מוצל מאש" אַז אָפּגעראַטעוועטע האַלאָווניע איז אַ מעטאַפער פאַר אַן אָפּגעראַטעוועט לעבן.

מיט פייער קאָן מען חרוב מאַכן און אויך אויפלעבן.

מיט פייער קאָן מען אויך אָפּשרעקן וועלף, אַז מע זאָל זיי צווינגען זיך צוריקציען און נישט אָנגרייפן, אין די שווערע ווינטערס, ווען דער הונגער טרייבט זיי פון וואַלד אין אַ יישוב כדי צו זוכן עפעס צו פאַרצוקן.

פאַראַן פייער וואָס צעפלאַקערט זיך פון אָנגעצונדן שטרוי, בליצט אויף ווי אַ גיך אָנגעצונדענע ליבע, וואָס איז בדרך הטבע נישט קיין דויערהאַפ־טיקע, ווידער יענץ פייער וואָס ברענט מיט בלויליך־גאָלדענער קאָליר, פון ברענענדיקע קוילן, פון האָלץ צי פון שטיין־קוילן, ברענט און ברענט, וואַרעמט און היצט — איז דויערהאַפטיקער.

קוילן וואָס ברענען, וואָס פינקלען אין געלער־גאָלדענער קאָליר, דאַכט זיך אַז זיי זענען אַ מין כלי־זמר, וואָס זינגען כאָטש נישט יעדער הערט דאָס און פאַרנעמט זייער נגינה. קוילן צאַנקען, גלייך זיי וואָלטן געלעבט און זיך באַוועגט — אָבער, ווי, זיי האָבן אויך אַ סוף און ווערן פריער אָדער שפּעטער אויסגעלאָשן. ווידער אויסגעלאָשענע קוילן לעבן שוין נישט. זיי קאָנען אפשר נאָך אַמאָל ווידער אָנגעצינדן ווערן, אָבער דערנאָך ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין אַש — וואָס איז שוין אַ סימבאָל פון טויט, פון אבילות.

פייער איז תמיד געווען אַ מתנה פון גאָט, ווי די זון, אָבער אויך די דאָ־זיקע מתנה באַקומט מען נישט גאַנץ אומזיסט. געוויינטלעך איז פייער דער רעזולטאַט פון מענטשלעכער מי. אַמאָל פלעגט מען פייער מאַכן אַזוי: מע האָט געריבן צוויי שטיקער האָלץ, איינער אָנעם צווייטן, ביז זיי האָבן זיך אָנגעהיצט, דערהיצט און זיך אָנגעצונדן.

אמת, טייל האָבן געמיינט, אַז צו באַקומען פייער דאַרף מען נישט אַר־בעטן, מע קאָן עס גנבענען... ווי די לעגענדע דערציילט, אַז סע האָט געטון פּראָמעטעוס. טייל מיינען נאָך היינט, אַז אויף צו מאַכן פייער דאַרף מען נישט „שוויצן", מע קאָן עס גנבענען ביי אַנדערע.

אַלצאיינס, ווי אַזוי מע זאָל עס נישט באַקומען, איז פייער מעכטיק. אמת, דאָס וואַסער איז מעכטיקער און קאָן עס אויסלעשן. נאָר אפילו דאָס איז אויך נישט ריכטיק. נישט אַלע פייערלעך קאָן מען אויסלעשן מיט וואַסער.

פאַראַנען פייערלעך, וואָס ברענען אין די טיפענישן פון אַ הארץ, פול מיט בענקענישן און באַגערן אומגעזעטיקטע, וואָס ווערן נישט אויסגעלאָשן אַזוי לייכט, און בכל אופן נישט מיט קיין וואַסער. אמת, ביי אַזאַ „פייער" זעט מען נישט אָן קיין פלאַם. אָבער דאָך פילט מען די וואַרעמקייט.

פאראַנען פייערלעך וואָס ברענען אין די אַפּלען פון פאַרליבטע אויגן, די שטראַלן פון אַזאַ אויגן-פייערל ציען צו ווי מיט אַ כישוף פון ליבשאַפט, אָדער צו מאָל שטויסן זיי גאָר אָוועק מיט אַ ברענענדיקער שינאה, אָדער כאַטש מיט אַ טליענדיקן גרינגשאַץ.

פאַראַן דויערהאַפטיק פייער, וואָס קאָן קיין מאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן, דאָס פייער פון אַ התלהבותדיקער נשמה — דאָס איז געטלעך און דערפאַר דויערהאַפטיק און צו מאָל אייביק.

פונקט אַזוי איז דאָס פייער פון ליבשאַפט. סע ברענט אָבער פאַרצערט נישט, נאָר וואַרעמט אָן די נשמה.

צו מאָל איז אַפילו נישט נייטיק קיין גאַנץ פייער. עס איז גענוג בלויז אַ פונק — בלויז איין פונק איז שוין אַן אָנזאָג פון בטחון. פון תמיד איז אַ פונק געווען און איז עד היום אַ סימבאָל פון אַן אָנהייב הייליקייט, אַ חלק פון אייביקייט — פון איין פונק צעפלאַקערט זיך אַ געטלעך פייער.

יידישקייט האָט דעם שורש אין „פייער", האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ ברענענדיקן סנה... און האָט זיך שיער געענדיקט אין די ברענענדיקע אוישוויצער קרעמאַטאָריעם — פייער איז אָבער אייביק. ווערט עס אויסגעלאָשן טיילווייז אויף איין אָרט — צעפלאַקערט זיך עס אין אַן אַנדערן אָרט, וואו סע טליעט קוים...

פייער — ברענט תמיד, אַנדערש איז עס דאָך קיין פייער נישט.

אומשטאַרבלעכקייט

גערוען אַמאָל צווײ ברידער... נו, יאָ, האָט מען דערמאָנט דעם ערשטנס נאָמען, האָט מען געזאָגט „זכרונו לברכה“, און ווען מע האָט דערמאָנט דעם צווייטנס נאָמען האָט מען געזאָגט „ימח שמו“...

עס איז באַוואוסט: אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן נאָך אין די ששת ימי בראשית און איז באַהאַלטן געוואָרן אונטערן כסא־הכבוד, פון כביכול אַליין, אויף די שפּעטערדיקע צייטן, פאַר די שפּעטערדיקע דורות, און ווען מע באַדאַרף עס באַניצן ווערט עס אַרויסגענומען פונעם באַהעלטעניש און מע דערלאַנגט עס פאַר יענעם, וואָס האָט דערצו זוכה געווען (אָדער, חלילה, נישט זוכה געווען, ווען סע האַנדלט זיך אין אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען!) נעם און האָב הנאה, קוויק זיך...

אַלץ איז נאָך דעמאָלט באַשאַפן געוואָרן און אַלץ מיט דער מאָס. אַזוי פיל און אַזוי פיל מאָס ליכט און פונקט אַזוי פיל שאָטן, אַזוי פיל מאָס לעבן און אַזוי פיל מאָס טויט, אַזוי פיל מאָס שטאַרבלעכקייט און אַזוי פיל אומשטאַרבלעכקייט, אַזוי פיל מאָס פרייד און אַזוי פיל טרויער, אַזוי פיל מאָס ברכות און אַזוי פיל מאָס קללות, אַזוי פיל מאָס געזאַנג און אַזוי פיל מאָס געוויין, אַזוי פיל מאָס געלעכטער און אַזוי פיל מאָס געזיפצן, אַזוי פיל מאָס טענץ און אַזוי פיל מאָס שבעה־זיצן, אַזוי פיל חתונות און אַזוי פיל גטן, אַזוי פיל מאָס בריתן און אַזוי פיל לוויות, אַזוי פיל מאָס חכמה און אַזוי פיל מאָס שטותים, אַזוי פיל מאָס בלומען און אַזוי פיל דערנער, אַזוי פיל מאָס רחמנות און אַזוי פיל מאָס אכזריות, אַזוי פיל מאָס שאלות און אַזוי פיל תשובות, אַזוי פיל מאָס עניוות און אַזוי פיל מאָס גאווה, אַזוי פיל מאָס צניעות און אַזוי פיל מאָס חוצפּה, אַזוי פיל מאָס צדקות און אַזוי פיל מאָס רישעות, אַזוי פיל מאָס רחמים און אַזוי פיל מאָס צאָרן, אַזוי פיל מאָס כבוד און אַזוי פיל מאָס אומכבוד, אַזוי פיל מאָס צו קושן און אַזוי פיל מאָס צו בייסן, אַזוי פיל מאָס גיהנום און אַזוי

פיל מאָס גן-עדן, אזוי פיל מאָס ליבשאפט און אזוי פיל מאָס שנאה, אזוי פיל מאָס גלעטן מיט דער האנט און אזוי פיל מאָס דריגעם מיט די פיס, אזוי פיל מאָס מילדקייט און אזוי פיל מאָס קמצנות, אזוי פיל מאָס פלעסקען און אזוי פיל מאָס אויספייפן מיט ציינקריצעניש, אזוי פיל מאָס שתדלנות און אזוי פיל מאָס מסירות, אזוי פיל מאָס גאונות און אזוי פיל מאָס טיפּשות, אזוי פיל מאָס טאלאנט און אזוי פיל מאָס טאלאנטלאָזיקייט און גראפאָמאניע, אזוי פיל מאָס שרייבער און אזוי פיל מאָס יידישע לייענער...

בקיצור, אלץ איז באשאפן געוואָרן מיט א מאָס, נאָך אין די ששת ימי בראשית, און די השגחה עליונה פארטיילט צו דער צייט יעדן לויט זיין פארדינסט, לויט דעם חלק צו וועלכן ער האָט זוכה געווען.

פארשטייט זיך, אז די דאָ אויסגערעכנטע זענען נאָר לדוגמא. אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי זייער פיל, וואָס מע קאָן זיי נישט איבערציילן, און להיפוך, פיל פון זיי האָבן אזעלכע נאָענטע שייכותן אז מע קאָן זיי צונויפגיסן און זיי איינשליסן בלויז אין איין מאָס.

אזוי למשל, מיין איך, קאָן מען צונויפגיסן כבוד מיט אומשטארבלעכקייט.

דער באשאפער, דער בורא-עולם, לעבט אייביק. יעדער שעפער איז אומשטארבלעך כל-זמן זיין ווערק לעבט. יעדער שעפערישער כוח, יעדער שאפנדיקער מענטש געניסט אויך אין א געוויסער מאָס פון דער „אייביקייט“. וויפל? דאָס איז באלאנגען אין דעם מאָס גאונות, וואָס ליגט אין זיין שעפערישקייט, וואָס לעבט איבער אין זיין געשאפענעם ווערק.

דאָס זעלביקע געשעעט אויך מיטן כבוד. יעדער מענטש האָט דאָס „רעכט“ צו א געוויסער מאָס כבוד, לויט זיינע פארדינסטן פאר דער מענטשלעכער געזעלשאפט צי פאר דער געשיכטע. דעם כבוד, אין דער פארדינטער מאָס, באקומט יעדער שעפער, ווי געזאָגט, אָבער נישט יעדער באקומט אים צו דער זעלביקער צייט און צו מאָל אויך אפילו נישט צו דער צייט.

און דאָ באגעגנט זיך דער מאָס כבוד מיט דער מאָס אומשטארבלעכקייט: אויב דער שעפער, דער קינסטלער, גאון, האָט נישט זוכה געווען ביי זיין לעבן איינצומאָנען זיין חלק, צי צו מאָל זיין גאנצן חלק פון דער פארדינטער מאָס, צו וועלכער ער האָט דאָס רעכט — דעמאָלט באקומט ער דעם דאָזיקן חלק נאָך זיין טויט, לעולם הבא, און ממילא געניסט ער פון דער זעלביקער מאָס אומשטארבלעכקייט.

בכן, וואָס גרעסער סע זענען זיינע פארדינסטן אלץ לענגער געדויערט זיין אומשטארבלעכקייט. פונקט אזוי איז מיט יענעם וואָס האָט איינגעמאָנט

וואָס ווינציקער כבוד ביי זיין לעבן, אַלץ לענגער איז זיין אומשטארב-לעבקייט.

טאקע מחמת דעם עצהט די גמרא, אז מע זאָל אנטלויפן פון כבוד, ווייל יאָגן זיך נאָך כבוד ברענגט אום פון דער וועלט פאר דער צייט.

וואָס געשעט מיט יענעם, וואָס האָט פארדינט א מאָס אומשטארבלעב-קייט, אָבער ער האָט איינגעמאָנט בעת זיין לעבן זיין גאַנץ חלק כבוד? וואָס גע-שעט מיט יענעם וואָס האָט איינגעמאָנט בעת זיין לעבן עפּעס „מער" פונעם כבוד וואָס סע קומט זיך אים?

אין אזא פאַל מוז מען צוריק געבן דעם נישט-פארדינטן כבוד, וואָס מע האָט איינגעמאָנט ביים לעבן, אויף פאָלגנדיקן אופן: דער וואָס האָט איינ-געמאָנט זיין גאנצן כבוד בעת זיין לעבן, יענער שטארבט אוועק און מער ווערט נישט דערמאנט לטובה זיין זכר; ווידער יענער וואָס האָט איינגעמאָנט צוליב געוויסע סיבות, בעת זיין לעבן, מערער ווי סע האָט זיך אים געקומען — יע-נער גיט צוריק, באקומענדיק נאָך זיין טויט פונקט אזוי פיל אומכבוד און קללות, אויף וויפל נישט-פארדינטע ברכות ער האָט זיך „גענומען" בעת זיין לעבן.

אין דער גמרא איז דאָס כאראקטעריזירט אזוי: רשעים זענען „טויטע" נאָך בעת זייער לעבן און צדיקים „לעבן" אויך נאָך זייער טויט.

...זענען געווען אמאָל צוויי ליבלעכע ברידער, געבוירן פון איין און דער זעלביקער מוטער. איינער איז געווען א טאלאנטירטער דיכטער, געשריבן אומשטארבלעכע פערזן, אָבער בעת זיין לעבן איז ער זיבן מאָל אין א טאָג געשטאָרבן פאר הונגער פון קיינעם נישט באמערקט... דער צווייטער ווידער איז געווען א טאלאנטלאָזער מאָלער, געלעבט אין וואוילטאָג פונעם פארקויפן זיי-נע נאקעט-מאָלערייען און זיך געבאָדן אין לויב זיין גאנץ לעבן.

וואָס עס איז געשען ווייטער, ווייסט מען שוין פון דעם אויבן געזאָגטן. דאָ דארף מען נאָר דערמאנען נאָך א גמרא, וואָס זאָגט, אז מע זאָל זיך נישט וואונדערן, ווען מע זעט (צדיק ורע לו ורשע וטוב לו!) א רשע, וועלכן סע גייט גוט און א צדיק וועלכן סע גייט שלעכט. מע דארף נישט מעסטן זייערע „פארדינ-סטן" לויט א געוויסן מאָמענט פון זייער לעבן, נאָר אין דער געשיכטלעכער פערספּעקטיוו...

...געווען אמאָל צוויי ברידער... נו, יאָ, האָט מען דערמאַנט דעם ערש־טנס נאָמען, האָט מען געזאָגט „זכרונו לברכה“, און ווען מע האָט דערמאַנט דעם צווייטנס נאָמען האָט מען געזאָגט „ימח שמו“ צי „כן יאבדו“...

אָפט מאָל איז געשען אז אויפן קבר פונעם ערשטן האָט מען געטראָגן קרענץ בלומען און מע האָט אָנגעצונדן א ליכט, און צו מאָל האָט מען אויפ־געשטעלט אויך א דענקמאָל, און דעם צווייטן האָט מען מיט דער צייט, אומ־געבעטן מחילה, ארויסגעוואָרפן פון זיין ביים לעבן צוגעגרייטן בכבודיקן קבר...

געווען אָמאָל צוויי ברידער? ניין, במשך דער צייט זענען געווען זייער פיל פון דעם דאָזיקן מין ברידער, ווען דער שכר און דער עונש האָט אָנ־געטראָפן אויך שפּעטער, נאָך זייער אָפּלעבן.

...אויך איך האָב געהאַט צוויי ברודער ווי מיין א צווילינג, האָט ער וואָס אן אמת קיין נאָבל-פּרייז פאַר יידישער ליטעראַטור נישט באַקומען, אָבער קיין אנדערער וועט סע זאָל פאַרנעמען זיין אָרט, איז ליידער נישטאָ — איז זכרונו לברכה...

ווי א וו״טער שלום-גרוס
א להכעיסדיקע ווידמונג
א פריינדלעכע מתנה
פארן גוטן חבר
שלמה-לייב
אָוויטש
נ״י

א פּאראנטעז

(לעבעדיקע נשמות)

„— זאָלסט עס געדענקען אויף דיין גאַנץ לעבן... תמיד זאָלסטו דיך אַליין פרעגן: לוינט זיך עס?!

דאָס איז, מיין איך היינט, די וויכטיקסטע לעקציע וואָס איך האָב אין מיין לעבן באַקומען... נאָר, האָב איך עס דען פאַרגעדענקט?!

ליידער האָב איך עס זיך דערמאַנט ערשט איצט, ביים סוף. איצט, ווען דער קטיגור האָט מיר געשטעלט די זעלביקע פראַגע, האָב איך זיך דערמאַנט אין די זעלביקע ווערטער, וואָס מיין לערער האָט מיר געשטעלט נאָך דעמאָלט, ווען איך האָב געהאַלטן ביים סאַמע אָנהייב...

צווישן דער פראַגע פונעם אַמאָליקן לערער און היינטיקן קטיגור, האָב איך מיין לעבן צעטרענצלט...

ביידע פראַגצייכנס, פונעם געשיכטע-לערער און דעם קטיגור, האָבן אויסגעזען ווי צוויי פּאַראַנטעזעס, וואָס האָבן מיין לעבן איינגעקלאַמערט..."

1

אָנפּערעמען

איידער איך הייב אָן שפּינען ווייטער די „מעשיות פונעם עולם-האמת“ דאַרף מען קודם איינפּעדעמען מיטן דערציילטן אינעם בוך „לעבעדיקע מתים“, כדי דער לייענער זאָל פאַרשטיין וואָס און ווי אזוי.

איז דאַרף מען וויסן, אַז די דאָזיקע מעשה איז „אויך אַן אויסגעטראַכ-טע“, פּונקט ווי די פריערדיקע. אַלץ איז אויסגעזויגן פונעם זעלביקן פינגער (פון דער לינקער האַנט, הגם געשריבן האָב איך עס מיט דער רעכטער!) און האָט לגמרי גאָרניש צו טון מיט דער נאַקעטער ווירקלעכקייט. וויל מען עס לייענען — איז מיטן גרעסטן כבוד, אַלא נישט, לייגט מען אַוועק דאָס בוך און מע האָט נישט קיין טענות צום מחבר. צום לייענער קאָן מען האָבן איין טענה: ער זאָל אונטערשטרייכן מיט א רויט שרייבפּענדל דאָס וואָס אים געפעלט יאָ אין בוך, און מיט א בלוי שרייבפּענדל דאָס וואָס סע געפעלט אים נישט. צום סוף זאָל ער לייגן אויף דער וואָג די קאָלירן מיט וועלכע ער האָט מער אונטערגע-שטראָכן און זאָל משפּטן דאָס בוך און אויך דעם מחבר...

דערווייל וועל איך דערמאַנען פונעם שוין דערציילטן, אַז אין א שיינעם טאָג (אָדער א מיאוסן ביינאַכט!) האָב איך זיך דורכגעוועקט אויף א צווינ-טער, וואו מע האָט מיך געבראַכט צו קבורה, קעגן מיין רצון, און האָב זיך דער-זען צווישן צלמים אָנשטאָט יידישע מצבות.

איך האָב דאָרט נאָך באַגעגנט אַנדערע יידן, ווי איך, וואָס צוליב פאַר-שידענע סיבות האָט מען זיי אויך דאָרט באַהאַלטן. צום בעסטן האָב איך זיך באַפריינדט, במשך דער צייט, מיט מיין יידישן שכן, מיהאַי מאָגידעס, אויך א געוועזענער אָפיציר, ווי איך בין געוועזן... אָבער אין צווישן האָב איך גע-האַט דאָס מזל, וואָס א קרוב האָט זיך משתדל געוועזן און געגעבן א תיקון פאַר מיין פאַרוואָגלטער נשמה, און מע האָט מיך איבערגעפירט פון נישט-יידישן אויף א יידישן בית-עלמין...

אָבער דאָס איז נישט וויכטיק, זאָגט מען. סיי וואו, זאָגט זיך א ווערטל, אז מע ליגט אין דער ערד — אָבער דאָך, ווי סע ווייזט אויס, דאַרף יעדער זיין אין „זיין" ערד. יעדער דאַרף זיין באַהאַלטן אין זיין „אייגענעם" בית-עלמין, אויך דעמאָלט ווען מען איז נישט אָבערגלויביק, אפילו ווען מען איז נישט קיין „שאָוויניסט". פשוט, ווייל אזוי האָט זיך די וועלט געפירט מקדמונים, און א וועלט קאָן מען נישט איבערמאכן איבער נאכט — און אפילו נישט איבער צענדליקער יאָרן.

איך האָב דעמאָלט דערציילט וועגן זיווגים, וואָס זענען פאָרגעקומען ביים בית-דין של מעלה, וואו מע האָט געמשפּט די נשמות פאַר זייערע באַגאַנגענע, אָדער גאָרנישט באַגאַנגענע חטאים. אָבער געמשפּט האָט מען אלע, אָן אויסנעם. און אויב מע משפּט — דאָס האָב איך מיט מיינע אייגענע אויגן געזען — איז זעלטן אז מע זאָל פּטור ווערן און נישט ווערן פאַראורטיילט.

אויף דעם זענען פאַראַן מלאָכים, און אפילו שדים, וואָס האָבן איינגעטיילט זייערע ראָלעס אין א „קטיגור", א „סניגור" און אין א „בית-דין", אז די נשמות זאָלן נישט קאָנען רוען, ווי סע מיינט זיך אויס פון דרויסן. מע לאָזט נישט רוען.

דער אומגליק מיינער, דאָס הייסט מיין פערזענלעכער אומגליק, איז געווען וואָס איך בין געשטאָרבן אומגעריכט, פּלוצימדיק און נישט צייט געהאַט צו לאָזן קיין צוואָה — האָט מיין פרוי געהאַנדלט ווי אזוי זי האָט געמיינט אז עס איז גוט. דאָס הייסט, אז נישט דווקא זי האָט דאָס געמיינט, נאָר אזוי האָט מען איר אונטערגעזאָגט, אז סע וועט בעסער זיין פאַר איר און אויך פאַר...

מע האָט איר געזאָגט, און זי האָט עס אויך אזוי געמיינט, אז עס איז אַלצאיינס וואָס פאַר א שכנים מע האָט אויפן „עולם-האמת". ניין, פאַר מיר איז עס נישט געווען אַלצאיינס. פאַר מיר איז עס שוין יאָ וויכטיק געווען ווער עס איז מיין שכן...

אין שייכות מיט דעם וועל איך דערמאָנען אן אַלטע מעשה, וואָס איז פאַר מיר דווקא גילטיק...

2

קידוש־השם

...א ברודער איז אזוי, ווי אזוי ער איז. און ווי אזוי ער איז מוז מען אים אקצעפטירן. סיי מיט זיינע מעלות און — באין ברירה — אויך מיט זיינע חסרונות...

אָבער א שכן? ניין, א שכן איז שוין נישט אזוי. אויב סע געפעלט איינעם נישט די אויפפירונג פון זיין שכן, מוז ער נישט אראָפּשלינגען אַלץ. אמת, ער קאָן אים נישט פארטרייבן פון זיין שכנות, אָבער ער האָט א ברירה: ער קאָן זיך איבערציען צו אן אנדערן שכן.

וועז איז דאָס געשיקט געוואָרן? ווען סע רעדט זיך וועגן א שכן דאָ, אויף דער דאָזיקער זינדיקער וועלט, וואו מע קאָן האָבן א ברירה, מע קאָן זיך איבערציען — אויב נישט אין א בעסערער דירה, צו האָבן אן אנדערע, א מער פּאַסיקערן שכן, איז כאָטש אין א געמיינערער דירה — אָבער דער שכן וועט זיין א לייטישערער.

וואָס טוט מען אָבער איבער „הונדערט און צוואָנציק יאָר", ווען מע קומט אָן אויף יענער וועלט, וואו מע קאָן זיך נישט בייטן די „דירה", נאָר מע מוז רוען צווישן יענע שכנים, צו וועלכע מע האָט זוכה געווען צו האָבן?

איז מען דאָך נייגעריק צו וויסן: ווער וועט זיין דער שכן?

דערציילט מען... און איצט וועל איך עס דאָ איבערדערציילן אויף מיין נוסח:

א רבי האָט זיך אמאָל דערוואוסט, דורכן רוח־הקודש, אז זיין שכן אין גן־עדן וועט זיין א פּשוטער דאָרפס־ייד — איז ער נייגעריק געוואָרן צו וויסן וואָס פאר א זכותים האָט יענער ייד?... איז ער אוועק צו יענעם ייד און געבעטן ביי אים אכסניה, ווי סיי וועלכער נע־ונדניק כדי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו זען, צו באמערקן, אפילו ווען יענער וועט זיך פּרובירן אויסבאהאלטן — אפילו ווען יענער איז פון די למד־וואָו צדיקים, דאָך מוז ער אים „דערווישן", און וואָס סע באשטייט זיין צדקות.

אָבער צו זיין גרויס איבערראַשונג האָט ער דעם ערשטן טאָג גאָרנישט באַמערקט, וואָס זאָל אים געבן דאָס רעכט צו זיין אין גן-עדן בכלל און אוודאי נישט — זיין שכן... נו, מילא, מע קאָן דען אורטיילן א מענטש פון איין איינציקן טאָג?! מסתמא שטייט ער אויף ביי נאַכט אָפּריכטן חצות, ווען אַנדערע שלאָפן, און דעמאָלט איז ער דער אמתער צדיק, הגם ביי טאָג זעט ער אויס צו זיין א פשוטער „גוט-שבת"...

האָט דער רבי נישט צוגעמאַכט קיין אויג א גאַנצע נאַכט, נאָר געוואַכט, כדי צו באַמערקן וואָס סע וועט געשען... אָבער עס איז גאָרנישט געשען. דער ייד האָט געשמאַק געשלאָפן, געשנאָרכט, אויפגעשטאַנען גאָר נישט פרי, האָט זיך געוואַשן און קוים געדאַוונט אין איילעניש און זיך געזעצט עסן... אָט דאָ, זעט איר, ביים איבערבייסן, האָט ער זיך שוין גאָרנישט געאיילט. דער ייד האָט בנעימותדיק געגעסן, אָן שום „הייליקע" כוונות — נאָר ממש געגעסן, אזוי פיל וויפל סע וואָלט געגרייכט פאַר אַנדערע דריי.

ביז מיטאָג האָט זיך דער ייד אָפּגעגעבן מיט זיין טעגלעכער וואָכנדיקער באַשעפטיקונג — דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַראָפּגעזעצט עסן מיטאָג... וואָס הייסט עסן? געגעסן, גלייך ביז איצט וואָלט ער געפאַסט. ער האָט געגעסן דריי מאָל אזוי פיל וויפל ער האָט געגעסן ביים פרישטיק... נאָך מיטאָג ווידער אזוי: ער האָט זיך א ביסל צוגעלייגט, זיך אויסגערוען, דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָפּגעגעבן מיט זיינע וואָכנדיקע באַשעפטיקונגען. צו מנחה-מעריב האָט ער קוים געעפנט דאָס סידורל. אָבער אַז עס איז געקומען צו דער וועטשערע, האָט ער זיך אוועקגעזעצט מיט יישוב-הדעת, נישט געאיילט, און געגעסן און געגעסן און געגעסן, ממש ווי נאָך א תענית...

דער רבי האָט דאָס געזען און נישט פאַרשטאַנען: אין וואָס באַשטייט דער זכות פונעם דאָזיקן ייד?! האָט ער געוואַרט נאָך איין טאָג, און נאָך איין טאָג, ביז עס איז אים נמאס געוואָרן דאָס גאַנצע צוקוקן זיך ווי אזוי דער דאָזיקער ייד עסט.

האָט ער זיך געווענדן גאַנץ אָפן צום ייד:

איך בין ספּעציעל געקומען צו אייך, כדי צו שטעלן אייך א פראַגע, אָבער איך פרעג עס איצט שוין נישט. איצט איז מיר שוין קשה עפּעס אַנדערש: פאַר וואָס עסט איר אזוי פיל?

— איך וועל אייך דערקלערן — האָט דער ייד געזאָגט גאָר אַן ערנסטער — איך עס אזוי זינט מיין פאָטער איז אומגעקומען... אָ, ער איז נישט געווען אזא גראָביאַן ווי איך. ער איז געווען אַן איידלער ייד, א תלמיד-חכם, א ירא-שמים, אָבער א שוואַכינקער. ער האָט דאָך געלעבט בלויז מיט תעניתים, געדינט השם-

יתברך מיט סיגופים, נישט געוואָלט הנאה האָבן פון דער דאָזיקער שולדיקער און זינדיקער וועלט... איז אין איינעם א טאָג האָבן אים געכאַפּט א באַנדע רוצחים און האָבן אים צוגעבונדן צו א בוים און אים געממיתט מיט זייער אכז-ריותדיק געשלעג, אז ער איז שיער נישט אויסגעגאַנגען. אָבער זיי האָבן נישט אויפ-געהערט אים פּייניקן — איז אים נישט געבליבן מערער ווי צו שרייען „שמע ישראל" און געזאָגט ווידוי, בעת זיי, די רוצחים האָבן אים געהרגעט און געשלאָ-גן — אָבער אז זיי האָבן געזען, אז דאָס אַלץ איז פאר זיי נאָך נישט גענוג, האָבן זיי אים באַגאָסן מיט נאַפט און אונטערגעצונדן...

איך האָב דאָס אַלץ צוגעזען.

איך וועל קיין מאָל נישט פארגעסן, אז איידער ער זאָל נאָך אפילו אָנ-הייבן ברענען איז זיין הייליקע נשמה שוין אויסגעגאַנגען אויף קידוש-השם...

האָב איך דעמאָלט געשוואוירן, אז אויב איך וועל אמאָל זיין אין זיין מצב, וועל האָבן איבערצוקומען די זעלביקע ליידן ווי ער, זאָל איך נישט אויס-גיין בלויז מיט ווידוי, איך וויל נישט אויסהויכן מיין נשמה אזוי גיך ווי ער. איך, אז סע וועט קומען אזא געלעגנהייט אומצוקומען אויף קידוש-השם, זאָל איך באַווייזן אז א נשמה פון א ייד לעשט זיך נישט אוים אזוי לייכט ווי א גע-בעכדיק ליכטעלע — איך, אז מע וועט מיך דעמאָלט אונטערצינדן, זאָל איך ברענען ווי א פאַקל, ברענען און ברענען, אזוי לאַנג ווי די גאָל וועט ביי זיי פּיקען פאר כעס, אָדער גאָר פאר קינאה... איך וועל זיי ווייזן אז א ייד... אָט פאר וואָס איך עם איצט אזוי פיל, מיט אזא הייסן אפּעטיט. נישט וויל איך פיל הונגער — איך מיין אז איר פארשטייט מיך...

— יאָ, איך פארשטיי — האָט דער רבי א צופרידענער געענטפערט — איצט פארשטיי איך שוין... יאָ, איך פארשטיי שוין, קידוש-השם איז די גרעס-טע זכייה...

און נישט-ווילנדיק האָט דער רבי ביי זיך א טראַכט געטון: איך, וועל-כער האָב שוין מיין שטול אין גן-עדן, איך וואָלט גרייט געווען אויף אזא קי-דוש-השם?! בין איך זוכה צו האָבן אזא הייליקן שכן?!

און איך, וועלכער איבערדערציייל די דאָזיקע מעשה, טראַכט ביי מיר: וואָלט אויך אויף דער „מתנה" י. ל. פּרץ געזאָגט, אז עס נישט מער ווי לנוי, אָבער פּראַקטיש טויג עס אפשר נישט?!...

איך זאָג עס נישט.

ביי מיר איז עס א זכייה.

3

עלנט, אומגעמשפט

...זענען מיר אזוי געגאנגען בײנאנד, װי צװילינג באהאַפּטענע סיאַ־מעזישע ברידער, זינט יאָרן: איך און מײַן שאָטן. מײַן שאָטן און איך, צוזאַמען.

און אויב מיר האָט זיך צו מאָל אויסגעדאַכט, אַז איך בין פֿאַרלאָפֿן דעם װעג און מײַן שאָטן איז אַרונטער געבליבן, איז געװען גענוג צו כאַפּן אַ בליק רעכטס אָדער לינקס — און אָט איז מײַן שאָטן אין פּראָפֿיל; צו מאָל הענגט ער מיר גאָר נאָך װי אַ געשפּענסט, אָנגעטשעפּעט צו מײַנע טריט...

נײן, ער צעשײדט זיך נישט פֿון מיר, ער באַהאַלט זיך בלויז אויס פֿון דער שײן פֿונעם ליכט. איז דאָס ליכט פֿון פֿאָרנט, באַהאַלט זיך מײַן שאָטן הינ־טער מיר; איז די שײן פֿון הינטן, גײט ער פֿאַר מיר — אָבער פֿאַרלאָזן מיך, דאָס נישט.

קײן מאָל נישט.

ער האָט מיך נישט פֿאַרלאָזט און איך האָב אים נישט פֿאַרלאָזט. מײַן שאָטן האָט מיך באַגלײט אומעטום, װי דער אָפּקלאַנג באַגלײט דעם קלאַנג.

װי דער אָפּקלאַנג?!

אָט דאָס איז, דאַכט זיך, אַ מסוכנדיקער פֿאַרגלײַך. צו װאָס האָב איך דערמאָנט דאָס צװילינגדיקײט פֿונעם קלאַנג מיטן אָפּקלאַנג? װאָלט עס גע־הערט אַן אָבערגלױביקער, װאָלט ער געװיס דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן רעכטס: „טפֿו, טפֿו, טפֿו!" און דרײַ מאָל לינקס: „טפֿו־טפֿו־טפֿו, גײען זאָל עס אויף אַלע פּוסטעס!".

און באמת, צו װאָס האָט געטויגט צו דערמאָנען װעגן אָפּקלאַנג? כמעט אַלע מאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער אָפּקלאַנג גײט נישט צוזאַמען, געצװילינגט, מיטן קלאַנג. אַדרבה, תּמיד האָט זיך אויסגעדאַכט אַז בעת דער קלאַנג, למשל פֿון אַ דונער, האָט אָפּגעהילכט און זיך געלאָזט שװעבן אויף אומגעזעענע רײזיקע פֿליגל צו מיזרח — האָט דער אָפּקלאַנג, װי אַ דערשראָ־

קענער פונעם דונערדיקן געקנאַל זיך געלאָזט, מיט נאָך אַ גרעסערער שנעל־קייט — קיין מערב.

נייַן, דער קלאַנג מיטן אָפּקלאַנג — ווי ברידערלעך סע זאָל נישט אויס־זען זייער געבורט, איז דאָך זייער וועג אַ קעגנגעזעצטער.

ווי אַזוי זשע וואָלט זיך עס געלאָזט פאַרגלייכן מיטן שאָטן? קאָן דען דער שאָטן מייַנער זיך לאָזן אויף אַ קעגנדיקן וועג פון מיר?

ווי אַזוי וואָלט עס געוועזן געמאָלט, אַז איך זאָל זייַן דאָ און מייַן שאָטן דאָרט?

דאַכט זיך, אַז עס איז אַן אַבסורד. יאָ, טעראָעטיש איז עס טאַקע אַזוי. וואו איך בין — איז אויך מייַן שאָטן, מייַן געדאַנק און אויך מייַן אָפּקלאַנג, אָבער אין דער ווירקלעכקייט?

די ווירקלעכקייט?! וואָס האָט די ווירקלעכקייט צו טון מיט מייַן שאָטן? איז דען אַ שאָטן ווירקלעכקייט?!

און אָפּקלאַנג — איז דען יאָ ווירקלעכקייט?!

און אַבסורד? — איז עס דען דער ערשטער אַבסורד, וואָס לייקנט אָפּ די סאַמע ווירקלעכסטע ווירקלעכקייט?!

אמת, שווין צו פיל פּרעגצייכנס, אָנגעהויפטע אַרום זיך. קוים וואָס איך זע זיך אַרום, דאָס הייסט, אַז איך גופא זע זיך קוים אַפילו אונטער אַזוי פיל פּרעגצייכנס, ווען אָנזען מייַן שאָטן איז שוין אָפּגערעדט...

...לויט אַן אַלטער לעגענדע, פלעגט מען אויסטייטשן, אַז אַ מענטש האָט זייַן שאָטן פאַרלוירן, האָט דאָס געזאָלט הייסן, אַז ער וועט נישט אויס־לעבן דאָס יאָר.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַן אָבערגלויבן. אָבער איך האָב עס דער־וועגט אַז אַזאַ מין לעגענדע איז דערמאָנט געוואָרן אין דער מיטלעלטערלי־כער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור, אַז אויב הושענא־רבה ביי נאַכט האָט מען נישט געזען ביי דער שיין פון דער לבנה דעם שאָטן פונעם קאָפּ, אָדער פון אַ האַנט, אָדער פון אַן אַנדערן טייל פונעם גוף, איז דאָס געווען אַ שלעכטער סימן...

איך בין נישט אָבערגלויביק, אויב אַפילו איך בין עס אַמאָל יאָ געווען. אָבער, וואָס טוט מען דעמאָלט, ווען מען איז טאַקע נישט אָבערגלויביק, אָבער דאָך האָט מען פאַרלוירן דעם אייגענעם שאָטן?

יאָ, איך האָב מייַן שאָטן פאַרלוירן...

איך בין עס געוואויר געוואָרן, ווען איך האָב געזען אַז אַלע מייַנע שכ־נים און חברים האָט מען גערופן צום בית־דין של מעלה, מע האָט זיי געמשפּט,

איינעם פריער און א צווייטן שפעטער, נאָר מיך, איך איינער בין איבערגע־בליבן אומגעמשפּט.

אומגעמשפּט? זאָל מען זיך נישט וואונדערן פון מיין כמעט פּאַניקישן מצב, ווייל דאָס איז פיל ערגער ווי פאַרמשפּט. איך האָב דאָך דאָס שוין גע־זאָגט, אז עס איז בילכער צו האָבן אַ פּסק, אויך ווען מע פאַרמשפּט אויף אַ צייט צו גיהנום, ווייל מע ווייסט כאָטש אויף וועלכער וועלט און אין וועלכן מצב מע געפינט זיך, אומגעמשפּט איז ערגער ווי גיהנום.

אוודאי האָב איך נישט געקאָנט אזוי רוען אין קבר מיינעם (אויך אין אין קבר קאָן מען נישט רוען ווידנדיק אויף קלאָר, אויף וועלכער וועלט מע געפינט זיך!), בין איך געגאַנגען צום סעקרעטאַריאַט פונעם בית־דין של מעלה:

— מהע, איך בין זיך געקומען אינטערעסירן...

א מלאכל, וואָס איז געזעסן פאַרזונקען אין א הויפן דאָסאַרן, האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ און זיך פאַרראַכטן די ברילן, אַרויפגערוקט זיי בעסער, העכער, אויף זיין מלאכדיקער נאָז, און נישט געזאָגט קיין וואָרט, נאָר מיך אָנ־געקוקט...

ער האָט דען מיר גענדאַרפט זאָגן עפּעס? איך האָב דאָך שוין באַלד פאַר־שטאַנען, פון זיין בייזן בליק, אז מיין ענין איז נישט קיין פּויגלדיקער. בכלל האָב איך געפילט, אז עפּעס איז מיט מיר נישט אין אָרדענונג. וואָלט מיין מצב גע־ווען א קלאָרער, נישט אזוי פאַרפּלאָנטערט ווי ביי א שלימזל. וואָלט מען דאָך מיך געמשפּט כאָטש ווי סיי וועלכן רשע, אויב איך האָב נישט זוכה געווען פאַר־רעכנט צו ווערן צווישן די צדיקים.

דעם אמת געזאָגט, האַלט איך גופא מיך נישט פאַר קיין צדיק. אָבער ווי ענייותדיק איך זאָל נישט זיין (און איך ווייס דאָך דעם ריינעם אמת, אז פון צו פיל ענוות האָב איך קיין מאָל נישט געליטן!), האָב איך זיך קיין מאָל נישט געהאַלטן פאַר א זינדיקערן ווי פיל אנדערע פון מיינע חברים. איז פאַר וואָס משפּט מען זיי יאָ, און מיך נישט? פאַר וואָס זאָל מיר תמיד אָנקומען אזוי שווער, אז אפילו דאָ, אויפן עולם־האמת, זאָל מען מיך לאָזן אזוי אומבאַמערקט און מיך אפילו נישט רופן צום בית־דין של מעלה צום משפּט?! אָט פאַר וואָס איך האָב מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך באַשלאָסן צו גיין זיך נאָכאינטע־רעסירן. אָבער דאָ, ביים בית־דין של מעלה, האָט מען מיך אזוי אויפגענומען אז איך האָב פאַרלוירן דעם מוט. האָב נישט געקאָנט אַרויסרעדן כאָטש נאָך איין וואָרט, אז איך זאָל דעם מלאך־סעקרעטאַר פרעגן, פאַר וואָס און פאַר ווען

קומט זיך מיר, אז מע זאָל מיך אזוי איגנאָרירן, אז אפילו משפּטן וויל מען מיך נישט.

איך בין אָבער פון דאָרט נישט אוועק. איך האָב מיר גענומען מוט און פאַר־געזעצט:

— איך בין געקומען זיך אינטערעסירן, ווען וועט מען מיך שוין אמאָל רופן צום משפּט?

דאָס מלאכל איז געזעסן, ווי געזאָגט, ווי אויסבאהאלטן הינטער א הויפן דאָסארן, גלייך אן איינגעפאלענע חורבה, געבויט פון פּאפּירן, איז זיך אויף אים צונויפגעפאלן און ער האָט נישט קיין כוח אפּירצוגיין פון אונטער די דאָ־סארן, כדי מיר צו שענקען א בליק. ער האָט זיך אראָפּגענומען די ברילן און מיט א גן־עדן־טיכעלע אויסגעווישט פּאמעלעך די גלעזלעך פון זיינע ברילן און ווי מיט א שמייכעלע, וואָס האָט מער אויסגעדריקט איראָניע ווי פארשטענד־עניש פאר מיינע פארצווייפלטע טענות (לויט מיר זייער גערעכטע, אָבער ווייזט אויס, אז לויט אים זענען זיי לכל־הפּחות נאַיווע!), האָט ער — ניין, נישט ער, נאָר דער הויפן פּאפּירן! — געזאָגט:

— איר האָט א טעות. נישט דאָ. ביי מיר וועט איר זיך גאָר נישט קאָ־נען דערוויסן. צו מיר קומען נשמות, בלויז יענע וואָס ווערן גערופן פאַרן בית־דין של מעלה. מיט נישט־גערופענע רעד איך בכלל נישט...

ווי נאָר ער האָט זיך דאָס אָפּגעזאָגט, האָט ער ווידער זיך ארייַנגעגראָבן זיין מלאכישן קוק אין זיינע פּאפּירן.

איך בין דאָך נישט געווען פון פּאפּיר. איך בין דאָך געווען א נשמה, אן אמאָליקער בשר־ודם, מיט וועלכן ער האָט, ווייזט אויס, איצט שוין גאָר־נישט וואָס איינצוטענהען...

איך בין אָבער נישט אָפּגעטרעטן פון מיין אָרט. איך בין דאָרט ווייטער געשטאנען און געוואַרט. אויף וואָס האָב איך געוואַרט? איך ווייס אליין נישט אויף וואָס. אָבער געוואוסט האָב איך, אז ווייטער אזוי „לעבן" אומגעמשפּט, דאָס קאָן איך שוין נישט. האָב איך שוין קיין כוח. די נערוון דינען מיר שוין נישט אויף געדולדיק צו זיין און וואַרטן אָן א סוף. סע זענען דאָך שוין אריבער כמעט צען יאָר ווי איך בין דאָ, אויפן עולם־האמת. איז ביז ווען איז עס דער שיעור, אז א נשמה זאָל קאָנען אויסהאלטן געדולדיק, אז מע זאָל זי נישט רופן צום בית־דין?!

בין איך געשטאנען און געוואַרט. אמת, איך בין געשטאנען ווי אויף שפּילקעס, אָבער געוואַרט האָב איך. אויף וואָס האָב איך געוואַרט?! ער זאָל מיר זאָגן ווי און וואָס, ווייל וויסן ווייסט ער דאָך פיל מער פון מיר. בכלל ווייסט

יעדער איינער וועגן יענעם מער ווי וועגן זיך גופא. אפילו איך, וואָס בין אַזוי ווי מע ווייסט, נאָך נישט קיין געמשפּטער, דאָס הייסט נאָך נישט מיט „לייטן גלייך", דאָך ווייס איך אויך שוין מערער וועגן אַנדערע ווי וועגן מיר. אָט, למשל, וואָלט מען מיך געפרעגט וועגן קאַפּמאַנען, צי וועגן מאַנידעסן, וואָלט איך געוואוסט צו זאָגן וועגן זייער מצב פיל מער ווי זיי אַליין ווייסן. אָבער וועגן מיין אייגענעם מצב, ווייס איך כמעט גאָרנישט. איז ביז ווי לאַנג וועט עס אַזוי געדויערן? בין איך געשטאַנען און געוואָלט אַרויספּרעסן כאָטש איין וואָרט פון אָט דעם מלאכל, וואָס שפּילט זיך מיטן גורל פון נשמות, ווי אַמאָל פלעג איך זיך שפּילן מיט קנעפּלעך צי מיט באָקסער-קערלעך, ווען איך בין געווען אַ יינגל. יאָ, ער שפּילט זיך מיט אונדזערע נשמות, ווייל ביי אים איז אַ נשמה גלייך מיט אַ קנעפּל, אָבער פאַר אונדז איז דאָך אַ נשמה דאָס חיות, דאָס גאַנצע וועזן אונדזערס, אויף וועלכן עס איז אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע אונדזערע נערוון. ביז ווי לאַנג קאָן מען אַזוי אויסדויערן?

דאָס מלאכל האָט אויפגעהויבן דעם בליק, ווי אַ שטראַל, נישט פון אַ שיינענדיקער זון, נאָר פון אַ לייזער-אַפּאַראַט, וואָס שטעכט אַדורך מרחקים ווי מיט אַ שפּיז:

— וואָס וואַרטסטו? (איך האָב דערפילט דעם „וואַרטסטו", דעם חוצ-פּהדיקן. ער האָט מיך געדוצט, ווי ווען מע רעדט צו אַ שוין פאַרמשפּטן!)... פרעג זיך נאָך ביים קטיגור! — האָט ער דערנאָך צוגעגעבן מיט אַ חוזק-שמייכעלע, וואָס האָט מיך דערשלאָגן, גלייך ער וואָלט מיך געווען אויסגעפּאַטשט.

עס איז מיר נישט געבליבן עפּעס אַנדערש צו טון ווי אָנצוקלאַפּן אין דער טיר ביים קטיגור.

איך ווייס, מע קאָן מיינען, אַז איך בין אַזוי נאַריש, אָדער כאָטש נאַיוו, און ווייס נישט, אַז זיך גיין באַקלאָגן ביים קטיגור אַז איך בין נאָך נישט געמש-פּט געוואָרן, איז גלייך מיט אַריינלייגן דעם קאָפּ אין מויל פון אַ לייב (תמיד ווען איך זע אין אַ צירק, ווען דער דרעסירער שטעלט אַריין זיין קאָפּ אין מויל פונעם לייב, טראַכט איך, אַז ער פּאַרדינט אַ ביטער שטיקל ברויט און קיינער דאַרף אים נישט מקנא זיין!), אָבער אַז דאָס וואָסער איז מיר דערגאַנגען צום האַלדז, ווען מע קאָן שוין נישט אויסהאַלטן אַזאַ מצב ווי פון אַן אומגעמשפּטן, דע-מאָלט טראַכט מען שוין נישט וואָס סע קאָן אַרויסקומען פון אַרויסרופן קעגן זיך דעם קטיגור, נאָר מע טראַכט, אַז סוף-כל-סוף דאַרף מען דאָך אַמאָל גע-משפּט ווערן, איז וואָס איז צו וואַרטן אָן אַן עק?!

איך האָב מיר גענומען מוט און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פונעם קטי-גור. איך האָב אָנגעקלאַפּט און געוואַרט, אַז מע זאָל מיר ענטפערן „אַריין!",

אָבער אזא ענטפער איז נישט געקומען... האָב איך ווידער אָנגעקלאָפּט, גע-וואַרט און זיך נישט דערוואַרט.

אַט, אויף דעם האָב איך זיך נישט דערוואַרט.

וואָס איך זאָל רעדן ביים קטיגור, דאָס האָב איך אין מיין געדאַנק אי-בערגעחזרט שוין נישט איין מאָל. אויף יעדער פראַגע, וואָס ער זאָל מיר נישט געוועזן שטעלן, האָב איך שוין געהאַט צוגעגרייט אַן ענטפער. אָבער צו בלייבן אין דרויסן און וואַרטן ביי זיין טיר, אַז מע זאָל מיר נישט ענטפערן „אַריין" אויף דעם האָב איך זיך נישט גערעכנט.

בין איך געשטאַנען און געטראַכט, וואָס איז צו טון? אַריינצוגיין אַזוי פּשוט אָן אַן ענטפער, דאָס קאָן איך נישט. דאָס וועט קיינער נישט וואַגן צו טון. סע קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז ער, דער קטיגור זאָל נישט זיין אין זיין קאַנצעלאַ-ריע, אַז אויף זיין שרייבטיש זאָלן זיין פאַרשידענע דאָסאַרן, פּאַפּירן, וואָס אַ פרעמד אויג טאָר זיי נישט זען — איז וואָס וועל איך טון, אַז איך וועל אַריינ-גיין אומפאַרבעטן, און באַלד וועט זיך באַווייזן דער קטיגור, צי זיין אַ געהילף, און וועט מיך דאָרט געפינען וועט ער דאָך זאָגן, אַז...

וואָס מע קאָן אַלץ זאָגן!...

אַזוי האָב איך זיך געטראַכט, בעת איך האָב געוואַרט ביי דער טיר. אָבער אין מוח האָט אויפגעבליצט ביי מיר נאָך איין געדאַנק: אפשר איז טאַקע בע-סער אַז איך זאָל יאָ אַריינגיין און (ווער ווייסט?) אפשר וועל איך טאַקע דערזען אַ פּאַפּיר, פון וועלכן איך וועל אַראָפּלייענען דווקא מיין אייגענעם גורל?... דאָס איז אַ צופאַל? נו, וויפיק צופאַלן האָט מען געזען, וואָס שפּילן אַ ראָל אין לעבן פון אַ מענטש, וואָס דעצידירן דווקא דעם גורל?!

פּלוצעם דערהער איך, הינטער מיר, ווי איינער פרעגט מיך:

— איר זוכט עמעצן?

— יאָ, איך זוך דעם חבר קטיגור — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט, נישט געוואוסט, ווי איינער וואָס מע כאַפּט אים, ווען ער הערט אונטער ביי אַ פרעמ-דער טיר, כדי צו הערן וואָס מע רעדט דאָרט.

— איך בין דער קטיגור — זאָגט צו מיר דער מלאך, שוין מיט אַן אױ-טאָריטאַטיוון טאָן — וועגן וואָס האַנדלט זיך? — האָט ער געזאָגט אַריינגייענ-דיק, אָבער מיך האָט ער נישט פאַרבעטן אַריינצוגיין, ער האָט נאָר געלאָזט די טיר אָפן, דאָס הייסט, אַז איך קאָן אים ענטפערן פון דרויסן — ער הערט.

— וועגן מיין משפּט — האָב איך שוין אויפגעהויבן דאָס קול, כדי ער זאָל קאָנען דערהערן מיך, כאָטש ער איז שוין אינעווייניק בעת איך בין גע-בליבן אין דרויסן, ביי דער שוועל פון זיין קאַנצעלאַריע — איך וואָלט שוין גע-

וואָלט וויסן, ווען סע וועט קומען די ריי, אז מע זאָל אויך מיך משפּטן?

ער האָט מיך אָנגעקוקט. צוגעלייגט די שפּיץ פינגער פון זיין רעכטער האנט צום שטערן, צו זיינע שלייפן, גליך ער וואָלט זיך געוואָלט אָן עפּעס דערמאנען און באלד געזאָגט:

— יאָ, דאכט זיך, אז איך קען אייך... (אוי, ער קען מיך! מסתמא טאקע צוליב דעם משפּט מען מיך נישט. אָבער דער זעלביקער שבל-הישר וואָלט דאָך געזאָגט, אז מע זאָל מיך יאָ משפּטן, און זאָל אזוי פירן דעם משפּט, אז איך זאָל קיין מאָל נישט ארויס פונעם גיהנום. סע מאנגלט דען סמאָלע אין די גיהנום-קעסלען?!)... ווארט נאָר, ווארט... קומט אריין, שטייט נישט ביי דער טיר — זאָגט ער שוין מיט א העפלעכערן טאָן, בעת ער נישטערט אין א רעגיסטער — ווי הייסט איר?

— בנימין זעליקאָוויטש — זאָג איך שוין מיט מער קוראזש — רופט מען מיך...

— הייסט עס, זעליקאָוויטש — זאָגט דער קטיגור ווי פאר זיך, בעת ער מיישט דעם אלף-בית-רעגיסטער — ביי דער „זיין"... יאָ, איך האָב געפונען — און נאָך א קליינער פויזע זאָגט ער ווי א פריילעכער — אייער דאָסאר איז פארלוירן געגאנגען... מע געפינט אים נישט, קאָן מען אייך נישט משפּטן...

אָבער אזוי ווי ער האָט געזען, אז זיין ענטפער באפרידיקט מיך נישט, האָט ער פאָרגעזעצט, כדי מיך צו דערמוטיקן?

— איר זענט נישט דער איינציקער פאל... סע זענען נאָך פאראן דאָ אזעלכע פאלן...

— אָבער וואָס בין איך שולדיק? — האָב איך ארויסגעשטאמלט. אָבער דאָך ווי מיט א פירוואורף — האָב איך אים דען פארלוירן?!

ווי סע ווייזט אויס, האָט אים מיין ענטפער נישט געפעלן. אדרבה, ער האָט עס אויפגענומען ווי א חוצפּה פון מיין זייט. ער איז דאָך נישט געוואוינט אז מע זאָל אזוי רעדן צו אָ קטיגור, האָט ער געביטן דעם טאָן:

— גייט באקלאָגט אייך צום ונתנה-תוקף!... איך האָב נישט קיין צייט צו פארלירן מיט פלאפּלערייען — דאָס הייסט אז ער האָט מיך פשוט פארבעטן ארויסצוגיין. און כדי צו פארטייטשן, אז טאקע דאָס מיינט ער, האָט ער גענומען די שליסעלעך אין די הענט, מאכנדיק זיך אז ער וויל פארשליסן נאָך זיך די טיר...

עס איז מיר געווען קלאָר, ווי מע זאָגט, און דאָך אומפאַרשטענדלעך. דאָס הייסט, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין שאָטן? איך האָב פאַרלוירן מיין אָפּקלאַנג?!

תמיד, אָבער אבסאָלוט תמיד, וואוהין איך בין געגאַנגען האָט מיין שאָטן, דאָס הייסט מיין דאָסאַר, זיך געהאַלטן נאָך מיר, איז מיר נאָכגעגאַנגען. צו מאָל איז ער, דער דאָסאַר מיינער, געגאַנגען פאָרויס, פאַר מיר, און צו מאָל איז דער דאָסאַר מיינער נאָכגעקומען מיט עטלעכע טעג שפּעטער — אָבער קיין מאָל האָב איך זיך פון אים, און ער פון מיר, זיך נישט צעשיידט...

איצט בין איך געבליבן אָן מיין שאָטן... דאָס איז קיין גוטער סימן נישט. סיי איך בין יאָ אָבערגלויביק סיי נישט, איז עס טאַקע א שלעכטער סימן. ווייל, ווי אזוי קאָן אויסזען דער גורל פון אזא נשמה ווי מיינע, אַז זי איז נישט זוכה אפילו געמשפּט צו ווערן?!

4

וואו איז אהינגעקומען מיין שאָטן?

פונעם קטיגור בין איך ארוים ווי אַן אָפּגעשמיסענער. הגם ער האָט אויף מיר נישט געשריגן, נישט געזאָגט מיר קיין הארבע ווערטער, אָבער דאָך האָב איך געפילט אין זיינע רייד, ווי מע זאָגט, צווישן די שורות נישט ווייניק אי־ראָניע און אפילו נקמה, ווי איינער רעדט: דו וועסט שוין זיין א קלענערער תקיף ביי דיר. דו וועסט מיך שוין נישט אונטערברעכן ביי די משפּטים און וועסט האָבן א קלענער „מויל"...

וואָס זאָל איך טון?! עס איז מיר געקומען אויפן געדאנק א ווערטל פון מיין אַן אמאָליקן חבר, וועלכער ווען זיין שעף פלעגט אים ממש צאַפּן דאָס בלוט און אים פּשוט מאכן איינם מיט דער בלאָטע, פלעגט ער זאָגן: ברודערקע, סע זענען נישט קיין גלייכע כוחות, ער איז דאָך דער שעף...

אמת, איך האָב פארשטאַנען אז מיין מצב איז נישט קיין פריילעכער אָבער צו יעדער צרה מוז זיין אַן אויסוועג, מע דארף אים נאָר געפינען.

אויף צו זוכן דעם אויסוועג, האָב איך געפילט, קאָן מיר ארויסהעלפן בלויז איין מענטש — מאָנידעס. ער, מיט זיין רייכער דערפארונג, וואָלט גע־פינען אַן עצה, אז איך זאָל זיך נישט ארומדרייען אויפן עולם־אמת ווי אויפן עולם־התוהו, צי ווי אויף כף־הקלע, נישט אהין און נישט אהער, נישט אין גיה־נום און נישט אין גן־עדן. ביז ווען קען עס ארומגיין א נשמה אומגעמשפט און נישט גענומען ווערן אין אכט פון קיינעם?!

ווי נישט דערוואַרט האָב איך זיך באגעגנט מיט בערל שטערן, יענער וואָס האָט דעם מגן־דוד אויף דער ברוסט.

איך ווייס נישט, האָט ער אראָפּגעלייענט פון מיין פארטרויעריקט פּנים, צי ער האָט געלייענט ממש מיינע געדאנקען, אָבער א פאקט איז, אז אזוי ווי ווי ער האָט מיך דערזען האָט ער אויפגעהערט פרעדאָגירן זיינע העברעישע שירים, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פארגעסן פון יענער צייט, ווען ער איז גע־ווען אין ארץ־ישראל, געארבעט אין א קיבוץ.

ער האָט מיך באַגריסט און תיכף געפרעגט:

— וואָס איז געשען? — האָט ער גענומען זיין געוויינטלעכן לוסטיקן טאָן — סע זענען אייך דערטראָנקען געוואָרן די שיפן? וואָס האָט איר אַזוי זיך גענומען צום האַרץ און אָנגעטון אַן אַבלדיק פּנים?

— עס איז גאָרנישט פּריילעך — זאָג איך גאָר ערנסט — איך קום איצט פונעם קטיגור...

— מע האָט אייך גערופן? — האָט ער מיר איבער די רייד — וואָס וויל מען פון אייך האָבן?

איך וואָלט אים געוועזן נישט דערציילט מיינע פּערזענלעכע ענינים. צו וואָס טויג מיר אים דערציילן מיינע פּערזענלעכע פּאַרפּלאָנטערנישן, ווען ער האָט אַזוי אויך גענוג פון זיינע אייגענע פאַרפּלאָנטערטע ענינים, מיט זיין אייגענעם משפּט. אָבער ווען מע האָט עפּעס אויף דער נשמה, קלייבט מען זיך נישט אין די צוהערער. מע דערציילט אפילו פאַר סיי וועמען, כדי סע זאָל לייכטער ווערן אויפן האַרץ. האָב איך אים דערציילט:

— ניין, גערופן האָט מען מיך נישט, אדרבה, מע האָט ווי פאַרגעסן אָן מיר, אָבער איך בין אַליין געגאַנגען...

— אַליין גאָר?! ווער האָט נאָך אַזוינס געהערט, אַז מע זאָל זיך אַריינשטופּן צום וואָלף אין מויל אַריין?!...

— וואָס הייסט „צום וואָלף אין מויל אַריין?" מע קאָן דען זיצן אַזוי מיט פאַרלייגטע הענט ביז זיי וועלן זיך דערמאָנען רופן צום משפּט? איך האָב דאָך געוואַרט גענוג. עס איז שוין כמעט קיינער נישט געבליבן פון מיין עלטער, זינט איך בין דאָ אויפן עולם-האמת, וואָס איז נאָך נישט געמשפּט געוואָרן... פאַר וואָס זאָל מען אויף מיר קוקן ווי אויף אַ ווייסער וואָראָנע, וואָס אפילו צו קיין ליטעווישן משפּט האָב איך אויך נישט די זכיה?!

— און אויב מע וועט אייך שוין משפּטן — זאָגט בערל שטערן מיט זיין געוויינטלעכן שמייכל, אַריבערקוקנדיק אַריבער זיינע ברילן — וועט איר שוין זיין צופרידן?... אַט האָט מען מיך שוין יאָ געמשפּט און דאָך ווייס איך נישט אויף וועלכער וועלט איך געפין זיך.

— וואָס הייסט איר ווייסט נישט?! אויב מע האָט אייך געמשפּט, איז דאָך קלאָר אַן עסק, אָדער אין גן-עדן אָדער אין גיהנום...

— איר האָט מסתמה פאַרגעסן — זאָגט שטערן שוין ווייניקער לוסטיק — אַז ווען מע האָט מיך געמשפּט האָט מען זיך בכלל נישט אַרויסגעזאָגט קיין שום פּסק נישט. איך האָב דאָך אייך דעמאָלט דערציילט, אַז דאָס בית-דין האָט געהויבן די אַקסל, זיך איבערגעקוקט מיט אַ באַטייטנדיקן ווינק און מע האָט נישט

ארויסגעגבן קיין שום פסק-דין... זיי האָבן געזאָגט, אז זיי האָבן נישט קיין סי־בות צו משפטן.

איך האָב זיך טאקע דערמאנט, אז ביי בערל שטערנס משפט, צי גאָר ביי אן אנדערן, איך דערמאן זיך איצט נישט גענוי, האָט מען גאָר געזאָגט א גאָר מאָדנעם פסק. מע האָט אים דעמאָלט דערקלערט ווי געבוירן על-פי־טעות און מע האָט געהאלטן, אז ער האָט געוועזן נישט נעדארפט געבוירן ווערן און אויב ער איז שוין יאָ געבוירן געוואָרן, על-פי־טעות, דארף מען אים נישט משפטן... יאָ, איך דערמאן זיך, אז מע האָט אים געראָטן אז ער זאָל גיין צו א פסיכיאטער...

איך האָב נישט געוואָלט פאַרזעצן דעם שמועס מיט אים. איך בין נישט געווען געלוינט איצט, אז איך זאָל מיר קאָנען דערלויבן זיך חקרענען אין זיין פארפלאָנטערטן ענין. מיר איז געווען גענוג פון מיין אייגענעם מצב, פון א נישט־געמשפטן. און פאר וואָס?

— פאר וואָס האָט מען אָפּגעלייגט אייער משפט? — פרעגט איצט בערל שטערן, גלייך ער וואָלט געווען געלייענט מיינע מחשבות — מע דארף דאָך האָבן א סיבה דערצו?

— מיין משפט איז נישט אָפּגעלייגט געוואָרן — פרואוו איך אים אויפ־קלערן — דער קטיגור האָט געזאָגט, אז מיך וועט מען בכלל נישט משפטן, ווייל מע האָט נישט געפינען מיין דאָסאר.

— וואָס הייסט מע האָט נישט געפונען, מע האָט אים געזוכט און נישט געפונען?!

— יאָ, טאקע אזוי. מע האָט געזוכט און נישט געפונען — האָב איך שוין געזאָגט א ביסל אן אויפגערעגטער — דאָס הייסט אז „טעאָרעטיש" בין איך בכלל נישט געבוירן געוואָרן...

— ווי אזוי דאָס? — איז שטערנען ווידער צוריקגעקומען זיין שמייכעלע — אויב סע געפינט זיך נישט אייער דאָסאר, הייסט עס אז איר זענט נישט געבוירן און ממילא נישט געשטאָרבן און מע משפט אייך נישט!... עס איז כלעבן פשוט צום לאכן.

— איך קומט אָן צו לאכן, אָבער מיר קומט אָן צו וויינען... וואָס בין איך שולדיק, אז עמעצער האָט פארלוירן מיין דאָסאר? האָב איך אים דען פאר־לוירן?! וואָלט מען מיר אים געגעבן צו האלטן, וואָלט איך אים געווען נישט פארלוירן...

— ווי אזוי רעדט איר ארוים אזעלכע דיבורים? מע זאָל אייך געבן צו האַלטן אייער אייגענעם דאַמאר?! איר האָט אים נישט געטאָרט זען אפילו פון דער ווייטנס... אָט קומט אייער פריינד מאַנידעס.

— מע וואָלט אפשר נישט געגלייבט — זאָגט מאַנידעס גאַנץ ערנסט, ווען ער האָט געהערט וועגן מיינע צרות — דאָס איז אַן אמתדיקער עולם־הפוך... אויב מע משפט איז נישט גוט און אויב מע משפט נישט עמעצן איז אויך נישט גוט.

— וואָס קאָן זיין גוט? — פרעג איך מאַנידעסן — אז מע לאָזט עמעצן איבער ווי פארגעסן, איז גוט?

— איך וויל נישט זאָגן, אז עס איז גוט — בעסערט אוים מאַנידעס זיינע רייד — איך זאָג נאָר, אז עס איז טשיקאווע...

— וואָס איז טשיקאווע?

— יאָ, עס איז טשיקאווע — זאָגט מאַנידעס מיט א שמייכל — אז א נשמה קאָן נישט רוען אין קבר אויך נישט, פשוט ווייל מע האָט זי נישט געמשפט... פאר וואָס אייגנטלעך דארף מען יעדן משפטן?! האָבן דען אַלע, אַלע נשמות בלויז געזינדיקט, געטון נאָר חטאים? — האָט אויסגערייעט מאַנידעס עטלעכע פרעגצייכנס, אָבער ער האָט נישט געוואַרט קיין תשובה פון אונדז. ער האָט אַליין געגעבן די תשובה, נישט אזוי פאר אונדז, ווי פאר זיך אַליין — עס איז נישט בלויז טשיקאווע, נאָר אויך אפילו טראַגיש, וואָס די נשמות גופא זענען אזוי דערצויגן געוואָרן, אז זיי גופא קאָנען אויך שוין נישט זיך צוגעוויינען צום געדאַנק, אז סע זאָל מעגלעך זיין און מע זאָל זיי נישט דארפן משפטן... משפט מען זיי נישט — פילן זיי זיך געקריוודעט, נאָך פיל ערגער ווי איינער וואָס איז פארמשפט געוואָרן צו גיהנום... אָט דאָס איז, לויט מיין מיינונג דאָס טראַגישע, אָדער דאָס טראַגי־קאָמישע פון אונדזער מצב...

— איר האָט מיך נישט פארשטאַנען — פרואוו איך אויפקלערן מאַ־נידעסן — נישט ווייל מע האָלט מיך פאר א צדיק משפט מען מיך נישט. ביי מיר האָט פאַסירט עפעס גאָר באַזונדערס. עס איז פארלוירן געגאַנגען מיין דאַ־מאר, דעריבער משפט מען מיך נישט.

— ווי אזוי איז עס מעגלעך? — מישט זיך אריין אין די רייד בערל שטערן — אז א נשמה זאָל נישט האָבן קיין דאַמאר? איז פאַראַן כאָטש איין איינציקע נשמה, וואָס זאָל נישט האָבן קיין דאַמאר?!

— נישט אין דעם גייט עס — קלערט אויף מאַנידעס — דאָס איז אמת, אז עס איז טאַקע נישט פאַראַן קיין איין נשמה, וואָס זאָל נישט האָבן נישט בלויז איין דאַמאר — נאָר עטלעכע... עס איז דאָך באַוואוסט, אז יעדע

נשמה האָט איר שר, יעדע נשמה האָט איר דאָסאַר, א פּראָפעסיאָנעלער דאָ־סאַר, וואָס איז אָפּגעהיט ביים פּערסאָנאַל־אָפּטייל; אַן אנדערן דאָסאַר האָט ער ביים שר גופא, וועלכער לויערט אויף זיין נשמה, אויף יעדן ריר און ווענד אירן, און פארצייכנט אויפמערקזאם כדי סע זאָל חלילה נישט גיין לאיבוד קיין איין עבירהלע; אַן אַנדערן דאָסאַר האָט די נשמה ביי דער חברה, אין וועלכער ער איז טעטיק געווען...

— אָט דעם דאָזיקן דאָסאַר זוך איך טאַקע — מיש איך מיך אריין אין די רייד — ווייל דאָזיקן דאָסאַר טאַקע האָט דער קטיגור געזאָגט, אַז ער איז פארלוירן געגאַנגען.

— על־פּי־יושר — זאָגט שטערן מיט א שטילן שמייכעלע — וואָלט מען געדאַרפט באַשטראָפן יענעם מלאך, וועלכער האָט די אויפגאַבע צו היטן די דאָסאַרן פון די נשמות...

— איר זוכט יושר? — האָקט אים איבער די רייד מאַנידעס מיט זיין איראָניע.

— וואָס הייסט „איך זוך יושר"?! — בייזערט זיך שטערן, וואָס מע האָט אים איבערגעריסן די רייד — אויב דאָ, אויפן עולם־האמת, זאָל מען נישט זוכן קיין יושר — איז וואו זשע זאָל מען שוין זוכן דעם יושר?!

— זוכן מעגט איר — ענטפערט אים שוין מאַנידעס אויך אין זעל־ביקן לוסטיקן טאָן — ווער לאָזט אייך נישט זוכן? די פראַגע איז, וואָסער שאַנסן האָט איר צו געפינען דעם יושר... יאָ, על־פּי־יושר האָט איר טאַקע רעכט. אַזוי וואָלט טאַקע געדאַרפט זיין, אַז יעדער זאָל טראָגן דאָס אחריות פאַר זיינע מע־שים. אויב עמעצער האָט פאַרלוירן א דאָסאַר פון א נשמה, זאָל מען נישט די נשמה, וואָס האָט קיין שום שולד נישט, באַשטראָפן — נאָר יענעם מלאך, וועל־כער האָט אַזוי אכטונג געגעבן אויף די דאָסאַרן פון די נשמות, גלייך ער וואָלט געהיט מאַקולאַטור, נישט ממש נשמות, וואָס זענען דאָס סאַמע טייערסטע „קאַ־פּיטאַל"... דאַכט זיך, אַז אַזוי האָט מען אונדז געלערנט: די נשמה איז דאָס טייערסטע קאַפּיטאַל...

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, חבר מאַנידעס — האָב איך געזאָגט אַ פאַרזאָרגטער — אייך איז לייכט זיך צו חקרענען און אפילו זיך צו וויצלען אויף מיין חשבון. אָבער מיר, וועלכער איז געבליבן, ווי מע זאָגט, אָראָפּ פונעם וואָגן, מיר גלוסט זיך בכלל נישט צו וויצלען... מיך מאַטערט איין געדאַנק: ווי אַזוי צו געפינען אַן אויסוועג. טאַקע דעריבער האָב איך געטראַכט, אַז איר וועט געפינען אַן עצה. איר האָט דאָך אַזוי פיל דערפאַרונג...

— אַן עצה איז גרינג צו געפינען. די פראַגע איז אָבער, צי וועט אייך

העלפֿן מיין עצה... איר קאָנט דאָס ווערטל „אָדער מע דאַרף נישט אָדער סע העלפֿט נישט?". איר מיינט אַז דער קטיגור וואַרט אויף מיין עצה? ער ווייסט בעסער פֿון מיר, וואָס ער האָט צו טון. די פֿראַגע איז נאָר, אויב ער האָט אינ-טערעס און וויל זוכן אַן אויסוועג. און אויב ער וויל נישט, איז אומזיסט סיי וואָס פֿאַר אַן עצה...

— אָבער פּרוּוון, פּרוּוון בין איך מחויב? — האָב איך געלאָזט הענ-גען מיין פֿראַגע, אין דער לופֿט, ווי אַן אויפֿגעהויבענעם בלוטיקן פֿאָן.

— יאָ, — איז מסכּים מיט מיר מאַנידעס — פּרוּוון דאַרף מען... וועלן מיר טראַכטן ווי אַזוי צו געפֿינען אַן אויסוועג... אָט למשל, איך האָב געהערט פֿון אַ פֿאַל, ווען מע האָט רעקאָנסטיטויִרט אַ דאַסאַר.

— וואָס הייסט רעקאָנסטיטויִרט? — פֿרעג איך אַ נייגעריקער.

— דאָס הייסט, אַז מע האָט ווידער אָנגעהויבן פֿון דאָס ניי צו מאַכן אַ נייעם דאַסאַר, גלייך סע וואָלט קיין מאָל נישט געווען עקזיסטירט קיין דאַסאַר פֿאַר יענער נשמה און מע האָט אָנגעהויבן פֿון דאָס ניי צו מאַכן אַלע פֿאָרמאַ-ליטעטן פֿון סאַמע אָנהויב...

— ווער מאַכט דאָס? — פֿרעג איך שוין, כּדי צו וויסן פּראַקטיש, וואָס איך האָב צו טון.

— פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס מאַכט דער אָפּטייל, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם... אָבער כּדי ער זאָל עס מאַכן, דאַרף ער קודם באַקומען אָנווייזונגען, ווי אין אַ ספּעציעלן פֿאַל, ווען עמעצער איז אינטערעסירט צו רעקאָנסטיטו-אירן אַזאַ מין דאַסאַר.

— צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן, אַז מע זאָל מיר אויך מאַכן אַ נייעם דאַסאַר? — האָב איך שוין געפֿרעגט מיט קינדישער נאַיִווקייט.

— זעט איר, חבֿר זעליקאָוויטש — הייבט שוין ווידער אָן מאַנידעס מיט זיין געווייינטלעכער דידאַקטישער מעטאָדע מיר צו דערקלערן — סע באַלאַנגט נישט אין דעם, צי איר וועט זיך יאָ אָדער נישט ווענדן צו עמעצן...

— איר מיינט — האָב איך זיך שוין אויפֿגערעגט — אַז איך דאַרף זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט און וואַרטן ביז משיח זאָל קומען?

— ניין, דאָס נישט. אָבער מע דאַרף טראַכטן וואָס צו טון, עפּעס דאַרף מען אונטערנעמען, אַז סע זאָל אַרויסקומען אַזוי ווי איר ווילט.

— אדרבה, זאָגט וואָס איך דאַרף טון — האָב איך ביי אים געצווונגען די רייד ווי מיט צוואַנגען.

— עס איז נישט אַזוי לייכט צו זאָגן, ווי אייך דאַכט זיך... אמת, מע קאָן טאַקע רעקאָנסטיטויִרן אייער דאַסאַר. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פֿאַל

דאַרף מען אייך רופן, כדי איר זאָלט ווידער אויסשטעלן אַ פאָרמולאַר פון אַ פערזענלעכער פישע; איר זאָלט אָנשרייבן פון דאָס ניי אַן אויטאָביאָגראַפיע; מע זאָל ווידער אָנהייבן זאַמלען רעפערענצן וועגן אייער טעטיקייט און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער... אָבער, זעט איר, ליבער חבר זעליקאָוויטש, אייך האָט מען נישט גערופן אַז איר זאָלט אויסשטעלן אַזאַ פישע, איז וואָס קאָנט איר טון?...

איך האָב אים נישט געענטפערט אויף זיין פראַגע. איך האָב אים בכיוון געלאָזט רעדן. אדרבה, איך האָב געמאַכט אַ צייכן אויך שטערנדיקן, אַז ער זאָל זיך נישט אַריינמישן אין זיינע רייד, כדי מאַנידעס זאָל פאַרענדיקן דאָס וואָס ער האָט אָנגעהויבן. ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אויב עס איז פאַראַן אַן אויס-וועג פון מיין מצב, איז עס מאַנידעס, וואָס איז ביכולת צו געפינען אַן עצה. האָב איך געשוויגן. אויך מאַנידעס האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער פאָרגעזעצט:

— איר קאָנט נישט גיין צום קטיגור און פאַרלאַנגען פון אים, אַז ער זאָל אייך געבן אַ פאָרמולאַר, אַז איר זאָלט אים אויסשטעלן... אויב איר וועט גיין, וועט ער אייך פשוט אָפּזאָגן. די איניציאַטיוו דאַרף דאָך קומען פון זיין זייט.

איך האָב שוין נישט געהאַט קיין געדולד, אַז איך זאָל וואַרטן ביז מאַ-נידעס וועט פאַרענדיקן זיינע רייד:

— און אַז ער נעמט נישט אָן קיין שום איניציאַטיוו?!

— זעט איר, חבר זעליקאָוויטש, קודם דאַרפט איר זיין געדולדיק — האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט פאַרטרוילעך — איר דאַרפט אייך נישט צעהיצן. מיטן צעהיצן וועט איר גאָרנישט אויפטון. אדרבה, איר וועט נאָך קאַליע מאַכן, אויך דאָס וואָס איז נאָך נישט קאַליע געמאַכט... מיר וועלן טראַכטן, ווי אַזוי צו פאַרגיין דעם וועג, אָדער אַקעגנצוגיין דעם וועג, אָדער דעם האַלבן וועג — צום קטיגור... מיין מיינונג איז, איר זאָלט אייך נעמען אָנשרייבן באַצייטנס די פישע, כדי איר זאָלט זי האָבן קודם-כל גרייט, דערנאָכדעם וועלן מיר נאָך זען.

— אויב איך האָב נישט קיין פישע, ווי אַזוי קאָן איך אָנהייבן אויס-פולן? פון וואו נעמט מען אַ פישע?

— וועגן דעם קאָן מען זיך אַן עצה געבן — זאָגט שוין מאַנידעס מיט אַן אָנהערנדיקן שמייכל — אויב איך וועל זוכן, וועל איך ביי מיר נאָך געפינען אַ קאָפּיע פון מיין פישע...

איך האָב אים אָנגעקוקט. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל זאָגן מיט א „קאַפּיע" פון זיין פישע:

— ווי אזוי? איר האָט ביי אייך א קאָפּיע פון אייער פישע?!

— וואָס וואונדערט איר אייך אזוי? ווי אזוי זשע האָט איר אייך געקאָנט פאָרשטעלן, אז איך האָב נישט אזא קאָפּיע?!... זייט מוחל, וואָס איך וועל אייך גאַנץ אָפן זאָגן, אז אָפט קומט איר מיר אוים אזוי נאַיוו, גלייך איר וואָלט געווען א קינד, וואָס הייבט איצט אָן צו גיין אין דער שול. הגם איר האָט הינטער אייך א פאַרגאַנגענהייט מיט א טעטיקייט, מע קאָן אפילו זאָגן מיט א רייכער טעטיקייט און דערפאַרונג.

— דערפאַרונג? — זאָג איך שוין זיך צו פאַרענטפערן — איך האָב טאַקע דערפאַרונג, אָבער נישט אין דעם ענין... בכלל האָב איך קיין מאָל נישט אַרוים־געוויזן קיין צו פיל „דערפאַרונג" ווען סע האָט זיך געהאַנדלט אין מיינע פּערזענלעכע ענינים...

— פּערזענלעכע ענינים... נישט בלויז איר — זאָגט מאַנידעס — אַלע. מיר אַלע זענען אזוי דערצויגן געוואָרן, אז מע זאָל זיך נישט אָפּגעבן מיט קיין פּערזענלעכע ענינים. מיר האָבן געדאַרפט זיך אָפּגעבן, מיטן גאַנצן לייב און לעבן, נאָר מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים. האָט מען דען געמענט עפּענען דאָס מויל, ווען סע האָט זיך געהאַנדלט אין פּערזענלעכע ענינים?! דאָס איז דאָך געווען א חטא... אָבער אז עס איז געקומען מע זאָל אונדז משפּטן, האָט מען פון אונדז געפאָדערט דווקא דאָס, וואָס איז געווען א חטא, אז מיר זאָלן טראָגן דאָס אחריות טאַקע פאַר די פּערזענלעכע ענינים אונדזערע, וועגן וועלכע מע האָט נישט געטאָרט עפּענען דאָס מויל...

איך האָב געוואָלט, אז מאַנידעס זאָל נישט אָנהייבן ווידער מיט זיינע ברייטע און טיפע טעאָרעטישע גריבלענישן, האָב איך געפּרוּווט אים צוריק ברענגען צו מיין ענין:

— וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן פריער מיט דער קאָפּיע פון דער פישע?...

— יאָ, מיט דער קאָפּיע פון דער פישע איז אויך אזוי — האָט זיך מאַנידעס צוריק אומגעקערט צו אונדזער שמועס — ערשט איצט וועט איר זען, צוליב וואָס איך האָב געדאַרפט אויפהיטן ביי מיר א קאָפּיע פון מיין פּערזענלעכער פישע... פאַרגעסט נישט, אז א נשמה איז נישט מער ווי... איך האָב געוואָלט זאָגן א זינדיקער בשר־ודם, אָבער דעם אמת געזאָגט, זענען מיר אפילו שוין קיין בשר־ודם אויך נישט, נאָר סתם זינדיקע נשמות...

— נו, איך זע — זאָגט בערל שטערן — אז איר האָט אייך אריינגע־לאָזט אין א טיפן שמועס, וואָס הגם ער איז פאר מיר גענוג אינטערעסאנט, און אפילו באלערנדיק, אָבער איר פארגעסט, אז באלד הייבט אָן טאָגן און מיר, נשמות צי מתים, ווי אזוי איר ווילט זאָגן, מוזן זיך אויסבאהאלטן אין אונדזערע קברים... אויב איר ווילט קאָנען מיר זיך אויף דער נאכט ווידער באגעגענען. אויב איר האָט נישט דערקעגן, וואָלט איך אויך געוואָלט זיין ביי אייער פאָרזעצן דעם שמועס.

5

מע דאַרף האָבן אַ גוטן זכרון

ווען מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט, דאָס מאָל שוין נישט צופאַליק, נאָר אַזוי ווי מיר האָבן זיך איינפאַרשטאַנען אין דער פרי, אַז מיר זאָלן אין אָוונט, ווען מיר מעגן שוין אַרויס פון אונדזערע קברים, האָבן מיר פאָרגעזעצט אונדזער שמועס. עס איז דאָך געבליבן אַז מאַנידעס וועט מיר געבן די קאָפּיע פון זיין פערזענלעכער פּישע, כּדי איך זאָל קענען אָנשרייבן אַן אייגענע פּישע, כּדי צו רעקאָנסטיטואירן מיין דאָסאַר.

איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און נישט אַרויסזאָגן מיינע דאַנקבאַרע געפילן צו מאַנידעסן:

— איך ווייס באמת נישט, ווי אַזוי איך וואָלט מיר אַן עצה געגעבן אָן אייך...

— איר איילט אייך מיר צו דאַנקען — זאָגט מאַנידעס איראָניש — איר גיט אייך נישט אָפּ קיין חשבון וואָס פאַר אַ סכנה עס איז פאַר אייך אָנצוהייבן שרייבן פון דאָס ניי אַ פּישע.

— איך ווייס באמת נישט. פאַר וואָס זאָל עס זיין אַ סכנה פאַר מיר? — וואונדערט עס מיך — אדרבה, איך זע אַזוי דעם איינציקן וועג, אַז איך זאָל אַרויס פון דעם דאָזיקן פאַר מיר פּייניקלעכן מצב.

— אָט דאָס איז טאַקע דער אומגליק מיט אייך, חבר זעליקאָוויטש — זעצט פאָר מאַנידעס — וואָס איר גיט אייך נישט אָפּ קיין חשבון פון דער סכנה, וואָס סע קאָן אַרויסקומען פאַר אייך... אַנו, טוט אַ טראַכט, וואָס סע קאָן אַרויס־קומען פון אייער „רעקאָנסטיטואירטער פּישע“, וועט איר באַלד פאַרשטיין פאַר וואָס איך, וואָס איר האַלט מיך פאַר אַזאַ „חכם“ און רייך אין דערפאַרונגען, האָב ביי מיר באַהאַלטן אַ קאָפּיע פון מיין פּישע... אַנו, זאָגט מיר, איר געדענקט פּינקטלעך מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס איר האָט געשריבן אין אייער ערשטער פּישע און אייער ערשטער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איר האָט אָנגעשריבן ווען איר זענט אַריין אין דער חברה?

— וואָס הייסט „אַלע איינצלהייטן"?! פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער צייט
— זאָג איך שוין אַ ביסל ווינציקער זיכער ביי מיר — ווערן אייניקע איינצל־הייטן פאַרטושט, פאַרגעסן, אָדער פּשוט זיי פאַרלירן פון זייער וויכטיקייט, אַזוי אַז היינט קאָן איך איבער זיי אַריבער אָן שום שלעכטע כוונות און זיי אַפילו נישט דערמאָנען... ווידער קאָן זיין, אַז טייל איינצלהייטן וואָס דעמאָלט האָב איך זיי נישט געהאַלטן פאַר וויכטיקע, און האָב זיי נישט באַשריבן מיט אַלע פּרטים און היינט, נאָך דעם ווי סע זענען אַריבער אַזוי פיל יאָרן, האָבן זיי באַקומען אַ חשיבות אויך צוליב אַנדערע סיבות, וואָס זענען פאַרבינדן מיט דעם, און אַזוי אַרום האָבן יענע איינצלהייטן, וואָס דעמאָלט זענען זיי געווען אָן גרויסער חשיבות האָבן איצט באַקומען אַ חשיבות, וואָס צווינגען מיך היינט זיי צו שילדערן מיט מער פּרטים...

מאַנידעס האָט מיך מכלומרשט אויסגעהערט און געשמייכלט איראָניש, ווי זיין געוווינהייט איז געווען, ער האָט מיך נישט איבערגעריסן אין מיין נאַיוון דערציילן אָדער דערקלערן אָדער פאַרענטפערן, פאַר וואָס מע קאָן נישט אַלע היינט באַשרייבן, פּונקט אַזוי ווי ווען מע האָט געשריבן דאָס ערשטע מאָל די פאַרזונקלעכע פּישע. אָבער ביז צום סוף האָט ער דאָך נישט אויסגעהאַלטן:

— אַנו, טוט נאָר אַ טראַכט — האָט מיך מאַנידעס אָפּגעשטעלט פון מיין מאָנאָלאָג — וואָס סע קאָן פּאַסירן מיט אַ נשמה, אין דעם פאַל מיט אייך, אַז נאָך דעם ווי איר האָט אויסגעשטעלט פון דאָס ניי, אַ נייע פּישע, איר האָט זי איבערגעגעבן דעם קטיגור, וועלכער וואַרט נאָר אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל האָבן אַ געלעגנהייט אויסצוניצן זיין פעיקייט צו טרייבערן די גאַל פון אַ נשמה סיי זי איז יאָ גאָט די נשמה שולדיק, סיי זי איז לגמרי אומשולדיק. ביי אים איז די הויפּטזאַך אַז ער קאָן אייך כאַפּן אין זיין נעץ, אָדער גאָר אין אייער נעץ, וואָס איר האָט זיך אין איר אַליין אַריינגעלייגט, ווי איצט אין אייער פאַל...

— פון וואָס פאַר אַ פּאַסטקע רעדט איר? — האָב איך אים איבערגעהאַקט די רייד — וואָס פאַר אַ שייכות האָט מיין פּישע מיט אַ פּאַסטקע?!

— אַז איר לאָזט מיך נישט אויסרעדן — בייזערט זיך אַ ביסל מאַנידעס — אַז איר לאָזט מיך נישט אויסרעדן קאָן איך אייך נישט אויפקלערן, אַז איר זאָלט אייך אָפּגעבן חשבון אין וועלכן מצב איר געפינט זיך, און סע וואָלט כלעבן גוט געווען, אַז איר זאָלט וויסן ווי איר האַלט, כדי איר זאָלט וויסן ווי וויכטיק עס איז דער אופן אין וועלכן איר וועט אויספּולן די פּישע... אָט למשל, וועל איך אייך שטעלן בלויז איין פראַגע: שטעלט אייך פאָר איין מינוט, אַז איר האָט אָנגעשריבן אַ נייע פּישע, אַ נייע אויטאָביאָגראַפיע, מער ווייניקער פּינקטלעך, ווי אַזוי איר געדענקט נאָך מיט אייער היינטיקן זכרון, איר גיט

עס איבער דעם קטיגור אין די הענט. ער לייגט זי אריין אין זיין סייף ווי אן אומ-שולדיק ביינעלע פאפיר, וואס איר האט אזוי שווער רעקאנסטיטואירט. ער לאזט עס דארט שטיין א צייט, ווייל ער האט דאך קיין שום סיבה נישט זיך צו איילן מיט אייך... איר פארשטייט, וואס איך וויל זאגן, אז איר איילט זיך — נישט ער. אין צווישן געשעט אבער איין קלייניקייט: ווי על פי נס יאוועט זיך ארויס אייער פארלוירענער דאסאר...

דערהערנדיק דאס, שפרינג איך אויף פאר פרייד:

— איז דאך נאך בעסער — זאג איך — דארף מען דאך שוין גאר נישט רעקאנסטיטואירן, דארף מען דאך שוין נישט מיינע נייע רעקאנסטיטואירטע דאקומענטן, און מע קאן מיך שוין משפטן, מיט ליטן גלייך...

— סע דאכט זיך נאר אויס אזוי — זאגט מאגידעם גאר ערנסט. גלייך זיין איראניע וואלט פארגליווערט געווארן, ערגעץ אין זיין מוח. ארויסווייזן ווייזט ער שוין נישט ארויס זיין געווינטלעך שמייכעלע — לויט אייך וואלט געווען א מזל אז סע זאל זיך אויסגעפינען אייער דאסאר... לויט מיין מיי-נונג וואלט עס געווען דער גרעסטער אומגליק פאר אייך, אז מע זאל חלילה גע-פינען אייער דאסאר... אויב מע האט אים פארלוירן — זאל ער בלייבן פארלוירן לעולם ועד.

— איך פארשטיי נישט — זאג איך מאגידעמן — פאר וואס האט איר אזוי מורא פאר מיין דאסאר, וואס איר ווילט אים שוין מער נישט זען. מיינט איר אז איך בין זינדיקער פון אן אנדערער נשמה?

— איך האב נישט מורא פאר אייער דאסאר. איך האב בלויז מורא פאר דער „רעקאנסטיטואירונג", וואס ווען מע וועט לייגנעןביידע דאקומענטן, וועט איר האבן גאר קליינע פרייד. די אלטע דאקומענטן אייערע זעען אויף קיין פאל נישט אזוי אויס, ווי איר וועט זיי היינט באשרייבן... איר אליין זאגט דאך, אז ווי אזוי איר זאלט אייך נישט אנשטרענגען צו זאגן דעם „אמת", וועט דאך אויסקומען דער „אמת" א ביסעלע אנדערש ווי דעמאלט, וועלכער איז געווען אויך אמת, נאר פאר זיין צייט. עס איז דאך צייט, אז איר זאלט שוין וויסן דאס, אז יעדע „צייט" האט איר אמת... שטעלט אייך פאר, אז דער קטיגור ווארט נאר אויף דעם, אז איר זאלט אנשרייבן א נייע פישע, א נייע אויטאביאגרא-פיע. דערנאך זאל ער נעמען ביידע „דאקומענטן", כדי זיי צו קאנפראנטירן. דאס וועט ער טון מיט צוויי שרייבפעגדלעך אין דער האנט. איינס א רויטס און איינס א בלויס. מיטן רויטן שרייבפענדל וועט ער אונטערשטרייכן די מצוות און מיטן בלויעם שרייבפענדל וועט ער אונטערשטרייכן די עבירות. דאס ווייסט איר דאך שוין, פון אייער אייגענער דערפארונג. איר האט אבער, ווייזט אויס

נישט געוואוסט, אז ווען דער קטיגור וועט פאר זיך דערזען אייערעביידע דאָקו־מענטן, די אַלטע מיט די נייע, וועלן אים שוין נישט אינטערעסירן אזוי פיל די עבירות און נאָך פיל ווינציקער די מצוות אייערע, וואָס זענען בכלל נישט וויכטיק פאר אים. איצט וועט פאר אים וויכטיק זיין, אז ער זאָל אייך כאַפּן ביי דער האנט, אז איר האָט אמאָל געשריבן אז אייער באבע איז אַלט געווען דער־מאָלט אכציק יאָר און איצט וועט איר גאָר שרייבן, אז זי איז אַלט געווען בלויז ניין און זיבעציק יאָר... איר ווייסט וואָס דאָס באטייט? ווי אזוי מע קאָן דאָס אויסטייטשן? ווייל אייגנטלעך איז דאָך די הויפּטזאך, ווי אזוי מע קאָן דאָס אויסטייטשן. און אויסטייטשן קאָן מען דאָס אָן שום שוועריקייטן, אז איר האָט געוואָלט אָפּנארן די באוועגונג, אז איר זענט נישט געווען אויפריכטיק ווען איר האָט אָנגעשריבן אייערע פּערזענלעכע דאטן, אז איר האָט פּשוט דערציילט שקרים פאר דער באוועגונג, כדי איר זאָלט אויסבאהאלטן אייער פארגאנגענ־הייט...

— וואָס פאר אן אינטערעס האָב איך דען געהאט אָדער געקאָנט האָבן — האָב איך געפּרואווט זיך צו ווערן קעגן זיינע באשולדיקונגען, וואָס האָבן איז מיינע אויגן אויסגעזען צו זיין נישט נאָר נישט ערנסטע, נאָר ממש לעכערלי־כע — אז מיין באבע זאָל זיין יינגער צי עלטער מיט א יאָר?!... אויך א בליג־דער קאָן דאָך זען, אז דאָס איז פּשוט א טעות פונעם זכרון, אָן שום אינטערעס צו פארפירן עמעצנס גוטן ווילן, מיט נישט ריכטיקע דאטן...

— אזוי ווילט איר מיינען — זאָגט מאָנידעס, גלייך ער וואָלט מיך איצט געמשפּט — דער קטיגור האָט אָבער דאָס רעכט צו האָבן זיינע אייגענע מיינונ־גען, לויט וועלכע סיי וואָס אן אומפּינקטלעכקייט איז נישט צופאַליק...

מער האָב איך נישט געקאָנט אויסהערן רואיק. איך ווייס שוין. מיט אָט דעם זאָג פון נישט „צופאַליק" האָט מען געקאָנט איינעם באשולדיקן אין די גרעסטע חטאים, וואָס ער האָט קיין מאָל זיי נישט באגאנגען.

— וואָס קאָן מען אריינטייטשן — האָב איך שוין אָנגעהויבן שרייען — מיט דער גרעסטער בייזוויליקייט אפילו, אויב מיין באבע איז יינגער צי על־טער מיט א יאָר?!

— איך בעט אייך, חבר זעליקאָוויטש — זאָגט שוין מאָנידעס דאָס מאָל מיט ווייניקער רואיקייט — איר זאָלט זיין ווייניקער זיכער ביי זיך, אז מע קאָן נישט אריינטייטשן אפילו מיט בייזוויליקט... וואָס פאר א ביזוויליקייט דארף מען האָבן דערצו, אז מע זאָל אייך סטעמפּלען פאר א ליגנער, אז איר האָט אָפּ־גענארט די באוועגונג, ווען איר האָט נישט געזאָגט דעם אמת, ווען איר האָט געשריבן וויפל יאָר עס איז אַלט אייער באבע?...

— אָבער וועמען אינטערעסירט עס אזוי, מיט אזא פּינקטלעכקייט, ווי אַלט מיין באבע איז?! — האָב איך זיך צעשריגן, גלייך מע טוט מיר אן עוולה מיט אזעלכע פראגן.

— וועמען, פרעגט איר? — די באוועגונג אינטערעסירט אַלץ. אַלץ, אפילו ווי אַלט אייער באבע איז.

— איך פארשטיי נישט דעם זינען? — זאָג איך — וואָס קאָן ניצן דער וועלט-רעוואָלוציע, ווען מיין באבע איז יינגער צי עלטער מיט א יאָר?

— די וועלט-רעוואָלוציע וועט טאקע דערפון נישט ליידן — קלערט מיר אויף מאָנידעס, דאָס מאָל שוין געדולדיקער — אָבער ווייסט איר אז די וועלט-רעוואָלוציע, ווי איר דריקט זיך אויס, קאָן נישט זיין גלייכגילטיק, ווען איר אוו נאָך אזעלכע ווי איר זענט נישט אויפריכטיק און זאָגט נישט דעם גאנצן אמת, ווען איר שרייבט וועגן אייער פארגאנגענהייט... פארשוויגן די פארגאנגענהייט, סיי וואָס פאר אן איינצלהייט דאָס זאָל נישט זיין, איז פון גאָר גרויסער וויכטיקייט, וואָס קאָן אמאָל אויסגעניצט ווערן פונעם קלאסן-שונא, אז ער זאָל מיט דעם שאנטאזשירן אין זיינע אינטערעסן... אויב אזוי, איז דאָך נישט וויכטיק ווען דאָס האנדלט זיך אין דער עלטער פון אייער באבע, צי ווער ווייסט אין וואָס אן איינצלהייט פון אייער לעבן, וואָס איר האָט אויסבאהאלטן אין אייער אויטאָביאָגראפיע?!

איך האָב אויסגעהערט מאָנידעסן, און איך האָב געטראכט: עס איז אפשר אן אומזין, דאָס וואָס ער זאָגט, אָבער א פאקט בלייבט אָבער, אז ער איז גערעכט מיט אַלעמען וואָס ער זאָגט.

טאקע מיט דעם האָט מאָנידעס געוואונען מיין צוטרוי. איך האָב געגלייבט אין זיינע ארויסזאָגונגען, אויך דעמאָלט ווען איך האָב נישט פארשטאנען מיט מיין אייגענעם שכל, אז ער איז גערעכט. ער איז געווען אין שטאנד צו איבערצייגן זיין מיטשמועסער אז שווארץ איז וויים און אז ווייס איז גאָר שווארץ. ער האָט געהאט נישט נאָר א כוח-ההסבר, נאָר ער האָט תמיד געפונען באווייזן, ציטאטן, פון דער גמרא אפילו, וואָס ער האָט אויסגעטייטשט לויט דעם היסטאָרישן מאטעריאַליזם און דער היסטאָרישער דיאַלעקטיק, אז דאָס וואָס ער זאָגט איז נישט נאָר גערעכט, נאָר ממש הייליק. דאָס מאָל האָט אים אויך געלונגען מיר דאָס צו באווייזן, אז אויב איך וועל אָנשרייבן א נישט-פּינקטלעכקייט, קאָן מיר ארויסקומען מער שאָדן, ווי דאָס גאנצע נישט משפטן מיך.

איך האָב טאקע אָנגעהויבן טראכטן, אז אפשר וואָלט שוין בעסער געווען אז איך זאָל מיר נישט זוכן די סכנה מיט די אייגענע הענט. אפשר זאָל

איך שווייגן און ליידן, נישט אויפגראָבן דאָס, וואָס סע וואָלט אפשר בעסער געווען אז סע זאָל בלייבן פארגראָבן?!

— נו, מע דאַרף עס נישט נעמען אזוי טראַגיש, נאָך איידער עס איז עפּעס געשען — זאָגט מאָגידעס שוין מיך צו טרייסטן, גלייך ער וואָלט געלייענט מיינע געדאַנקען — איך האָב נאָר געוואָלט אייך אויפקלערן, פאַר וואָס איך האָב ביי מיר באהאַלטן א קאַפּיע פון מיין פערזענלעכער פּישע. איר ווייסט דאָך שוין, אז ביז איך בין אָנגעקומען אהער האָב איך דורכגעמאַכט א שטיקל וועג, איך האָב דורכגעוואַנדערט א וועלט. דאָס איז דאָך אייגנטלעך נישט נאָר מיט מיר פּערזענלעך געשען. יעדער ייד איז דאָך געווען כמעט אין זעלביקן מצב. וויפל יידן האָט מען געקאָנט געפינען, אז זיי זאָלן שטאַרבן אין זעלביקן אָרטשאַפט וואו זיי זענען געבוירן געוואָרן? יידן האָבן תמיד געוואַנדערט, סיי זיי האָבן יאָ געוואָלט, סיי זיי האָבן עס נישט געוואָלט, האָט מען זיי געטריבן אז זיי זאָלן זיך רירן פונעם אָרט און נישט פארשימלט ווערן... קאָן עמעצער גע-דענקען געגנוי דעם חודש און דעם טאָג, ווען ער איז פון דאָ ארוים און איז דאָרט אריין?!... מע קאָן דאָס נישט געדענקען, אפילו ווען מע וויל. לויט דעם, וואָלט מען געדאַרפט זיך רעכענען מיט דאטן, וואָס מע האָט אָנגעשריבן אמאָל, ווען די געשעענישן זענען נאָך געווען פרישער אין זכרון און מע האָט נאָך געדענקט אַלע פּרטים. ווייזט זיך אָבער ארוים, אז פיל פּרטים זענען ארויסגעבליבן מיט דער צייט, ווייל דער מענטשלעכער זכרון האָט אן אייגנשאַפט, וואָס ער באהאַלט בלויז דאָס וואָס סע ניצט פאַרן מענטש. דאָס איז איין מעלה פון כמעט זעלבסטאָנ-סערוויר-אינסטינקט, אז דער מענטש זאָל אויך פארגעסן פיל זאכן פון זיין פארגאַנגענהייט. וואָלט חלילה דער מענטש געהאַט די מעלה אַלץ צו געדענקען, וואָלט ער נישט געקאָנט איבערלעבן...

— איר זענט דאָך זיך אליין סותר — האַק איך איבער מאָגידעסן די רייד, הגם עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל ווען איך הער פון אים אזעלכע סתירהדיקע מיינונגען — איר זאָגט איצט אז עס איז א מעלה און נאָך דערצו א וויכטיקע מעלה צו פארגעסן, אנדערש קאָן דער מענטש נישט איבערלעבן, און פריער האָט איר מיר באוויזן וואָס פאַר א סכנה עס איז פאַר מיר, אויב איך האָב פאַר-געסן עפּעס איינצלהייטן פון מיין ביאָגראַפיע...

— איר האָט מיך נישט פארשטאַנען, חבר זעליקאָוויטש — די מעלה צו פארגעסן איז גוט פאַר אייך, פאַר אייער נשמה, אז איר זאָלט נישט צווא-מענברעכן אונטער דער לאַסט פון די זכרונות, צי פון די צרות, וואָס איר האָט אמאָל איבערגעלעבט. איר מוזט פארגעסן די אַלטע צרות. תמיד מוז מען עפּעס פארגעסן, כדי איר זאָלט מאַכן פּלאַץ פאַר די נייע צרות... דער מענטש איז

דאָך סוף-כל-סוף נישט פון אייזן, אז ער זאָל אויסדויערן צו פיל. פאַרגעסנדיק די אַלטע צרות, די אַמאָליקע איבערלעבענישן, קאָן ער זיך מאַכן פּלאַץ אַי-בערצוטראָגן די נייע צרות. דאָס איז טאַקע זייער גערעכט. אָבער וואָס אָנבאַ-לאַנגט ווען סע האַנדלט זיך אין זיין „אויפריכטיקייט“ מיט דער באַוועגונג, אַט דעמאָלט איז שוין דאָס נישט גילטיק. דעמאָלט מוזט איר זיך דערמאָנען סיי וועלכע איינצלהייט, אפילו ווען זי זעט אייך אויס צו זיין נישט מער ווי אַ נאַרישקייט... דאָס מאָל דאַרף מען האָבן אַ זייער גוטן זכרון.

— איך וועל זיך באַמיען — זאָג איך מאָנידעסן — אויף וויפל סע וועט מיר מעגלעך זיין, וועל איך זיך אָנשטרענגען צו שרייבן אַלעס אַזוי ווי עס איז געשען. דאָס הייסט אַזוי, ווי איך דערמאַן זיך... ווען הייבן מיר אָן?

— פאַרשטייט זיך, אַז היינט איז שוין צו שפּעט. באַלד הייבט אָן באַ-גינען און מיר מוזן צוריק גיין אין אונדזערע... אויף דער נאַכט וועלן מיר אָנ-הייבן, אויב איר זענט גרייט. איך ברענג אייך מיין פּישע.

— אויב איך בין גרייט? — זאָג איך — איך מוז גרייט זיין. איר ווייסט דאָך אַז איך פאָלג תמיד אייער עצה, ווייל איר זענט גערעכט.

מיט דעם זענען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען, אָבער דעם אמת געזאָגט, בין איך געווען זייער אויפגערעגט פון דעם גאַנצן שמועס. אמת, מאָנידעס איז ווי תמיד געווען גערעכט, אָבער עס איז מיר שווער געווען אָראָפּצושלינגען זיינע סתירהדיקע אַרגומענטן. סע האָט זיך געמאַכט דער איינדרוק, אַז ער זוכט ווי מיט ליכט מיך סותר צו זיין. האָב איך אָנגענומען זיין איין מיינונג, איז ער באַלד אַרויסגעקומען מיט אַנדערע אַרגומענטן און האָט זיי אַליין אָפּגעלייקנט, און איז אַרויסגעקומען מיט נייע אַרגומענטן, וואָס האָבן ווידער אַרויסגעזאָגט נייע אמתן. טאַקע אין דעם איז באַשטאַנען זיין מאָדנעקייט, וואָס אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, אַלע זיינע מיינונגען אָדער טעאָריעס זענען געווען גערעכטע, אָדער זיי האָבן אויסגעזען ווי גערעכטע. דאָס מאָל איז דאָך אויך געווען אַזוי.

איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי אים צו פאָלגן.

6

„פאטריאָטיזם"

איך בין נייגעריק געוואָרן צו זען ווי אזוי מע משפּט? מעגלעך. און אפשר איז עס נישט געווען בלויז הוילע נייגעריקייט, סתם, נאָר אויך מער צוליב צו געווינען דערפאַרונג, שוין אין די נייע אומשטאַנדן, כדי איך זאָל וויסן ווי אזוי איך דאַרף זיך אויפפירן אין יענעם מאָמענט, ווען איך וועל שוין זוכה זיין אז איך זאָל שוין אויך שטיין פאַר א בית-דין.

בין איך אריין, אָבער איך האָב שוין נישט געפינען קיין אָרט וואו איך זאָל מיך אראָפּזעצן. אַלע ערטער אויף די בענק זענען שוין געווען פאַרנומען. בין איך געשטאַנען פּונקט ווי אַנדערע און זיך צוגעהערט. דאַכט זיך אז סע האָט גערעדט דער סניגור, דער פאַרטיידיקער-מלאך... אָבער, ניין, עס איז נישט ער. מע רעדט דאָך אין דער ערשטער פּערזאָן, איז דאָך א סימן אז סע רעדט די אָנגעקלאָגטע נשמה גופא. זי רעדט מיט אזא אייפער, אז סע רינט פון איר די שוויים. זי האַלט אין איין ווישן זיך מיט א טיכל, ווי א פּאַרצייטישע שדכנים-פּאַשטיילע:

„...מיינע זיידעס, מיינע עלטער-זיידעס, מיינע באָבעס און עלטער-באָבעס זענען געבוירן אין די מאַראַמאַרעשער געגנטן און האָבן דאָרטן, אין יענער שיינער באַרגיקער קאַרפּאַטישער באַוואַלדעוועטער ערד געפונען אויך זייער מקום מנוחה, ביז תחיית-המתים, ווען משיח וועט קומען.

מיינע עלטערן זענען אויך דאָרטן געבוירן געוואָרן, אין יענע שיינע געגנטן, האָבן דאָרטן געלעבט, געפּאַשעט שאָף און געמאַכט כשרן קעז, פעטע ברינדזע פאַר א באַלמוש צי א מאַמעליגע; האָבן געבאַקן שמורה-מצות פונעם אייגענעם ווייץ, כשר למהדרין מן המהדרין, ווייל זיי האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געשניטן די זאַנגען אין זוניקע טעג; צו מאָל האָבן זיי אויך געהאַנדלט מיט זאַלץ צי מיט געהילץ; צו מאָל האָבן זיי געאַרבעט ביים האַקן דאָס

וואַלד, צי זיי האָבן געהאַט פערד און וואָגן און געפירט די דעמבעס פונעם וואַלד ביז צום באַנוועג... יאָ, אויך מיינע עלטערן זענען געבוירן אין יענע געגנטן. אָבער, ווי, זייער אייניקע רו האָבן זיי שוין נישט זוכה געווען דאָרט צו האָבן.

...ניין, מיינע עלטערן זענען קיין „וואַנדער-פייגל" נישט געווען. זיי זע־נען נישט געווען קיין סתם נע-ונדניקעס. אויב זיי האָבן שוין יאָ געוואַנדערט אַמאָל, האָט מען זיי דערצו געצוואונגען. ווי אַזוי? אויף פאַרשידענע אופנים, לויט דער תקופה. צו מאָל האָט מען זיי פאַרבאָטן צו טראָגן באָרד און פּיאות, כדי זיי זאָלן זיך נישט אויסשיידן פון דער איבעריקער באַפעלקערונג; אין אַנ־דערט מאָל האָט מען זיי געצוואונגען טראָגן אַ שטריימל צי אַ געלע לאַטע, דווקא צוליב דעם אַז מע זאָל זיי דערקענען פון דער ווייטנס, זיי זאָלן זיך נישט קאָ־נען אויסבאַהאַלטן און יעדער זאָל וויסן אַז זיי זענען נישט מער ווי „יידן"... צו מאָל האָט מען זיי פאַרבאָטן צו קויפן ערד, זי צו באַאַרבעטן; צו קויפן אַ הויז, צי זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע מלאכות ווי נאָר מיט מיסחר. און צו מאָל האָט מען זיי גערודפט דווקא צוליב דעם, וואָס זיי זענען סוחרים; צו מאָל האָט מען זיי גערודפט ווייל זיי זענען רייכע און צו מאָל האָט מען זיי גערודפט אַז זיי זענען אָרעמע שלעפּערס; צו מאָל האָט מען זיי פאָרגעוואָרפן אַז זיי זענען „פּלו־טאָקראַטן" פאַרגלייכנדיק זיי מיט אַ פאַרצייטיקן „ראָטשילד" און אין איין אין דער זעלביקער צייט האָט מען גענומען פאַר אַ מוסטער „קאַרל מאַרקס" און מע האָט זיי פאָרגעוואָרפן, אַז זיי זענען „אויפשטענדלער" קעגן די עשירים... וואָס מע האָט אַלץ נישט געטון מיט זיי, נאָר כדי זיי צו טרעטן אויף די נערוון, אַז זיי זאָלן מוזן נעמען דעם וואַנדערשטעקן. צו מאָל האָט מען זיי פאַרבאָטן אַז זיי זאָלן נישט טאָרן זיך באַוועגן און חלילה אַרויסגיין פונעם תחום-המושב צי פונעם געטאָ און צו מאָל האָט מען זיי אונטערגעצונדן מיט אַ „בינטל שטרוי" און אַרונטערגעלייגט אונטער זייער „בענקל", אַז זיי זאָלן נישט קאָנען איינ־זיצן אויף זייער אָרט ...

...ניין, מיינע עלטערן האָבן קיין מאָל נישט פאַרלאָזט פון זייער גוטן ווילן זייער אָרט און זייער היים. אויך דעמאָלט נישט ווען מע האָט זיי געדראָט מיט פּאָגראָמען. בעת מע האָט זיי בלויז געדראָט אַז מע וועט זיי אויסקוילען, דע־מאָלט האָבן זיי זיך נאָך אויסגערעדט, אַז דאָס זענען פּוסטע רייד פון שיכו־רים, פון נידעריקע לייט, וואָס קיינער דאַרף זיי נישט נעמען ערנסט... והאָ ראיה, אַז אפילו נאָכן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט האָבן יידן נאָך נישט פאַר־לאָזט נאַצי-דייטשלאַנד...

...מיינע עלטערן זענען קיין „טוריסטן“ נישט געווען. אויב זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ געגנט, האָבן זיי זיך דאָרט איינגעפונדעוועט. האָבן דאָרטן געבויט בתי-מדרשים און אויך בית-עלמינס. אָבער אַז מע האָט זיי געפירט אין גלות, מיט געוואַלד, אַז מע האָט זיי דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ, וואָס איז זיי געבליבן צו טון?!

...ניין, זיי האָבן קיין מאָל נישט פאַרלאָזט זייער היים און אפילו נישט געחלומט צו פאַרלאָזן זייער היימלאַנד — ווען סע וואָלט געווען נישט געקומען אַ נבוכדנצר, אַ טיטוס... נאָר די פאַשיסטישע רוצחים האָבן זיי אויסגעוואָרצלט און פאַרטריבן, ווי מע פאַרטרייבט אַ בעל-בית פון זיין אייגן הויז, ווי ווען מע טרייבט אַרויס אַ פויגל פון זיין וואַרעמער נעסט; ווי ווען מע פאַרטרייבט אַן איינגעזעסענעם בער פון זיין נאָרע, ווי ווען מע פאַרטרייבט אַ שכן, וועמען מען איז שולדיק געבליבן אַן אויסגעבאָרגט פלעשל בוימל, אַ מאָס מעל צי אַ פּערטעלע ברויט, וואָס מע האָט געבאָרגט אין אַ נויט — און אַנשטאָט אים עס ערלעך צו באַצאָלן, האָט מען אים פאַרטריבן. כדי ער זאָל נישט זיין אונטער די אויגן און עס אפשר מאָנען בלויז מיט זיין בליק...

ניין, מיינע אבות האָבן זייער היימלאַנד קיין מאָל נישט פאַרלאָזט און וואָלטן עס געווען נישט פאַרלאָזט פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט. מע האָט זיי פאַרטריבן אין גלות און מע האָט זיי נישט געלאָזט זיך צוריקקערן צוריק אין זייער אייביקער היים. מע האָט זיי נישט געלאָזט...

אָבער זיי האָבן צו דעם תמיד געשטרעבט.

...מיינע עלטערן, געבוירענע אויף דער היימישער גאַסטפריינדלעכער מאַראַמאָרעשער ערד האָט מען פאַרטריבן; פאַרשלעפּט און אין געטאָס פאַרשפאַרט, קיין אוישוויץ דעפּאָרטירט, אין גאַז-קאַמערן צוזאַמענגעשטופּט, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, פונעם זעלביקן שטאַם, וואָס תמיד האָט מען זיי מיט געוואַלד פאַרטריבן און תמיד האָט מען זיי מיט געוואַלד פאַרשלעפּט — אָבער זיי גופא, פון זייער אייגענעם ווילן, האָבן זיי קיין מאָל אפילו נישט געחלומט צו פאַרלאָזן זייער היימלאַנד. סיידן אין משיחס צייטן, אָדער דאָס גלייכן...

...בין איך געגאַנגען צו מאָל אין די מאַראַמאָרעשער ישובים, געזוכט דאָרט אויף אַ יידישן בית-עלמין און געפונען דאָרטן די קברים פון מיינע זיי-

דעם און באבעס. איך האָב אָנגעצונדן א ליכטל ביי א קוים לייענעוודיקער מצבה — האָב איך דאָרט אָנגעצונדן נאָך איין ליכטל און געטראכט אויך צו מיינע עלטערן, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו קיין מצבה, און אויך אפילו נישט צו קיין קבר — נישט ווייל זיי האָבן פארלאָזט זייער היים, נאָר ווייל מע האָט זיי פארטריבן...

...ניין, מיינע עלטערן האָבן זייער היימלאנד נישט פארלאָזט. קיין מאָל האָבן מיינע עלטערן צי אורעלטערן זייער היימלאנד נישט פארלאָזט. אדרבה' זיי האָבן ארויסגעוויזן א טיף געפיל פאר פאטריאָטיזם און זיך נישט זעלטן געלאָזט מקריב זיין אויפן מזבח פון זייער פאָטערלאנד, נישט ווינציקער פון סיי וועלכן מיטבירגער זייערן...

יאָ, מיינע עלטערן זענען געווען הייסע פאטריאָטן, האָבן זייער היימלאנד נישט פארגעסן און דאָס זיך גופא דערמאנט אפילו אין זייערע תפילות...

...מיינע עלטערן זענען אויך געווען דאָרטיקע, געבוירן געוואָרן אין יענע שיינע געגנטן, האָבן דאָרטן געלעבט, דאָרטן געמאכט חתונות, בריתן, און צו מאָל אויך לוויות — אָבער זיי גופא האָבן ליידער נישט זוכה געווען צו געפינען דאָרט זייער אייביקע רו... ווי אזוי זשע קאָן איך מיר געפינען מיין רו?!"...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אין זאַל איז געווען שטיל, אז מע האָט געקאָנט הערן דאָס זשומזשען פון א פליג. בעת דער אָנגעקלאָגטער האָט גערעדט, האָט געפרואווט זיך פאר-טיידיקן, האָבן אלע געגאפט מיט אָפענע מיילער. און ווען ער האָט זיך אָפגע-שטעלט און אויפגעהאָנגען זיין פראגע, ווי מע הענגט אויף א ווייסן פאָן ווען מע וויל זיך אונטערגעבן — איז אין זאַל געוואָרן א רעש... איך בין ארויס פון-געם משפט. איך האָב געוואָלט ארויס אויף דער פרייער לופט, ווייל סע האָט מיך געשטיקט אין האלדז.

7

נישט מיר האָבן זיך געענדערט

נישט איך בין געווען עמאַציאַנירט, נאָר מאַנידעס.

ווען ער האָט מיר געגעבן זיין „פּערזענלעכע פּישע", אַז איך זאָל האָבן נאָך וואָס מיך צו אָריענטירן צי אינספּירירן, אָנצושרייבן מיין אייגענע פּישע, האָב איך געזען אויף זיין געזיכט, אין זיינע באַוועגונגען, אַז גלייך ער וואָלט מיר איבערגעגעבן אין מיינע הענט זיין אייגן טראַגיש גורל.

מיר זענען געזעסן הינטער צוויי מצבות, גלייך מיר וואָלטן זיך אויס־באַהאַלטן אַז קיין שום נשמה זאָל אונדז נישט זען. פון צייט צו צייט האָט מאַ־נידעס זיך אַרומגעקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס אויב עמעצער באַמערקט אונדז נישט. וואָס האָט ער זיך אויסצובאַהאַלטן? איך האָב געזען ווי זיינע הענט ציטערן. אויך די מוסקלען פון די קינבאַקן באַוועגן זיך — אָבער ער האָט געשוויגן. מסתמא האָט ער געוואַרט, כדי צו זען וואָס איך וועל זאָגן, ווי אַזוי איך וועל רעאַגירן לייענענדיק זיינע לעבנסדאַטן.

הגם איך האָב געקענט, מער ווייניקער, זיין פאַרגאַנגענהייט, טאָקע פון דעם וואָס ער גופא האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי מע האָט אים געמשפּט און ווי אַזוי ער האָט זיך אויך אַליין געמשפּט, וואָס איז פיל וויכטיקער געווען פאַר אים, ווי איך האָב באַמערקט, ווי זיין משפּט ביים בית־דין של מעלה. און דאָך — איצט איז ער געווען עמאַציאַנירט, גלייך אַ יונגטלעכער ווען ער גייט צום ערשטן באַגעגעניש מיט אַ מיידל.

איך האָב אויך נישט געזאָגט גאָרנישט, נאָר פונאַנדערגענומען די פּי־שע און אָנגעהויבן זיך גרייטן שרייבן. דאָס הייסט, אַז איך זאָל קאָפּירן פּינקטלעך דעם פאָרמולאַר, נאָר אָנשטאָט זיינע דאַטן זאָל איך שרייבן מיינע. אָבער כדי אויפצולעבן אַ ביסל די געשפּאַנטע שטימונג, נישט אַזוי פאַר אים ווי פאַר מיר, האָב איך געזאָגט מאַנידעסן:

— נו, איך וועל פּרואוון, אָבער איך בעט אייך אַז איר זאָלט מיר ביי־הילפיק זיין, דאָרט וואו איך וועל נישט וויסן גענוי ווי אַזוי סע זאָל בעסער זיין. דאָס הייסט, וואָס ווייניקער קאָמפּליצירט.

— דאָס לעבן איז גענוג קאָמפּליצירט — זאָגט שוין מאַגידעס מיט אַ שמייכל — מע דאַרף עס נישט נאָך מער קאָמפּליצירן... דער אומגליק איז אָבער — האָט ער נאָך אַ קליינער פּויזע צוגעגעבן — וואָס מיר גיבן זיך וועגן דעם אָפּ חשבון, ווען עס איז כמעט שוין צו שפּעט, און מיר קאָמפּליצירן זיך אַליין אונ־דזער אייגענעם מצב, אויך ווען עס איז נישט דווקא נייטיק...

איך בין געווען צופרידן, וואָס איך האָב שוין געזען אויף זיין פּנים אַ שמייכל. ווייל זיין געשפּאַנטע גרימאַסע האָט מיך אויך אָנגעשטעקט מיט אַ קאַל־טער שטימונג, וואָס איז נישט גינציק אויף צו טון אַזאַ נישט לייכטע און נישט אָנגענעמע אַרבעט, ווי אָנצושרייבן אַ מין אויטאָביאָגראַפיע.

— נו, לאָמיר אָנהייבן — האָב איך געזאָגט, ווי צו מיר אַליין, ווי אַ פרו־מער ייד וואָלט געזאָגט אַ „יהי רצון“ איידער ער הייבט אָן צו טון אַ מצווה. אָבער געקלונגען האָט עס, אָן מיין ווילן, גאָר פרעמד וואָס וואָלט נישט געקאָנט פאַר־גליכן ווערן מיט טון אַ מצווה...

איך האָב אַפּירגענומען די „פּישע“ און געלייענט אויף אַ קול:

— אכטונג: מע מוז אומבאַדינגט ענטפערן אויף אַלע פראַגן. מע טאָר נישט זיך באַנגיגן מיטן ציען אַ שטריכעלע...

— וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? — קאָמענטירט מאַגידעס, בעת ער זעט אַז איך בין געבליבן שטיין פאַרטראַכט און לייען נישט ווייטער — סע זע־נען פאַראַן נשמות, וואָס אין געוויסע פאַלן מאַכן זיי אַ שטריכעלע, אָנשטאָט צו ענטפערן קלאָר „יאָ“ אָדער „ניין“. דעריבער ווערט מען אויפמערקזאַם גע־מאַכט נישט צו מאַכן קיין שטריכעלעך.

— נו, מיר וועלן עס זען, ווען מיר וועלן אָנקומען ביי אַזעלכע פאַלן — האָב איך אָפּגעלייגט דעם שמועס אויף שפּעטער, ווען סע וועט זיך יאָווען אַ קאָנ־קרעטער פאַל, וואו מע וואָלט געקאָנט בלויז שטעלן אַ שטריכעלע.

פּערזענלעכע פּישע

— „אונטערגעשריבענע(ר)...“ דאָ שרייבט אייער נאָמען — זאָגט מיר אונטער מאַגידעס, הגם ער האָט מיך גאַנץ געוויס נישט געהאַלטן אַזוי אומדער־פאַרן, אַז איך זאָל נישט וויסן אַפילו אַזוי פיל. ווייל ווער ווייסט נישט אוים־

צושטעלן א פּישע? ווער פון אונדז האָט דען נישט געשריבן אין זיין לעבן אזעל־
כע פּישעס?! — „מע וועט שרייבן מיט גרויסע אותיות מיט א דרוקשריפט"
— האָט ער ווייטער געלייענט אָנשטאָט מיר.

איך האָב געשריבן מיט שיינע סופרישע אותיות: „בנימין זעליקאָוויש".
אדרבה, ביי די אותיות „נון" „ז" האָב איך געמאכט תגין, אזוי ווי סופרים
שרייבן געוויינטלעך. דערנאָך האָט מיך מאַנידעס אויפמערקזאם געמאכט אז
אויב איך מאך שוין תגין, זאָל איך זיי מאכן אויך ביי דער „ע" און ביי דער „ט"
און „ש"...

— איר ווייסט פאר וואָס מע דאַרף שרייבן מיט דרוקשריפט? — פרעגט
מיך מאַנידעס מיט זיין געוויינטלעכן איראָנישן שמייכעלע.

— מסתמה, סע זאָל זיין לייענבאר — זאָג איך — מע זאָל נישט מאכן
קיין טעות מיט א נאָמען, למשל.

— יאָ — זאָגט מאַנידעס — אָבער צוליב דעם דאַרף מען דאָך נישט
שרייבן מיט קיין דרוקשריפט, סע וואָלט דאָך געווען גענוג צו שרייבן דייטלעך?!
דער אמת איז, אז מע האָט צו טון מיט קליינע קענער, אָדער צו מאָל מיט גאנצע
עמי־הארצים, וואָס קאָנען זיך שווער אויס אין א ביסל עברי...

— נו, אזוי ווייט גייט עס נישט — זאָג איך — קענען לייענען?!

— איר זאָלט נישט פארגעסן, ליבער חבר זעליקאָוויטש, אז די פּישע
איז נישט געדרוקט געוואָרן היינט. דאָס איז דאָך געדרוקט געוואָרן אין די ער־
שטע יאָרן פון קומען צו דער מאכט, ווען די אָנגעשטעלטע ביי דער באוועגונג,
וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די דאָסאָרן האָבן באמת קוים געקאָנט
לייענען און שרייבן... און אפשר איז עס גאָר געדרוקט אָדער איבערגעדרוקט
געוואָרן פון אן אנדער לשון, א פאָרמולאר וואָס האָט געהאט פאר א מוסטער
פון א שכנהשן לאנד...

איך האָב ווייטער געלייענט: „אן אנדערן נאָמען וואָס מע האָט געהאט".
ביי אים איז געווען געשריבן „משה מימון־מיימאָנידעס". ביי מיר ווייס איך
נישט וואָס צו שרייבן, ווייל איך האָב קיין אנדערן נאָמען קיין מאָל נישט גע־
האַט. אָבער אז מאָנידעס האָט געזען אז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער
געפרעגט:

— וואָס ווארט איר? אויב איר האָט נישט געהאט קיין אנדערן נאָמען,
גייט ווייטער.

— איך ווייס נישט וואָס מע מיינט „אן אנדערן נאָמען" — זאָג איך
מאָניעסן — ווען איך בין א קינד געווען, האָט מיך מיין מוטער פארצערטלט

און גערופן „יומי" אָנשטאָט בנימין. דערנאָך האָבן מיך אויך די יוגנטלעכע אזוי גערופן א שטיקל צייט.

— דאָס הייסט נישט קיין „אנדערן נאָמען" — זאָגט מאָנידעס — לייענט ווייטער:

איך האָב געלייענט: „די סיבה פארן בייטן דעם נאָמען". ביי מאָנידעסן איז געווען אויסגעשטראָכן די שורה, אז מע האָט זי געקאָנט איבערלייענען נאָר מיט גרויס אָנשטרענגונג. איך בין נייגעריק געווען, נישט אזוי זיך צו דערוויסן די סיבה, נאָר נאָך מער די סיבה פאר וואָס ער האָט זי אויסגעשטראָכן. פאר וואָס ער האָט זיך געביטן דעם נאָמען האָב איך דאָך שוין געוואוסט זינט ער האָט מיר דערציילט ווי אזוי עס איז פאָרגעקומען זיין משפּט. איצט האָט מיך מער אינטערעסירט פאר וואָס ער האָט אויסגעשטראָכן. איך האָב נישט געקאָנט אויסלייענען, אָבער איך האָב נישט געוואָגט אים פרעגן. אויב עס איז אויסגעשטראָכן איז דאָך א סימן אז ער האָט נישט געוואָלט אז מע זאָל עס קאָנען איבערלייענען, אָבער ער האָט ווי געראָטן מיין וואָרטן א ווײַלע און האָט מיר דערקלערט:

— וואָס וואַרט איר? איר ווילט וויסן פאר וואָס איך האָב מיר געביטן דעם נאָמען?

— ניין, דאָס ווייס איך שוין — האָב איך געזאָגט מיט א צוריקגעהאַלטענעם טאָן — איך ווייס נאָר נישט, פאר וואָס איר האָט אויסגעשטראָכן די שורה...

— זעט איר, דאָס וואָס איר ווייסט, דאָס איז טאַקע די אמתדיקע סיבה פאר וואָס איך האָב געביטן דעם נאָמען. איך האָב עס אייך דערקלערט, און מסתּמה האָט איר מיך גוט פארשטאַנען, און אז מע פארשטייט עמעצן איז א סימן אז מע פאראורטיילט אים נישט. דאָ אָבער, אין דער דאָזיקער שורה האָב איך נישט געקאָנט און אפילו נישט געפּרוּווט אָנווייזן די אמתדיקע סיבה. וואָס קאָן מען דען אָנשרייבן אויף א שטח פון פינף צענטימעטער?!

— נו, טאַקע וואָס האָט איר געשריבן?

— אומזיסט וועט איר ביי מיר פּרוּוון דערגיין, ווײַל עס איז שוין צייט, אז דאָ אויפן עולם-האמת, זאָלט איר וויסן אז דאָס לעבן קאָן מען נישט נעמען און אריינפּאַסן אין א טרוקענעם פאָרמולאַר, מיטן ענטפערן קורץ: „יאָ" און „ניין". ווײַל דאָס לעבן איז נישט תמיד אָדער יאָ אָדער ניין, אָדער שוואַרץ אָדער ווייס — עס איז פאראַן טייל מאָל אויך גרוי, וואָס איז נישט אזוי קלאָר ווי סע דאַכט זיך אוים דאָרט אין אָנגעשטעלטן, וואָס מאַנעוורירט מיט פאָרמולאַרן, וואָס האָבן הינטער זיך נשמות. יעדער פאָרמולאַר איז דאָך אייגנט-

לעך א נשמה... אין לעבן איז נישט זעלטן פאראן א פאל, וואָס ער איז אי „יאָ" אי „ניין„ און צו מאָל נישט „יאָ" און נישט „ניין". ווילט איר אז אין א שורה פון פינף צענטימעטער זאָל מען אריינשרייבן א גאנצע טראגעדיע — דאָ האָט זיך מאָנידעס ווי פארהיקעט און נישט געקאָנט ארויסרעדן דאָס וואָרט וואָס איז אים געקומען אין מויל — נישט פון א יחיד, פון מיר למשל, נאָר פון א... גאַנץ דור אפילו. נאָר אז איר ווילט וויסן — זאָגט ער שוין מיט א שמייכל — האָב איך דאָ געשריבן א ליגן, אָדער גאָר צוויי ליגן, נאָר בעסער לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן. וואָס טויג אייך צו וויסן א זאַך, וואָס איז היינט שוין נישט מער וויכטיק. דעמאָלט איז עס געווען וויכטיק פאר מיר, און אפשר אויך פאר דער דער באוועגונג. אָבער איצט איז עס שוין נישט נאָר נישט-וויכטיק, נאָך אויך אפילו נאַיוו, קינדיש.

— מיינט איר, אז א מענטש דארף זיך שעמען מיט דעם וואָס ער איז אמאָל געווען א קינד אָדער קינדיש?

— מיט דעם, וואָס מען איז אמאָל געווען א קינד, מיט דעם דארף מען זיך טאקע נישט שעמען, אפילו ווען מע דערמאָנט אים, אז ווען ער איז געווען א קינד האָט ער משתין געווען אין ווינגל צי אפילו אויך שפּעטער אין בעט... עס איז אָבער יאָ א בושה, און נישט אלע מאָל קיין קליינע בושה, נאָר אויך אפי-לו גאָר פיינלעך, ווען מען איז קינדיש, נאַיוו, ווען מען איז שוין נישט קיין קינד, נאָר א דערוואקסענער. און פאר א דערוואקסענעם „משתין" צו זיין אין בעט, מעטאפאָריש גערעדט, דאָס איז שוין קיין גאָר גרויסער כבוד נישט.

— ווילט איר זאָגן, אז איר האָט דאָ אויסגעשטראָכן די שורה, כדי אויס-צובאהאלטן אז איר האָט „משתין" געווען אין בעט בעת איר זענט שוין בכלל נישט געווען קיין קינד?! — האָב איך מיר געוואָלט לאָזן וואוילגיין אויף מאָני-דעסעס חשבון.

— אויב איר ווילט, איז דאָס אויך שוין נישט קיין בושה — זאָגט מאָ-נידעס א רעזיגנירטער — ווייל נישט בלויז איך האָב זיך „באמאכט" אין בעט, הגם איך בין שוין נישט געווען אזא קליין קינד... און — דאָ האָט ער שוין אויפגעהויבן זיין קול, גלייך ער וואָלט זיך שוין דערהיצט קעגן מיר צי קעגן זיך גופא — מיינט איר, אז בלויז מיר דאָ האָבן זיך אזוי אויפגעפירט אזוי נאריש בעת דער תקופה פון „געצנקולט"?! אנו, ווען מע זאָל אויפוויקלען א ביסל פו-נעם פילם, וואָס סע האָבן געדרייט אונדזערע אָפּאָנענטן, וועלכע שפּילן היינט די ראָלע פון די „חכמים", וועלכע האָבן מכלומרשט נישט מיטגעטאנצט, יענע האָבן זיך דען נישט „באמאכט" אין זייער בעט, אויף זייער אופן?! ווען מע זאָל זיי ווייזן היינט אויך זייער פילם, אזוי ווי זיי האָבן גערעדט, געשריבן און

געהאנדלט בעת דער תקופה פון דער קאַלטער מלחמה, דעמאָלט מיין איך, וואָלטן זיי אויך געדאַרפט אויסשטרייכן נישט בלויז איין שורה.

— איר ווילט זאָגן, אז מיר זענען קווית. מיר, ביי אונדז — און זיי, ביי זיי, האָבן געהאנדלט ווי קליינע אומדערפאַרענע, פאַרנאַרטע קינדער?!

— אויב איר ווילט אזוי זאָגן, איז עס טאַקע אזוי, בעסער וואָלט קיינער נישט גערעדט וועגן יענער תקופה. זאָל זיך קיינער נישט פּרוּוון באַרימען, אז ער איז געווען א „צדיק" צי א „חכם", ווייל אויב מע וועט א ביסל בעסער בודק זיין זיינע ציצית, וועט מען זען, אז ער איז נישט געווען אזא צדיק ווי ער וויל איצט זיך אַרויסווייזן... יאָ, דאָ וואָלט זיך געפּאַסט דאָס ווערטל, אז נאָך דער מלח־מה זענען פאַראַן פיל גיבורים, נאָר א ביסל געענדערט: נאָך דער קאַלטער מלחמה זענען דאָ פיל „חכמים"...

— אפשר זענט איר אויך גערעכט — זאָג איך מאָנידעסן, נאָר כדי אים איינצושטילן, ווייל איך האָב געזען אז ער צינדט זיך ווידער אָן און מיר וועלן נישט דערגיין צו קיין טאַלק. איך מיין, אז דאָס איז נישט צו דיסקוטירן איצט — לאָמיר שרייבן ווייטער.

— נו, שרייבט: „געבוירן אין טאָג, חודש, יאָר. געבוירנאָרט, קרייז, לאַנד".

ביי אים זענען ווידער געווען אויסגעשטראָכן עטלעכע ווערטער ביים „לאַנד". עס איז געווען לייכט איבערצולייענען צוויי אויסגעשטראָכענע לענ־דער און איינס איז געבליבן. סע ווייזט אויס, ווי איינער זאָל געווען נישט ווימן פּינקטלעך אין וועלכן לאַנד ער איז געבוירן.

ער האָט באַמערקט מיין פאַרוואונדערונג, האָט ער געפרעגט:

— אפשר איז אייך עפּעס נישט קלאָר?... נישט איך האָב זיך געענדערט. נישט איך בין נישט געווען אַנטשלאָסן געבוירן צו ווערן אין איין איינציקן לאַנד, נאָר די אומשטענדן האָבן זיך געביטן. איין מאָל האָט די געגנט, אין וועלכער איך בין געבוירן, געהערט צו איין לאַנד, און א צווייט מאָל האָט די זעלביקע געגנט שוין געהערט צום שכנהשן לאַנד... איר געדענקט דאָך, אז איך בין געבוירן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. פּונקט אין יענעם חודש, ווען איך בין גע־בוירן, האָט מיין שטעטל געהערט צום שכנהשן לאַנד, שפּעטער ווען איך בין אויסגעוואַקסן האָט די געגנט שוין געהערט צום אַנדערן לאַנד, דערנאָך איז עס איבערגעגאַנגען צום... פון איבערגיין פון איין בעל־בית צום צווייטן האָב איך נישט אַלע מאָל געקאָנט דעררעטן אין וועלכן לאַנד איך בין געבוירן... דאָס וואָס איך האָב אייך איצט געזאָגט קאָן אויך גלטיק זיין אויך אין אַנדערע עני־

נים. וואָס אויבנאויפיק וועט עס זיך קאָנען אויסדאַכטן אַז איך, אָדער אַז איר ווילט קאָן מען זאָגן אַז מיר, האָב מיר געביטן די מיינונג... ניין, נישט איך האָב מיר געביטן די מיינונג. איך בין דער זעלביקער, נאָר די אומשטענדן האָבן זיך געביטן...

— איר זענט א מאָדנער מענטש — זאָג איך צו מאָגידעסן אָן שום בייז־וויליקייט, אדרבה, ווי א שפּאַסיקן קאָמפּלימענט — שוין ביי אייער געבורט האָט איר פאַרפּלאָנטערט די פעדעם פון אייער אויטאָביאָגראַפיע...

— איך האָב זיי פאַרפּלאָנטערט?! — מער האָט ער נישט צוגעגעבן קיין איין וואָרט. ער האָט געלייענט ווייטער — „נאַציאָנאַליטעט"... (אויך דאָ איז געווען אויסגעשטראָכן און ווידער געענדערט:) „ייד" — אַז ער האָט געזען, אַז איך שרייב נאָך נישט, האָט ער צוגעגעבן — אמת, קודם האָב איך נישט געשריבן מיין נאַציאָנאַליטעט „ייד". איך און פיל אנדערע ווי איך, כמעט אַלע חברים האָבן דעמאָלט געשריבן די נאַציאָנאַליטעט פונעם לאַנד, פאַר וועלכן מיר האָבן געקעמפט, סיי פאַר דער באַפרייונג, סיי כדי איינצופירן די נייע אָר־דענונג... אָבער שפּעטער א ביסל האָט מען געענדערט די פאָרמולאַרן. אין האַל־בע לבנות איז געווען אָנגעוויזן, אַז מע זאָל שרייבן: טאַטער, טערק צי ייד וכ־דומה. זעט איר, אָט דער „וכדומה" איז געווען א ווענדפּונקט אין דעם ענין, ביז דעמאָלט האָט יעדער חבר געקאָנט שרייבן און זיך דעקלארירן אזוי ווי ער האָט געפילט אָדער געוואָלט זיך פילן. מיט א מאָל האָט מען געענדערט אויך דאָס געזעץ, אַז מע קאָן זיך שוין מער נישט „דערקלערן" אין קיין אנדערער נאַציאָנאַליטעט, סיידן אין יענער, אין וועלכער מען איז געבוירן. דאָס הייסט, אַז די נאַציאָנאַליטעט איז נישט קיין פּשוטער „קאַפּעלוש", וואָס מע קאָן אים פאַרבייטן לויטן וועטער פון דרויסן, נאָר מע האָט אים געירשנט פון די על־טערן פון וועלכע מע קאָן זיך נישט אָפּזאָגן, פּונקט אזוי ווי מע קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פונעם געשלעכט מיט וועלכן מען איז געבוירן — אויב אזוי, איז דאָך הייסט עס נישט דערלויבט צו שרייבן אנדערש ווי „ייד"... זינט דעמאָלט האָב איך און אויך אנדערע חברים ווי איך, אָנגעהויבן שרייבן נאָר „ייד".

— דאָס הייסט, אַז בעל־כרחו זענט איר צוריק געוואָרן א ייד?

— צו וואָס טויג אייך איצט אויפצומישן א קאַפּיטל, וואָס איז שוין פאַר אונדז אָפּגעשלאָסן? — האָט זיך מאָגידעס ווי געבעטן ביי מיר — איר ווייסט דאָך שוין ווי אזוי סע האָט מיט מיר פּאַסירט, איז צו וואָס טויג אייך מיר צו מאַכן גראָד איצט בייז בלוט? ווילט איר אויסניצן איצט די געלעגנהייט און צולייגן צו די קלאַסישע בעל־כרחו'ם נאָך איינעם?!... אויך דאָס איז נישט ניי פאַר מיר, איר ווייסט אַז איך בין באַהאַוונט אין די דריבנעטשקע. אויב איר

ווילט צוליינגן נאָך איין בעל־כרחו, דאָס הייסט „בעל־כרחו אתה ייד", איז זאָלט איר וויסן, אַז דאָס פּאַרטייטשט מען מיטן „בדמיך חיי". קיינער איז נישט קיין ייד, ווייל ער וויל, נאָר ווייל ער מוז. און אויב סע געפינט זיך שוין עמעצער, וואָס וויל זיין אַ ייד, ער וויל זיך מגייר זיין, מיט זיין גוטן ווילן — נעמט מען אים נישט אָן, ווייל מע קאָן אים נישט אויפקלערן אַז ער נעמט אויף זיך אזא שווער עול, פאַר וועלכן אַ נישט־ייד איז נישט צוגעגרייט, איז נישט מסוגל צו זיין, אויך ווען אים דאכט זיך אוים אין אַ געוויסן מאָמענט, אַז ער איז אנטשלאָסן אָנצונעמען דאָס יידישע גלויבן. ער ווייסט נישט, אַז דאָ האנדלט זיך נישט בלויז אין אָננעמען אַ גלויבן. דאָ האנדלט זיך אויך אין אָננעמען נישט ווייניק קרבנות־גרייטקייט פאַר קידוש־השם. ער וואָלט געדאַרפט אייגנטלעך זיין געוואָרנט, אַז ער נעמט אויף זיך צו גיין אין די קומענדיקע קרעמאַטאָריעס פון די קומענדיקע „אוישוויצס"... צו וואָס זשע טויג אייך מיך צו רייצן? איר ווייסט דאָך, אַז אויך אין דעם פאַל, ווי פריער מיטן געבורט־לאַנד, האָב איך זיך נישט געענדערט, נאָר דאָס לאַנד האָט זיך געענדערט. איך בין דאָך געבליבן דער זעלביקער. אויך אין דעם פאַל, פון דער נאַציאָנאַליטעט איז אויך אַזוי. נישט איך האָב זיך געענדערט מיט מיינע השקפות. איך בין געבליבן דער זעלביקער, אָדער כמעט דער זעלביקער. נאָר די אומשטענדן האָבן זיך געענדערט...

— אויב אַזוי, דערלויבט מיר צוגעבן — זאָג איך ווי אַ מסקנה — מעג מען דאָך זאָגן, אַז אי די אומשטענדן אי מיר האָבן זיך געענדערט, ווייל אויב די אומשטענדן האָבן זיך געענדערט, איז דאָך אויך נאַטירלעך, אַז אויך מיר זאָלן זיך ענדערן. איר זענט דאָך אַ דיאַלעקטיקער — האָב איך שוין איראָניש צוגעגעבן — און די דיאַלעקטיק לערנט אונדז, אַז גאָרנישט איז נישט אייביק, אַזוי ווי די אומשטענדן האָבן זיך געביטן, ענדערן זיך אויך אונדזערע האנדלונגען. דאָס איז דאָך אַ קעגנזייטיקע השפּעה...

— יאָ, דיאַלעקטיש — האָט מאָגידעס געמורמלט אונטער דער נאָז.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דאָס ערשטע קאַפּיטל פונעם פאַרמולאַר.

ניין, איך האָב נאָך צוגעגעבן די אדרעס, גאַס און נומער, פאַרשטייט זיך, אַזמיין געוועזענע אדרעס. איך וועל דאָך נישט שרייבן מיין איצטיקע, אויפן עולם־אמת...

...פון תמיד איז ביי מיר געווען אַ שווערע ארבעט צו שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע, צי אויסשטעלן אַזאַ מין פּישע.

אויך איצט, ווען איך האָב נאָך כמעט גאָרנישט געשריבן, קוים וואָס איך האָב אָנגעהויבן שרייבן די עטלעכע אומשולדיקע דאטן און שוין האָט מיך באנגאָסן דער אנגסט.

עס איז נאָך גוט, וואָס סע האָט אָנגעהויבן טאָגן און מיר זענען געצווינגען איבערצורייסן און אָפּלייגן אויף מאָרגן. דאָס הייסט אויף היינט אָוונט, ווען מתים מעגן ארויסגיין. פון וואו זאָל איך געווען וויסן אז דאָס וועט אזוי פיל צייט נעמען?!...

8

ווי בוימל אויפן וואסער

איך האָב זיך מיטאמאָל דערזען ארומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט נייגעריקע נשמות, וואָס זענען געקומען קוקן אויף מיר, ווי אויף א בייז וואונדער. טייל פון זיי האָבן מיר געשטעלט פראגן, וואָס און ווי אזוי. טייל, ווידער, האָבן נישט געשטעלט קיין שום פראגע. זיי זענען בלויז געשטאנען ווי פון א זייט און געשמייכלט. זיי האָבן גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן בלויז געקוקט אויף מיר און האָבן געשמייכלט. און דער דאָזיקער שמייכל האָט מיך מער געערגערט ווי אַלע פראגן, וואָס מע האָט מיר געשטעלט. דער שמייכל איז דאָך נישט געווען קיין פשוטע פראגע, אויף וועלכער מע וואַרט אַן ענטפער. עס איז געווען פיל מער. דער שמייכל גופא איז דאָך געווען אי א פראגע אי אַן ענטפער...

יענע וואָס האָבן ארויסגעזאָגט זייער נייגעריקייט, האָבן זיך געוואונדערט: ווי אזוי איז עס מעגלעך, אז א נשמה זאָל אליין זיך מסרן און ארויסרופן קעגן זיך דאָס בית-דין, אז מע זאָל זי משפטן?! טייל האָבן גאַנץ אָפן געזאָגט, אז א בר-דעת טוט עס נישט. יאָ, אז מע זאָל מסרן א צווייטן, דאָס יאָ. דאָס האָט מען שוין געהערט, אָבער זיך גופא צו מסרן, זיך גופא איבערצוגעבן אין די הענט פון שדים, וואָס טרייבערן די גאָל ביי איינעם ביז ער זעט זיך קוים אפירגעגאַנגען פון אזא משפט — אָט דאָס קאָן טון בלויז איינער, וואָס איז דערגאַנגען אין א מצב פון א זעלבמערדער.

אָט יענע, וואָס האָבן מיר געשטעלט די פראגן, האָבן דאָך מיך געהאלטן פאר א נאָרמאַלער נשמה, אנדערש וואָלטן זיי דאָך מיר קיין פראגן נישט געשטעלט. אָבער יענע וואָס האָבן בלויז געשמייכלט — אָט יענע האָבן מיך שוין נישט געהאלטן פאר קיין „נאָרמאַלן“. טאקע צוליב דעם האָבן זיי שוין נישט געהאט צו מיר קיין טענות און מיר שוין קיין שום פראגן נישט געשטעלט. זיי האָבן שוין געהאט דעם ענטפער אויף זייערע ליפּן. זיי האָבן אים אויסגעדריקט מיט זייער ביטול-שמייכעלע, אז ביי אזא פארשוין ווי איך האָבן זיי שוין

נישט וואָס צו פרעגן. פאר זיי איז שוין אַלץ קלאָר נישט ווי דער טאָג, נאָר ווי די „נאכט“...

און איך בין געשטאנען אין דער מיטן, ווי א נאר אויפן מארק, ארומ־גערינגלט פון די נשמות, וואָס האָבן נאָך אַלץ געוואַרט אַז ענטפער, אַז אויפ־קלערונג פון מיר, פאר וואָס איך בין געגאנגען צום קטיגור אים בעטן אַז מע זאָל מיך אויך משפטן, כדי איך זאָל אויך זיין מיט „לייטן גלייך“.

און פּלוצים, ווען האָב איך דערזען צווישן די פרעגערס? — קאָפּ־מאנען.

דאָס איז שוין געווען פאר מיר אַן איבערראַשונג. עס איז דאָך שוין פאריבער א שיינע עטלעכע יאָרן זינט איך האָב אים נישט באגעגנט. איך קאָן זאָגן, אַז זינט זיין משפט האָב איך אים מער נישט געזען. מסתמה האָבן זיך אונ־דזערע וועגן געקרייצט, אונדזערע גורלות האָבן זיך אויסגעמיטן, ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק, איצט האָבן מיר זיך באגעגנט.

איך האָב באמערקט, אַז ער האָט זיך אויך פונקט אַזוי דערפרייט ווי איך, ווען ער האָט מיך דערזען. ער איז אָבער צוגעשטאנען צו יענע וואָס האָבן מיך געמוטשעט מיט זייערע פראַגעס. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן עס צו טון בפרהסיא. אפשר האָט ער נאָך געדענקט ווי אַזוי איך האָב אינטערוועּ־נירט און זיך געמאָלדן פרייוויליק פאר אַן עדות ביי זיין משפט, און האָב זיך אַקעגנגעשטעלט אויך זיין קטיגור, און האָב דאָך עפּעס אויפגעטון, אַז מע זאָל אים נישט קוויילן אַזוי פיל דאָס הארץ. יאָ, ער האָט זיך עס מסתמה אויך דער־מאנט פונקט ווי איך.

ער האָט מיך אוועקגערופן אין א זייט, כדי מיר זאָלן קאָנען רעדן צווישן פיר אויגן.

— וואָס האָט אייך באוואויגן — איז קאָפּמאַן ארוים מיט לשון — אַז איר זאָלט אייך אריינלייגן אין א קראַנק בעט? צו וואָס האָט עס אייך געטויגט, אַז מע זאָל אייך משפטן, ווען איר האָט זייער גוט געקענט דעם מעטאָד פון מש־פטן, מיט וואָס פאר א „יושר“ איר האָט צו טון?

— אפשר איז עס אייך שווער צו פארשטיין, חבר קאָפּמאַן, ווייל איר האָט נאָך אַזעלכס נישט איבערגעלעבט — האָב איך געפּרואווט אים עס אויפקלערן.

— איך האָב נישט איבערגעלעבט?! — האָט זיך קאָפּמאַן אָפּגעשטעלט א פארחידושטער — איר קאָנט דאָך מיין ביאָגראַפיע, איז ווייסט איר דאָך, אַז איך האָב נישט ווייניק איבערגעליטן און איבערגעלעבט אויף ביידע וועלטן, אויך אפילו שוין דאָ, אויפן „עולם־האמת“...

— איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, חבר קאַפּמאַן — האָב איך אים איבערגעשלאָגן די רייד — נישט פון אַזאַ מין איבערלעבן רעד איך. איך רעד וועגן אַזאַ מצב, ווען דו ביסט נישט קיין פאַראורטיילטער נישט אין גיהנום און נישט אין גן־עדן, ווען דו ביסט אין ערגעץ נישט פאַררעכנט, און קיינער שענקט דיר קיין אויפמערקזאַמקייט נישט. זאָגט נאָר, ווען קען איך האָבן פאַר אַ חבר, מיט וועמען זיך אַדורכצורעדן אַ וואָרט? מיט נאָך נישט קיין געמשפּטע, ווי איך בין? נו, יאָ, גייען אָבער אַדורך עטלעכע חדשים צי אַ יאָר און — מע משפּט זיי. נאָר בלויז איך בלייב אויף דער „טרוקעניש", בעת אַלע שווימען אין „טייך", איז וויל איך אויך זיין מיט „לייטן גלייך". אָדער — אָדער, אָדער אין גן־עדן אָדער אין גיהנום... נאָר איך איינער בלייב אַרויס פונעם כּלל. קאָנט איר עס פאַרשטיין?!

קאַפּמאַן קוקט מיך אָן, גלייך ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס איך רעד צו אים. דערנאָך האָט ער איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— מיינט איר, אַז מע וועט אייך שוין צוליב טון אייער „בקשה" און מע וועט אייך שוין יאָ משפּטן וועט אייך שוין בעסער זיין? איר זענט אַזוי זיכער ביי אייך אַז מע וועט אייך דערקלערן „זכאי" און איר וועט תיכּף אַריין אין גן־עדן?... וואָס וועט איר טון, אַז איר וועט האָבן אַ משפּט, ביי וועלכן איר וועט דאַרפן קעמפן מיט אַזעלכע „שדים־קטיגורים" ווי איך האָב געהאַט, איר געדענקט דאָך אוודאי וואָס פאַר אַ משפּט איך האָב געהאַט — איז גלייבט איר אַז עס וועט אייך בעסער זיין, אויב מע וועט אייך שוין יאָ משפּטן?!

— יאָ, איך בין איבערצייגט — האָב איך געזאָגט אַן אַנטשלאָסענער — אַז פריער אָדער שפּעטער וועט דער אמת זיגן. דער יושר מוז זיגן...

— אַנו — זאָגט קאַפּמאַן מיט אַן איראָנישן שמייכל, וואָס איך האָב ביי אים כּמעט קיין מאָל נישט געזען. עס ווייזט אָבער אויס, אַז זינט מיר האָבן זיך שוין נישט געזען, איז ער נאָר קלוגער געוואָרן, רייכער אין דערפאַרונג, איך האָב געלייענט זיין דערפאַרונג אין זיין שמייכעלע — אַנו, זאָגט ווייטער. איך בעט אייך, חבר זעליקאָוויטש, זאָגט ווייטער: „דער אמת מוז אַרויסגיין ווי בוימל אויפן וואַסער", זאָגט, זאָגט... איך האָב שוין לאַנג נישט געהערט די דאָזיקע פראַזן וועגן „בוימל אויפן וואַסער"...

— וואָס הייסט — ריים איך אים איבער זיינע איראָנישע ריידעלעך — איר גלייבט שוין נישט אין „גערעכטיקייט", איר גלייבט נישט אַז דער אמת מוז זיגן?

— וואָס הייסט איך גלייב נישט — זאָגט שוין קאַפּמאַן אַ טרויעריקער — איך גלייב, וואָס הייסט איך גלייב נישט? אַלע גלייבן מיר „מער ווייניקער"

אין אמת און אין יושר... אָבער, זעט איר, חבר זעליקאָוויטש, איך וועל אייך אויסזאָגן א סוד, אויב איר ווייסט עס נאָך נישט. און סע ווייזט אויס ווייסט איר עס נאָך נישט, אז אַלע די וואָס האָבן מיטגעמאכט דעם גאַנצן וועג, וואָס איך האָב אדורכגעמאכט, אַלע גלייבן מיר אין אמת, אז דער „בוימל וועט ארויף פון דער אויבן, אויפן וואסער" — מע דאַרף אָבער צוגעבן אזוי ווי איר האָט נאָר וואָס זיך אויסגעדריקט, אז „פריער אָדער שפּעטער". יאָ, פריער אָדער שפּעטער מוז טאקע דער אמת טריאומפירן, מוז דער בוימל ארויף אויפן וואסער, אָבער די פראַגע שטעלט זיך „ווען?".

— וואָס הייסט „ווען?" — זאָג איך א פארחידושטער צו קאַפּמאַנען — ווען מע משפּט. ווען מע אנאַליזירט די מעשים פון דער נשמה, ווען מע לייגט אויף דער וואָג די מצוות און די עבירות אויף דער וואָגשאָל, און...

— און וואָס? וואָס „און"? — צעשרייט זיך קאַפּמאַן, אַן אויפגערעג־טער — איר האָט דאָך שוין געזען נישט איין משפּט, וואָס זשע איז געוואָרן פון יענע נשמות, וואָס איר האָט געזען אזעלכע „גליקלעכע", וואָס האָבן יאָ זוכה געווען צו ווערן געמשפּט? האָט איר אפשר געזען, אז „דער בוימל איז ארויף אויפן וואסער"? ניין, איך איינער האָב געזען מערער פאַלן, ווען אַנ־שטאָט דעם בוימל אויפן וואסער האָב איך געזען די נשמות „אונטערן אייז"...

— וואָס הייסט „אונטערן אייז"? — פרעג איך שוין — מע האָט זיי סוף כל סוף דאָך געגעבן גערעכט. דער יושר האָט דאָך געזיגט, ניין?

— אויב איר ווילט אזוי זאָגן — מאכט קאַפּמאַן א רעזיגנירטער, זעענ־דיק אז איך האָב כמעט גאָרנישט פארשטאַנען פון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט מיר געזאָגט — אויב איר זענט צופרידן פון אזא „יושר", איז האָט איר שוין רעכט, האָט איר שוין גוט געטון און האָט אייך משתדל געווען אז מע זאָל אייך אויך משפּטן. איך איינער וואָלט עס שוין נישט געוועזן געטון...

— וואָס וואָלט איר שוין נישט געטון? — האָב איך נישט פארשטאַ־נען, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

— איך וואָלט שוין מער צופרידן געווען מע זאָל מיך געוועזן נישט מש־פּטן, איידער מע זאָל מיך יאָ משפּטן, פארמשפּטן פאַר אומזיסט און אומנישט... איר, חבר זעליקאָוויטש, ווייסט נישט וואָס א נשמה פילט ווען מע פארמשפּט זי? יאָ, טאקע ווען אייגענע, נישט פרעמדע, פארמשפּטן זי אומזיסט און אומ־נישט — נאָר פון רישעות? ניין, איר ווייסט עס נישט. איר האָט עס נישט גע־פילט אויף אייער אייגענער הויט — דעריבער רעדט איר אזוי...

— דער יושר מוז דאָך אמאָל זיגן... — צעשריי איך מיך ווילד צו קאַפּמאַנען.

— ...ווי „בוימל אויפֿן וואסער“... זאָגט, זאָגט. שיכורט אייך אליין אָן מיט די דאָזיקע אויסגעדראָשענע פראזן. יאָ, אָבער „בוימל“, אָט דאָס זעט איר, געפינט זיך זייער זעלטן. פיל עפטער געפינט זיך דאָס וואסער... און אויב דער דער בוימל קומט שוין יאָ אמאָל ארויף אויפֿן וואסער, און עס איז א ביסל צו שפּעט? — שטעלט מיר קאָפּמאן די פראגע און ווארט פון מיר, אז איך זאָל אויף איר ענטפֿערן.

-- וואָס הייסט „צו שפּטעט“? פארן אמת איז קיין מאָל נישט צו שפּעט — וויל איך זאָגן א גלייכגילטיקער — פריער אָדער שפּעטער מוז דער אמת ארויס, און אויב שפּעט, איז וואָס? זאָגט מען דאָך, אז בעסער שפּעטער איידער קיין מאָל נישט...

— מיט אָט די ווערטלעך, חבר זעליקאָוויטש, וועט איר מיך נישט אי-בערצייגן. אפשר אין אנדערע פאלן איז עס גילטיק. אָבער דאָ, אין דעם פאל, איז עס נישט גילטיק, דאָס ווערטל. דאָ, אָדער דער אמת גייט ארויס פון דער אויבן ווי „בוימל“ צו דער צייט, אָדער ער זאָל שוין קיין מאָל נישט ארויס-גיין... וואָס ווילט איר, מע זאָל אייך רעהאביליטירן „פּאָסט מאָרטעם“?!... איך איינער בין עס מוחל.

קאָפּמאן האָט זיך אָפּגעזאָגט זיינס און איז אויסגעווען די צייט, גלייך ער וואָלט זיך אזוי געבייזערט אויף מיר, וואָס איך פארשטיי נישט אזא עלע-מענטארע לאָגיק, אז ער האָט מיך איבערגעלאָזט אָן א „זיי געזונט“.

9

ווער איז א ייד?

איך האָב געמיינט, אז דערמיט האָב איך פארענדיקט דאָס ערשטע קאַפּיטל פון דער „פּישע“, דער אריינפיר צו דער אויטאָביאָגראפיע. ווייל די ביאָגראפיע גופא קומט דאָך ערשט שפּעטער, מיט אירע שווערערע פראגן, אויף וועלכע מע דארף ענטפערן נישט מיט א וואָרט-צוויי, נאָר מע דארף באשרייבן באריכות, אז סע באגיסט דער קאלטער שווייס ביז מע געפינט אַן ענטפער, וואָס זאָל זיין ווינציקער מסוכנדיק. אזוי האָב איך געמיינט, אז דאָס וואָס איך האָב שוין אָנגעשריבן איז דאָס לייכטסטע. לאָזט זיך אָבער אויס, אז מאָנידעס האָט נאָך געהאט צוצוגעבן זיינע פּירושים.

ווען מיר האָבן זיך ווידער באגעגנט, האָט ער מיך נישט געלאָזט פאַרזעצן. דאָס הייסט נישט, אז ער האָט מיר געזאָגט אז מיר זאָלן נישט פאַרזעצן, נאָר ער האָט מיך ווי געשטערט עס צו טון, ווייל ער האָט מיך אריינגעצויגן אין א שמועס וועגן דעם וואָס איך האָב געשריבן נעכטן, אז סיי ווי סיי האָב איך נישט געקאָנט פאַרזעצן.

— אין שייכות מיט דער נאציאָנאליטעט — האָט ער אָנגעהויבן זיין קאָמענטאר ווי געוויינטלעך, קודם שטיל, רואיק, דערנאָך האָט ער זיך צעהיצט — איז עס ביי אייך נישט גענוג קלאָר... איר האָט נישט פארשטאנען, אז דאָס דעקלארירן זיך פאר א ייד, אָדער פאר א היימישן בירגער, פונעם וואוינאָרט פון א ייד אין געגעבענעם לאנד, איז נישט באלאנגען אין גאנצן אין נאציאָנאלן צי אפילו נאציאָנאליסטישן געפיל פון א ייד, מע קאָן זאָגן אז אויך דאָס איז א היסטאָרישע דערשיינונג, אָדער באגריף, דיאלעקטיש גערעדט (אוי, ריבונו-של-עולם, ווידער האָט ער מיך גענומען מיטן דיאלעקטישן מאטעריאליזם און מאטעריאליסטישער דיאלעקטיק!). יעדע תקופה איז געווען אנדערש געפאָרעמט, לויט די באדינגונגען פון יענער תקופה. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אין איין תקופה האָבן מיר זיך דערקלערט פאר בירגער און אויך צו דער

געהעריקייט צו דער נאַציע פונעם לאַנד, ווידער אין אַן אַנדערער תקופה האָבן מיר זיך שוין דערקלערט בפירוש פאַר יידן, נישט ווייל מיר האָבן עס געוואָלט אַזוי, נאָר ווי איר האָט געוואָלט זאָגן „בעל־כרחו" ווייל די באַדינגען האָבן זיך געביטן און עס פון אונדז געפאָדערט.

— איך האָב געזאָגט — האָב איך אים איבערגעריסן די רייד — אַז מיר זענען צוריק געוואָרן יידן, ווייל מע האָט אונדז געצוואונגען עס צו זיין.

— ניין — האָט מאָנידעס שוין אויסגערופן — איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. דאָ האַנדלט זיך נישט אין דעם צי מע האָט אונדז געצוואונגען צי נישט. דאָ איז געשען עפּעס טיפערס ווי אייך דאַכט זיך אויס... נישט די נישט־יידן האָבן אונדז געצוואונגען, נאָר די יידן גופא האָבן אונדז געצוואונגען, זיי האָבן געשאַפן די באַדינגען, אַז מע זאָל אונדז צווינגען.

— איך ווייס נישט, וואָס איר זענט אויסן מיטן דאָזיקן פּשטלען — איר זאָגט דאָך בפירוש, אַז מע האָט אונדז געצוואונגען, אַז מיר זאָלן זיך דערקלערן פאַר יידן. הייסט עס דאָך, אַז איר זענט מודה אַז מיר האָבן עס נישט אַלע מאָל געוואָלט מיט אונדזער אייגענעם ווילן.

— נו, יאָ — זאָגט שוין מאָנידעס, אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעשטילט. אדרבה, ער איז נאָך מער צעהיצט געוואָרן — טייל פון אונדז האָבן זיך געפילט געצווינגען ווייל פון זייער אייגענעם ווילן האָבן זיי זיך נישט דערקלערט פאַר קיין יידן. טאַקע אַהער וויל איך אָנקומען, כדי אייך צו דערקלערן ווי אַזוי זאָל איך אייך זאָגן, וויסנשאַפטלעך, צי טעאָרעטיש, ווי אַזוי עס איז געשען.

מאָנידעס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, גלייך ער וואָלט געזוכט דעם פאָדעם, וואו אָנצוקניפּן זיין טעאָרעטישע מיינונג. איך בין זיכער אַז ווי אַזוי איך קאָן אים שוין, וועט ער סוף־כל־סוף דאָך מוזן אָנקומען צו אַ גמרא־ווערטל, ווי זיין שטייגער איז שוין. ער האָט דאָך געהאַט אַ ריזיקן זכרון פון אַ זעלטענעם בקי און אויף יעדן ענין האָט ער געהאַט אַ ציטאַט, פּינקטלעך, גלייך ער וואָלט עס ערשט היינט געלייענט.

— געשען איז עס דאָך בהדרגהדיק — האָט מאָנידעס פאָרגעזעצט — און מע וואָלט עס געקאָנט איינטיילן אין תקופות. די ערשטע תקופה איז געווען אין די צייטן פון תיכף נאָך דער איבערקערעניש, ווען די יידישע עסקנים זענען געווען ביי דער „מאַכט". און אַז זיי זענען געווען די וואָרט־זאָגער, האָבן זיי אויך דיריגירט די אידעאָלאָגישע ליניע, און זייער „ליניע" האָט געפירט צו אַ נאַציאָנאַל־ניהיליזם, אַז סע זענען דעמאָלט נישט געווען קיין טערקן צי טאָטערן נאָר בלויז „מענטשן", רעוואָלוציאָנערן... אין דער צווייטער תקופה ווען די „מאַכט" האָט זיך ביסלעכווייז אַרויסגעגליטשט פון די יידישע הענט,

האָט מען שוין דעמאָלט אָנגעהויבן איינפירן נייע פאָרמולאַרן, ווען געבן וואָרט „נאַציאָנאַליטעט" האָט מען אין האַלבע לבנות צוגעגעבן ווי א ביישפּיל: „טערקן, יידן וכדומה". אין דער דאָזיקער תקופה האָבן טייל געשריבן זייער נאַציאָנאַליטעט „ייד" און טייל האָבן ווייטער זיך נישט געמאַכט וויסנדיק און ווייטער געשריבן, ווי פריער, די נאַציאָנאַליטעט פונעם רוב באַפעלקערונג, כדי נישט צו זיין אין דער מינדערהייט, כדי נישט צו זיין איבעריק. אין דער דריטער תקופה האָט מען מער נישט דערמאָנט דאָס וואָרט „ייד". מסתמה האָט עס פאַרלוירן פון דער וויכטיקייט. אין דער דאָזיקער צייט האָט מען שוין ארויסגעלאָזט אויך דאָס וואָרט „וכדומה" און מע האָט איינגעפירט א ניי וואָרט, אָדער בעסער געזאָגט, צוויי ווערטער: „און אנדערע". דאָס האָט געזאָלט הייסן, אז סע זענען נאָך פאַראַן אויך אנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זענען קלענער אין דער צאָל און אין דער וויכטיקייט. לוינט זיך דען זיי אויסצורעכענען? האָט מען געזאָגט „און אנדערע". אין דער תקופה האָט מען שוין געשריבן, כמעט אלע האָבן שוין איצט געשריבן, אין דער רובריק פאַר נאַציאָנאַליטעט: „ייד". פאַר וואָס? ווייל סע האָט שוין נישט געהאַט קיין זין אויסצובאַהאַלטן, מע האָט שוין געוואוסט, אז אפילו מע וועט עס שוין אליין נישט שרייבן, וועלן עס אנדערע „צושרייבן"...

מאָנידעס האָט זיך אָפּגעשטעלט און נישט פאַרענדיקט די פראַזע. ער האָט זיך, ווייזט אויס, דערמאָנט אין עפּעס און ער טראַכט א ביסל, כדי עס אריינצושלייפן אין זיין „נאַציאָנאַליטעטן-קאָמענטאַר".

— יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט — האָט מאָנידעס פאָרגעזעצט — איך האָב עס געהערט אין א קאָמעדיע-ספּעקטאַקל. מע האָט געפרעגט א ייד: פון וואָס פאַר א נאַציע זענט איר? האָט ער געענטפערט: „און אנדערע"... פאַרשטייט זיך אז דער עולם האָט געלאַכט. מע האָט נישט געדאַרפט קיינעם פאַרטייטשן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

— איך האָב אָבער נאָך נישט פאַרשטאַנען — האָב איך געפרעגט מאָנידעסן — ווי אזוי איז עס א היסטאָרישע דערשיינונג, אָדער ווי אזוי איר האָט געוואָלט זאָגן, אז עס איז א היסטאָריש-דיאַלעקטישע דערשיינונג?

— איך האָב נאָך נישט געענדיקט, וואָס איילט איר זיך, איר גייט שוין צום משפּט?!

— וואָס איך איל זיך?! — זאָג איך מיט א שמייכל — איך וויל ענדיקן די פּישע, אפשר וועל איך דאָך זוכה זיין, אז מע זאָל מיך אויך משפּטן.

— איילט אייך ווינציקער מיט אייער משפּט — זאָגט צו מיר מאָנידעס גאַנץ ערנסט — איר מיינט, אז מע וועט אייך שוין משפּטן וועט אייער מצב זיין

א בעסערער? אמת, די באדינגגן האָבן זיך אָנגעהויבן ענדערן. סע האָט אָנגע-הויבן בלאָזן א פרישער ווינט. סע זענען שוין פאַרביי די צייטן, ווען דער קטי-גור האָט געטון מיט די נשמות וואָס ער האָט געוואָלט. אָבער דאָך פאַרשטיי איך אייך נישט. וואָס האָט איר אייך אזוי פאַרלייגט, אייגנטלעך, אז איר ווילט למען-השם אז מע זאָל אייך משפּטן?

— איך ווייס נישט צי סע וועט זיין בעסער נאָכן משפּט, אָבער איך ווייס אז אומגעמשפּט איז נישט גוט. יעדער קוקט אויף מיר ווי אויף א ווייסער וואָראָנע.

— אגב, וואָס קומט איר תמיד מיטן פאַרגלייך צון א ווייסער וואָראָנע?

— זאָגט מאָנידעס לאַכנדיק — איר זאָלט וויסן, אז איך האָב געהערט אָדער געלייענט ערגעץ, אז סע האָט זיך געפונען א ווייסע וואָראָנע, אמת זעלטע-נער, אָבער סע האָט זיך געפונען.

— איך האָב דען געזאָגט, אז סע זענען נישט פאַראַן קיין ווייסע וואָ-ראָנעס?! איך האָב נאָר געזאָגט, אז דווקא ווייל זיי זענען זעלטענע, קוקט מען אויף זיי ווי אויף א חידוש... אָבער לאָמיר נישט אָפּווייכן פון אונדזער שמועס: איר האָט געוואָלט זאָגן וועגן טעאָרעטישן יסוד פאַרן דעקלארירן זיך אָדער נישט פאַר א ייד.

— יאָ — האָט מאָנידעס ווי זיך דערמאַנט, וואו ער איז געבליבן — איך וועל עס אייך באַלד דערקלערן, אז די תקופות זענען געווען איינגעטיילט לויט דעם, אין וועמענס הענט סע האָט זיך געפינען די „מאכט". בעת די יידן זענען געווען די וואָרט-זאָגער אין דעם אידעאָלאָגישן היכל, דעמאָלט זענען אויך די געזעצן געווען אזעלכע, אז יעדער בירגער האָט זיך געקאָנט דערקלערן אין סיי וועלכער נאציאָנאַליטעט ער האָט געוואָלט, און מע האָט עס אָנגענומען פאַר גילטיק. ערשט שפּעטער האָט זיך אויך דאָס געזעץ געענדערט. וואָס איז די סיבה?

— דער יסוד פון דער סיבה — האָב איך געפּרואווט אויסבעסערן מאָ-נידעסן, כדי סע זאָל ווינציקער גדויערן דער פּירוש — מיינט איר...

— אויב איר ווילט — זאָגט מאָנידעס, אָן דעם אז ער זאָל זיך אָפּשטעלן — זאָל זיין דער יסוד, דער אידעאָלאָגישער יסוד פאַר דער דאָזיקער דערשיי-נונג. עס איז געווענדט וועגן עס איז דער וואָרט-זאָגער אין דאָזיקן ענין. למשל, אויב איר וועט זוכן אין אן ענציקלאָפּעדיע די דעפיניציע וועגן דעם וואָרט „ייד", וועט איר באַלד קאָנען באמערקן, אז ווען דער מחבר איז געווען א ייד, האָט ער עס אנדערש פאַרשטאַנען, ווי ווען דער מחבר פון דער ענציקלאָפּעדיע איז געווען א נישט-ייד.

— וואָס האָט עס דען צו טון מיטן זיין אַ ייד — פרעג איך פאַרוואונדערט — צו פאַרטייטשן אַ באַגריף? דאָס דאַרף דאָך זיין אָביעקטיוו, דאָס איז דאָך אַ וויסנשאַפטלעכער לינגוויסטישער באַגריף?!

— איר האָט ווידער אַ טעות, ווען איר מיינט, אַז וויסנשאַפט איז אַן אָביעקטיווער ענין, איך האָב דאָך אייך שוין וויפל מאָל געזאָגט, אַז גאָרנישט וואָס גייט אַרויס פון מענטשלעכן מויל, פונעם מוח, איז נישט אָביעקטיוו, ווייל דער מענטש איז נישט קיין אָביעקט, נאָר אַ „סוביעקט". ממילא איז ער, אויך ווען ער לייקנט עס בפירוש, סוביעקטיוו כמעט אין אַלע זיינע האַנדלונגען און געדאַנקען. סיי ער זאָגט זיי אַרויס סיי נישט... דערפאַר זאָג איך אייך, אַז אויב אַ ייד, אַ מחבר פון אַן ענציקלאָפּעדיע האָט פאַרטייטשט דאָס וואָרט „ייד", האָט ער עס געזאָגט אויף דעם אופן: „דער וואָס פּראַקטיצירט דאָס מאָזאַישע גלויבן"... זעט איר, ער האָט זיך באַגרענעצט אויף בלויז זעקס ווערטער, אָבער ער האָט דאָ אַריינגעלייגט זיין גאַנצן אני-מאמין. לויט דעם דאָזיקן פּירוש, איז דער וואָס פּראַקטיצירט נישט די יידישע אמונה, ער דאַוונט נישט, צי ער לייגט נישט קיין תפילין, עסט נישט קיין כשרס, דער איז שוין נישט קיין „ייד", ממילא קאָן ער זיך שוין דערקלערן פאַר וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט ער וויל. אַזוי פאַרטייטשט דאָס וואָרט, אָדער דעם באַגריף „ייד", איינער וואָס איז אַ ייד, אָבער ער וויל זיך דערפון אָפּזאָגן... פאַקטיש איז עס נישט ריכטיק. לויטן יידישן דין איז דער אַ ייד, וועלכער איז געבוירן פון אַ יידישער מוטער, סיי ער דאַוונט יאָ סיי ער דאַוונט נישט. נאָך מער, אַפילו ווען ער שמד זיך פופצן מאָל מיט שווענצלוואַסער בלייבט ער אַ ייד, אמת, אַ זינדיקער ייד — אָבער אַ ייד.

— דאַרף זיך דען אָריענטירן דער מחבר פון אַן ענציקלאָפּעדיע — פרעג איך מאָנידעסן — ווען ער וויל פאַרטייטשן אַ באַגריף, לויט דעם יידישן דין?

— איך זאָג נישט, אַז ער זאָל נעמען דעם יידישן דין פאַר אַ יסוד פאַר זיין דערקלערונג. איך האָב עס אָבער דערמאָנט ווי אַ ביישפּיל. נאָר אַז איר ווילט וויסן איז ער אַ ייד אויך נישט לויטן יידישן דין. אויך אין דער פּראַקטישער טאָגטעגלעכקייט וועט מען פאַררעכענען פאַר אַ ייד סיי ער היט אָפּ די יידישע דינים סיי נישט. עס איז געגנגן אַז איך זאָל אייך דערמאָנען אין יענעם וויץ, וואָס מע דערציילט וועגן אַ דאָרפס-ייד, וואָס האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן די ביזיונות, אַז מע זאָל אים נאָכשרייען „זשיד", האָט ער זיך באַקלאָגט פאַרן גלח, האָט אים יענער געעצהט, אַז ער זאָל זיך שמדן, דאָס איז לויטן גלחס מיינונג, די איינציקע רפואה. וועט ער זיך שמדן וועט מען אים מער נישט נאָכשרייען „זשיד". דער פאָלקלאָר דערציילט אָבער, אַז יענער ייד האָט זיך טאַקע געשמד, אָבער ער איז דאָך נישט פּטור געוואָרן פון די „שרייערס". פון איצט אָן האָט

מען אים טאקע נישט נאָכגעשריגן „זשיד“, נאָר „געשמדטער זשיד“... די געשיכ־
טע האָט שוין אזוי פיל מאָל באוויזן, אז עס איז נישט מעגלעך ארויסצוקריכן
פון דער אייגענער הויט, דאָס מאָל פון דער יידישער הויט... נאָר מער, איך וועל
אייך ווייזן א ביישפיל פון אן ענציקלאָפעדיע, וואָס האָט געהאט דעם זעלביקן
מחבר, א נישט־ייד, אָבער זי איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין פארשידענע אויס־
גאבעס, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווי די פריערדיקע אויסגאבעס, און איר
וועט געפינען די ענדערונגען פון דער טייטש פונעם וואָרט „ייד“, לויט דער
תקופה, אין וועלכער סע האָט זיך געדרוקט די ענציקלאָפעדיע. איך וועל אייך
בכיוון נישט זאָגן דאָס יאָר, אין וועלכן סע האָט זיך געדרוקט די ענציקלאָפּע־
דיע, אָבער אויב איר וועט זיין אויפמערקזאם וועט איר עס קענען אליין אונ־
טערשיידן לויט די תקופות וואָס איך האָב אייך פריער געזאָגט: די ענציקלאָ־
פּעדיע פארטייטשט דאָס וואָרט „ייד“ אזוי: „א מאנצביל, וועלכער געהער צו
א פארשפּרייט פאָלק אין כמעט אלע לענדער פונעם ערד־קיילעך, נאָכפאָלגער
פון דער באפעלקערונג פון פארצייטיקער פּאלעסטינע אָדער פון אנדערע בא־
פעלקערונגען, וועלכע האָבן אָנגענומען דאָס מאָזאישע גלויבן“. ווען מע לייענט
אָט דעם פארטייטש, איז עס אן אומשולדיקער פּירוש אָן שום טענדענציע־
זע כוונות, אָן שום בייזוויליקייט. אדרבה, עס איז קלאָרער פארטייטשט און
נענטער צום אמת, ווי דער פארטייטש וואָס איך האָב אים אייך פריער געזאָגט,
וואָס סע האָט געמאכט דער יידישער מחבר... איך וועל אייך דערמאנען דעם
נייערן פּירוש פונעם זעלביק מחבר, אין א נייער אויפלאגע: „אלגעמיינער נאָ־
מען געגעבן דער באפעלקערונג פון יידישן (מאָזאישן) גלויבן, אָפּשטאמיקע
פון די פארצייטיקע איינוואוינער פון פּאלעסטינע און פון אנדערע באפעלקע־
רונגען, וואָס זענען צוגעשטאנען צום יודאיזם“... עס איז, ווי מע קאָן באמערקן,
זייער ענלעך, און דאָך איז ער אן אנדערער. צו וואָס האָט געדארפט דער
מחבר, דער זעלביקער, א נייע פאָרמולירונג פארן זעלביקן באגריף? דאָס ווייסט
מען, פארשטייט זיך, נישט. אָבער מע קאָן זיך מערקן, אז די צייטן האָבן זיך
געביטן (הגם די „באפעלקערונג“ איז געבליבן די זעלביקע!) האָט שוין דער
אַלטער פּירוש נישט געקאָנט באפרידיקן דעם מחבר, האָט ער געזוכט א נייעם
פּירוש... פאר וואָס? ווייל סע האָבן זיך געביטן, די באדינגן, די תקופה די נייע,
האָט געמוזט מיט זיך ארויסרופן נייע פארטייטשן. דאָס איז דיאלעקטיק, סיי
דאָס וואָרט שטייט אייך יאָ אָן סיי סע שטייט אייך נישט אָן... א באוויז, אז אין
דער קומענדיקער אויסגאבע איז ווידער געענדערט געוואָרן דער פּירוש: „א פּאר־
שוין (פון מאָזאישן גלויבן) וועלכער געהער צו דער באפעלקערונג, וואָס שטאמט
לויט דער טראדיציע פון אלטערטימליכן ישראל און יהודה; א מענטש וואָס

געהער צו דער הויפּטבאַפעלקערונג פון דער היינטיקער מדינת ישראל"... איך האָב אייך נישט געזאָגט ווען סע זענען דערשינען די פאַרשידענע אויסגאַבעם פון דער זעלביקער ענציקלאָפּעדיע, אָבער מע קאָן זיך משער זיין ווען, בערך, זיי זענען דערשינען,

— אָבער וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן? — האָב איך איבערגעפרעגט מאָנידעסן נאָך זיין לאַנגן מאָנאָלאָג — איך ווייס נישט וואוהין איר ווילט דער־מיט אָנקומען.

— איך האָב אייך געוואָלט באַווייזן ווי אַזוי סע האָט זיך בהדרגהדיק אַנטוויקלט דיאַלעקטיש דער באַגריף וועגן דער נאַציאָנאַלער־צוגעהעריקייט, אַזוי אַז מיר האָבן געשריבן אונדזער נאַציאָנאַליטעט לויט דער תקופה און דער צייט אין וועלכער מע האָט אונדז געפרעגט...

— ווען זשע וועל איך פאָרזעצן שרייבן ווייטער מיין פּישע? — פרעג איך אין שפּאַס.

— מיר וואָלטן אויך איצט געקאָנט פאָרזעצן, אָבער איר וועט עס מוזן טון אָן מיר — זאָגט מיר מאָנידעס אַ ביסל פאַרזאָרגט — ווייל איך בין גערופן געוואָרן צום קטיגור... ער האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף געבן עטלעכע אויפקלע־רונגען...

— וואָס וויל מען נאָך פון אייך?! — האָב איך אויסגעשריגן ווי נישט מיט מיין קול — איר האָט דאָך שוין געזאָגט אַלץ וואָס עס איז געווען צום זאָגן.

— ליידער קאָן איך אייך אויף דער שאלה נאָך נישט ענטפערן — זאָגט שוין מאָנידעס מיט אַ שמייכל, אָבער מיט אַזאַ גרימאַסע, אַז נאָר אַ שמייכל איז עס נישט געווען. מער האָט עס אויסגעזען ווי אַ טרויעריקע מינע — ווען מע רופט, ווייסט איר דאָך, אַז מע ווייסט נישט צוליב וואָס... צו מאָל ווייסט מען נישט אפילו ווען מע קערט זיך שוין פון דאָרט צוריק.

10

„מײנע אוניװערסיטעטן“

װען איך זאָל זאָגן, איך בין דער גרעסטער שלימזל אויף דער װעלט, װאָלט איך נישט נאָר געזאָגט א שקר, נאָר איך װאָלט אויך באַגאַנגען אן עװלה קעגן מײן גורל, װאָס האָט זיך נישט זעלטן ארויסגעװיזן, אז איך בין גאָר א בר-מזל.

בין איך דאָך קײן מאָל נישט געװען צװישן יענע, װאָס זײ װײנען תמיד און באקלאָגן זיך, קײן מאָל זענען זײ נישט צופרידן. אדרבה, איך בין דערפון באַ-װאוסטזיניק און איך האַלט זיך פאר אײנעם װאָס האָט צו דער צײט געװאוסט אָפּצושאצן אויך װען עס איז מיר גוט געגאנגען. װען סע גײט עמעצן שלעכט װײסט דאָס יעדער אײנער. בלויז װען סע גײט אײנעם גוט, דעמאָלט װײסט עס נישט יעדער אָפּצושאצן. געװײנטלעך דערמאנען זײ זיך שוין אחר-המעשה, װען דאָס מזלדיקע „רעדעלע“ האָט זיך שוין איבערגעדרײט, דעמאָלט הײבן זײ אָן זיך צו באקלאָגן אז סע האָט זײ אָנגעהויבן גײן שלעכט. ביז איצט האָט מען זײ נישט געהערט אז זײ זאָלן אויסדריקן זײער צופרידנקײט, אז זײ איז גוט.

איך אײנער האָב געװײנטלעך יאָ געװאוסט, אז װען סע האָט זיך באװיזן אין מײן לעבן א שטראַל פון זוניקע טעג, האָב איך געזאָגט: כי טוב! עס איז גוט. דאָס צו זײן און זיך צו פילן צופרידן, האָב איך נאָך געירשנט פון מײן מוטער, זכרונה לברכה, אז תמיד קאָן זײן ערגער.

אקעגן װאָס איז עס איצט צו רײד געקומען? אקעגן דעם װאָס... איך בין דערגאנגען מיטן אויספולן מײן פישע צו דער רובריק „בילדונג“. דאָס איז אין מײן ביאָגראפיע אײנער פון די שװאכע „פּונקטן“. יעדער מענטש האָט דאָך, אין זײן ביאָגראפיע, א שװאכן פּונקט (מסתמא איז פאראן אויך צו א „שטאַר-קן“ פּונקט, אָבער דאָ רעדט זיך נישט װעגן די שטארקע פּונקטן!). איז דאָס כמעט תמיד געװען א שװאכער פּונקט. עס איז גענוג אָנצוהײבן פארצײכענען מײנע „אָנהײבן“ און מע װעט באַלד זען, אז מײנע ענטפערס זענען אזעלכע שװאכינקע, אז סע קרישלט זיך צװישן די פינגער.

איינגנטלעך, דארף מען ענטפערן בקיצור און פארצייכענען בלויז די פארענדיקטע שולן, צי קורסן — אָבער אזעלכע זענען ביי מיר נישטאָ. במשך מיין גאַנץ לעבן האָב איך אָנגעהויבן נישט ווייניק אָפיציעלע מלוכהשע שולן, אָבער פארענדיקט האָב איך כמעט קיין איינציקע נישט.

האָב איך תמיד געהאט שוועריקייטן. פארשטייט זיך, אז „שוועריקייטן" איז מילד געזאָגט. פאַקטיש האָב איך געהאט אויסצושטיין נישט ווייניק צרות ווען איך האָב געדארפט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראגע, נישט אין היימישע קרייזן, נאָר ביי די מאכט-אָרגאנען. וואָס למשל, האָב איך געקאָנט ענטפערן ווען מע האָט מיך געפרעגט — „בילדונג"?

בין איך געבליבן פארשטומט. איך בין נישט געווען תמיד צוגעגרייט צו אזא מין הארבער פראגע. וואָס זאָל איך געווען זאָגן? איך זאָל דערציילן אז ביי די קוים פיר יאָר האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין חדר?! איך זאָל זאָגן, אז איך האָב געלערנט ביז די אכצן יאָר אין דער ישיבה?! אז מיינע עלטערן האָבן פון מיר געוואָלט מאכן א רב?! אז איך האָב נישט געלערנט אין די מלוכהשע שולן, כדי נישט צו מוזן שרייבן אום שבת?!

יאָ, בילדונג? וועגן בילדונג האָב איך זייער פיל צו זאָגן — אָבער ליידער אויך זייער ווינציק. עס איז געווען א צייט, ווען איך בין אָפּגעקומען מיטן וואָרט „אויטאָדידאקט", דאָס האָט געזאָלט אויפקלערן, אז איך האָב זיך געלערנט אליין, נישט אין קיין שולן. אויב עמעצער האָט עס נישט גוט פארשטאַנען, האָב איך אים אויפגעקלערט, אז איך האָב געמאכט די זעלביקע שולן וואָס סע האָט געמאכט גאָרקי... גאָרקי? מאקסים גאָרקי, דער רוסישער קלאסיקער, וועלכער האָט געשריבן א בוך אונטערן טיטל „מיינע אוניווערסיטעטן"... ער האָט געמאכט זיינע „אוניווערסיטעטן" ווי אן ארבעטאָרער אין א האַוון און איך אין דער ישיבה (איך האָב נישט די העזה זיך צו פארגלייכן מיט גאָרקין דעם שרייבער, חלילה. איך האָב געמאכט דעם פארגליין בלויז אין איין איינציקער הינזיכט: בילדונג, אוניווערסיטעטן!). אָבער נישט אלע מאָל האָט מען געקאָנט אָפּקומען די דאָזיקע ברענענדיקע פראגע פון „בילדונג" מיטן וואָרט „אויטאָדידאקט". איז גיי דערצייל וועגן חדר און ישיבה, וועגן תנך, וועגן תלמוד, מפורשים, פוסקים, רמבם, איבן עזרא, מאָדערנע העברעאישע און יידישע ליטעראטור, וואָס איך האָב איינגעשלונגען יום-ולילה און מיר אָנגעזאמלט א ביסעלע נישט-סיסטעמאטיזירטע קולטור — אָבער דאָס קאָן מען דאָך נישט אָנשרייבן אין א פראַגעבויגן, ווען מע דארף ענטפערן: וויפל קלאסן?...

נו וויפל קלאסן? איז וואָלט איך געקאָנט זאָגן אז עפּעס קלאסן האָב איך יאָ: איין טאָג בין איך געווען אין שול. סע האָבן מיך מיטגענומען מיינע

חדר-קאַלעגן, האָט מען מיר געהייסן אַז איך זאָל מאַכן שטריכעלעך, אַזוי ווי יעדער שילער הייבט אָן דעם ערשטן טאָג פֿון זיין שול... האָב איך נישט געמאַכט קיין שטריכעלעך, נאָר האָב געשריבן אַ קורץ בריוול, אַזוי ווי איך האָב געלערנט אין חדר שרייבן אַ בריוול, נאָך אַ גריזל, וואָס סע האָט מיר פֿירגעשריבן דער מלמד... ווען דער לערער האָט געזען מיינע „שטריכעלעך" האָט ער מיך גענומען ביי דער האַנט און מיך אָפּגעפֿירט אין דער דריטער קלאַס...

מיט דעם האָב איך פֿאַרענדיקט מיט מיין עלעמענטאַר-שול.

...שפּעטער מיט יאָרן האָב איך אָפּגעגעבן עקזאַמענעס און באַקומען אַן אַטעסטאַט פֿאַר זיבן עלעמענטאַר-קלאַסן; איך האָב געלערנט פֿיר יאָר אויף אַ הויך-שול אָבער נישט געקאָנט ענדיקן, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין דיפּלאָם פֿאַרן ענדיקן די מיטלשולן...

וואָס זאָל איך לאַנג ברייען? איך האָב דאָך געזאָגט אַז דאָס איז מיין שוואַכער פּונקט, ווייל נישט-געענדיקטע שולן פֿאַרשרייבט מען נישט.

וועגן די מיטלשולן דערמאָן איך שוין קיין מאָל נישט, אַפֿילו נישט פֿאַרן בית-דין של מעלה — ווייל ביים בית-דין של מטה האָט מען מיך שיער נישט פֿאַרמשפּט, ווייל דער אַטעסטאַט איז געווען אַ... פֿאַלשער.

בכן, לאָמיר ווייטער זיך באַגגיגן מיטן אַלטן אויסגעפּרוואַווטן וואָרט „אויטאָדידאַקט"...

11

דערובלירט

אַנקומענדיק צו דער רובריק „ציווילער מצב, באַווייבט, געגט, ווידער חתונה געהאַט", האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. וואָס זאָל איך דאָ ענטפֿערן? אמת, מע קאָן עס טון גאָר פּשוט, מיט איין וואָרט: „באַווייבט, און איין קינד". זענען אָבער פֿאַראַן אין האַלבע לבנות צוגאָבלעכע שאלות, וואָס צווינגען צו ענטפֿערן צי עס איז דאָס ערשטע מאָל צי ווידעראַמאָל חתונה געהאַט.

אַוודאי וואָלט מאַנידעס מיר געקאָנט אַרויסהעלפֿן אָבער פּונקט איצט באַווייזט ער זיך נישט. נו מילא, דאַרף מען צוװאַרטן. יאָ, אָבער וואו נעמט מען געדולד אויף צו וואַרטן? דער גאַנצער עסק, דאָס פֿאַרלירן דעם דאָסאַר און דער פּרואוו אים ווידער צו רעקאָנסטיטואירן לאָזט מיך נישט רוען.

אויב פֿריער, ביים ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע „בילדונג" האָב איך געוואוסט אַז דאָס איז מיין „שוואַכער פּונקט" — ווייל איך האָב פּשוט נישט געוואוסט ווי אַזוי צו געבן אַן אויפֿריכטיקן ענטפֿער. איצט, אָבער, קאָן איך יאָ געבן דעם ענטפֿער, אָבער ער איז צו טריקן און נייטיקט זיך אין אַן אויפֿקלערונג. ווייל „ווידעראַמאָל חתונה געהאַט" קאָן מיך שטעלן אין אַ נישט גינציקן ליכט, אין וואָס איך האָב קיין שום שולד נישט.

יאָ, איך האָב זיך קיין מאָל נישט געגט, אַזוי אַז מע קאָן מיר גאָרנישט פֿירוואַרפֿן...

ווען איך האָב דערציילט מאַנידעסן, נאָך עטלעכע נעכט, ווען ער האָט זיך באַוויזן, האָט ער בלויז געשמייכלט איראָניש, ווי זיין שטייגער איז געווען: — וואָס מאַכט איר אייך אומזיסטיקע זאָרגן? דאָס חתונה-פּראָבלעם איז זינט תמיד געווען אַ האַקלדיקער עסק, נאָך זינט די אבות... אַלע האָבן געהאַט פּראָבלעמען מיטן חתונה האָבן, אחוץ יצחק-אבינו, וועלכער האָט חתונה געהאַט דורך אַ שדכן, און גענומען פֿאַר אַ פֿרוי זיין אַ קוזינע, וואָס סע האָט אים געבראַכט אליעזר עבד-אברהם. זעט איר, ער איז דער איינציקער פֿון די אבות,

װעלכער האָט זיך נישט געמאַכט קיין פּראָבלעמען, הגם ער האָט אַזעלכע אויך געהאַט.

— איך דערמאָן זיך נישט — זאָג איך מאַנידעסן — אַז יצחק־אבינו זאָל געװען האָבן עפּעס „קאָנפליקטן" מיט דער מוטער רבקה?

— איז װעל איך אײַך דערמאָנען — זאָגט מאַנידעס איראָניש — אַנו, דערמאָנט זיך, אַז רבקה האָט אים אונטערגעשיקט יעקבן צו באַקומען די בר־כות, װאָס ער האָט געװאָלט געבן עשׂיון... דאָס איז שלום־בית?! איר זעט נישט אַז זי האָט אפילו נישט געפּרוּװט מיט אים איבערצושמועסן דעם ענין, װײַל זי האָט געװוּסט, אַז דאָס זענען אַרויסגעװאָרפענע רייד?!... אַזוי זעט אויס אַ שידוך, װאָס איז געשלאָסן געװאָרן צװישן צװיי מענטשן דורך אַ שדכן, האָבן חתונה און בלײַבן װײַטער פאַרפרעמדט צװישן זיך, אויך נאָך דעם װי מע האָט אויפגעגעסן אַ באַרג זאַלץ, מע האָט אויפגעװאַקסן צװיי זין...

איך האָב אונטערבראָכן מאַנידעסן:

— ביי מיר איז עס נישט געװען דער פאַל...

— איך װייס — זאָגט מאַנידעס — עס איז בכלל נישט פאַראַן קיין צװיי פאַלן, װאָס זאָלן זיין פּונקט ענלעך...

— נישט „פּינקטלעך", נאָר לגמרי נישט ענלעך — זאָג איך — איך האָב חתונה געהאַט דריי מאָל, אָבער קיין איין מאָל נישט דורך אַ שדכן.

— נו, נישט אברהם־אבינו און נישט יעקב־אבינו האָבן נישט חתונה געהאַט דורך אַ שדכן.

— נו, האָבן זיי נישט געהאַט קיין פּראָבלעמען? — פרעג איך — יאָ, יע־דער האָט געהאַט זײַנע פּראָבלעמען... אברהם־אבינו האָט איבערגעלעבט אַ דראַ־מע", װען די מוטער שׂרה האָט אים אַזוי לאַנג דערקוטשעט ביז ער האָט גע־מוזט אװעקשיקן די ייִנגערע הגר... יעקב־אבינו האָט איבערגעלעבט זיין דראַ־מע ביז ער האָט, נאָך פערצן יאָר קנעכטשאַפט, באַקומען זיין געליבטע רחל פאַר אַ פרוי — אָבער געװאָרן אַ טראַגעדיע, װען זי איז געשטאָרבן ביי דער צװיי־טער געבורט...

אַ װײַלע האָבן מיר ביידע געשװיגן. ענדלעך האָט זיך מאַנידעס אַנט־שלאָסן און מיר געשטעלט די פראַגע, װאָס ער האָט געפילט אַז איך װיל זי בכיװן אויסמיידן:

— איר זענט אַ װידער חתונה געהאַטער?

— יאָ — האָב איך געענטפערט שװער, אָבער אים האָב איך דאָך גע־מוזט דערציילן דעם גאַנצן אמת מיט די פּרטים, װי פּיינלעך דאָס זאָל פאַר מיר נישט זיין, װײַל איך האָב דאָך געװאָרט זיין אַן עצה — מײַן ערשטע פרוי האָט

זיך געראנגלט מיטן מלאך-המוות און ער האָט זי בײַגעקומען אין אױשװיצער קרעמאַטאָריע... מײַן צװײטע האָט זיך געראַנגלט מיט זיך גופא, אין אַ קריטישן מאָמענט, װען זי האָט געװאָלט אַנטלױפן פון איר צװײטער דערובלירטער נשמה, דעמאָלט האָט זי גערופן צו הילף דעם מלאך המוות...

אַז איך האָב נישט פאַרגעזעצט, האָט נאָך אַ קורצן פײַנלעכן שװײַגן מאָנידעס דאָך געפרעגט:

— און דאָס דריטע מאָל?

— דאָס דריטע מאָל... איר גלײבט אין צופאַל? — פרעג איך מיטאַמאָל מאָנידעסן — צי, װי זאָל איך זאָגן, אין השגחה?...

— איך האָב דאָך אײַך שױן געזאָגט — זאָגט מאָנידעס — איך גלײב נישט אין „בלינדן" צופאַל. איך גלײב בכלל נישט אין צופאַליקײטן, נאָר אין איבנאַטױפיקע „צופאַלן", װאָס זענען נישט עפּעס אַנדערש װי רעזולטאַטן פון סיבות...

— און די „סיבות"? — פרעג איך איבער מאָנידעסן.

— די סיבות זענען אױך נישט קײן צופאַליקע, זײ זענען דעטערמינירט פון אַנדערע סיבות, װאָס נישט אַלע מאָל װײסט פון זײ דער מענטש, זײ זענען נישט אַלע מאָל קײן אַנטפּלעקטע, אין יענער צײַט. טײל װערן אַנטפּלעקט פיל שפּעטער, װען דער מענטש נעמט זײ שױן כמעט נישט אין אַכט...

איך האָב פאַרגעזעצט מײַן אָנגעהױבענעם ענטפער:

— דאָס דריטע מאָל... איצט בין איך שױן דער דערובלירטער...

— אין אַ געװיסן זינען — זאָגט מאָנידעס — איז יעדער באַװײַבטער מאַן אַ דערובלירטער. אדרבה, װאָס האַרמאָנישער עס איז דאָס משפחה-לעבן, אַלץ בולטער קומט אױס די דערובלירטקײט פון אים מיט זײַן פרױ...

— איך בין נישט בײַ אײער מײנונג — פרעג איך אָפּ מאָנידעסן — אין דאָזיקן פאַל קאָן מען נישט רעדן פון דערובלירטקײט, אדרבה, נישט אײנער איז „צװײ", אדרבה, צװײ זענען „אײנער", געאײניקט אױב נישט דורך ליבע געפילן איז כאָטש פונעם גורל, ציל, געמײנזאַמע אינטערעסן און געװאױנהײט, װאָס מיט דער צײַט זענען זײ צונױפגעשמאָלצן געװאָרן צװײ אין אײנעם, בעת מיר רעדן װעגן היפוך: פון אײנעם, אָדער פון אײן גאַנצן, האָבן זיך צעשפּאָלטן צװײ העלפטן װי באַזונדערע „אײנסן"... און היות אַ „העלפט" איז קײן מאָל נישט קײן „גאַנצס" דערפאַר איז לאַיבוד געגאַנגען די גלײַכװאָג. בעסער געזאָגט דער פּסיכישער עקיליבער...

— װי אַזױ מײנט איר עס? — פרעגט מאָנידעס, דאָס מאָל שױן מיט אַן ערנסטן טאָן, מיטפילנדיק.

— איך בין נישט „איך", — ווײל איך אים געבן צו פארשטײן — און בין יאָ איך, גלײך איך װאָלט געװען ארויסגעגאנגען פון מײן הויט און ארײן אין א צװײטער, אָבער דאָך מײנע, ווײל א לגמרי צווײטע הויט פארמאָגט דאָך קײן שום מענטש נישט...

— איך פארשטײ װאָס איר װילט זאָגן — זאָגט מיר מאָנידעס — הגם דער מענטש בכלל איז זײער באגרענעצט, ער קאָן קײן מאָל פון זײן אײגענער הויט נישט ארויסגײן... אָבער װאָס א שײכות האָט עס צון אײך?

— איך װעל אײך געבן א משל: אױפן צװײנטער האָט מען מיך געהאַלטן פאר א ייד, און דאָ, אויפן בית-עלמין, האַלט מען מיך פאר א „גוי"...

— נו, אָט דאָס — מאכט שוין מאָנידעס א הײטערער, מיט זײן געוויינט-לעך שמײכעלע — דאָס בין איך דאָך אויך, און פיל פון אונדזער דור, װאָס האָבן אדורכגעמאכט כמעט דעם זעלביקן װעג, מיטן זעלביקן גורל...

— מײנט איר, אז אויך אין אונדזער פאַל איז „צרות רבים חצי נחמה", אז די צרה פון מערערע זאָל זײן א טרײסט פאר אונדז יחידים?

מאָנידעס האָט נישט געענטפערט אויף מײן פראגע. סע האָט זיך אָנ-געזען, אז מײנע מסקנות האָבן אים אפשר נאָך מער געערגערט װי מיך גופא.

צום סוף האָט ער מיך געטרײסט:

— האָט איר כאָטש א װידערוואוקס, א געראָטענע טאָכטער...

— יאָ, — זאָג איך — אָבער זי האָט דאָך דעם זעלביקן גורל, אויך א מין דעדובלאציע-גורל, װאָס זי ירשנט פון מיר...

*

א צײט האָב איך שוין מער נישט באגעגנט מײן גוטן חבר מאָנידעס. איך האָב פארלוירן זײנע שפורן.

...האָב איך אונטערבראָכן מײן שרײבן די פישע. אָן זײן הילף האָט עס דאָך נישט קײן זין, בפרט אז מע האָט עס פון מיר נאָך נישט געפאָדערט.

האָב איך אָנגעשריבן עטלעכע פערזן, אין װעלכע איך האָב כמעט רע-זומירט מײן ביז איצטיקע פישע.

12

אין שפּיגל, בין איך

איך באהאַלט זיך נישט פֿאַר קיינעם.
סע זינגט זיך דאָך פֿריי דאָס ליד;
היינט, אין טאָג אין דעם שיינעם,
אָפֿן וויל איך זאָגן: איך בין א ייד.

היינט האָב אַליין זיך אָנגעקלונגען,
גערופֿן מיין שאָטן דורכן טעלעפֿאָן;
ניינעריק הערן מיין אַלטן נאָמען,
אויף וועלכן איך רוף זיך נאָך אָן.

אין שפּיגל מיין נשמה געוואָלט זען,
געזוכט דאָרט מיין אמתדיק געזיכט;
ווי, איך גופֿא דער שאָטן בין געווען,
אין שפּיגל געשטראַלט נאָר דאָס ליכט.

דווקא אין אַן אומהיימליכער שעה,
געוואָלט איך הערן א וואַרעם וואָרט;
אויב עלנט פֿילט מיין שאָטן זיך דאָ,
איך, אין שפּיגל, בין היימישער דאָרט.

דאָך בלייב איך קיין מאָל נישט אַליין,
בין תמיד געצווילינגט מיטן שאָטן;
נאָר ווען די וועגן זיך צעגיין,
דעם אמתן וועג שווער צו ראָטן.

נישט נאָך סתם אַ וואָרט בענקט זיך,
מער לעכצט מיין נשמה נאָך אַ ניגון;
וועז איז כאָר מיטגעזונגען אויך איך,
איז אָנשטאָט אַן אמת, ארוים אַ ליגן.

איז ליבער אַ מעשה־משל דערציילן,
זענען דאָך מעשיות סאמע זמירות;
וועט אפשר אַ רעיון זיך אויסשיילן,
פון די מליצהדיקע פּראָזע־שורות.

איך באהאלט זיך נישט פאר קיינעם,
סע זינגט זיך שוין פרייער דאָס ליד;
היינט, אין טאָג אין דעם שיינעם,
אָפן מעג איך זאָגן: איך בין אַ ייד.

13

א „ליטעראַטור־פּרייז“

מאַנידעס איז א פרײלעכער, אַנגעקומען צו לויפן, זיך געאײַלט מיר אָנצוזאָגן די גוטע בשורה:

— מזל־טוב! איר וועט ווערן א פּרייז־טרעגער — זאָגט ער מיר אָן מיט א צווייטייטיקן שמייכל, ווי געוויינטלעך — דאָס מזל האָט אייך צוגעשפּילט...

איך בין באמת געוואָרן איבערראשט. אויף אַלעמען האָב איך געקאָנט זיך איצט דערוואַרטן, בלויז אויף דעם איינעם בשום אופן נישט. דאָס איז איינס־צווייטנס: מאַנידעסעס שמייכעלע זאָגט מיר נישט אַלע מאָל אָן א קלאָרע זאַך, תמיד איז עס ביי אים צווייטייטיק, צווישן וואָר און א שפּאַס. אויך איצט ווייזט אויס אז סע זאָל זיין א גוטע בשורה, אָבער מיט „נאָך עפּעס“, וואָס שמעקט גאָרנישט מיט קיין פרײלעכס. איז פאַרשטייט זיך, אז ביז איך וועל פון אים געוואויר ווערן ביידע זייטן פון דער דאָזיקער „פּרייז“־מטבע, וועט מיר נאָך נישט אָנקומען צו זיין פרײלעך.

— ווי אזוי זענט איר דאָס געוואויר געוואָרן — פרעג איך מאַנידעסן א פאַרזיכטיקער — איך ווייס באמת נישט צי איך זאָל זיך פרייען צי נישט. צו וואָס טויג מיר בכלל איצט א ליטעראַטור־פּרייז?

— וואָס הייסט, צו וואָס? א פּרייז! א מעדאַל, איז תמיד דערפרייענדיק. עס איז דערמוטיקנדיק, סע גיט כוח צו גיין פאָרויס...

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — זאָג איך שוין דאָס מאָל מיט ביטערקייט — ועמען קאָן עס שוין דערמוטיקן, אָדער דערפרייען?! מיך, אָדער אייך, — וועמען? אונדזער „פאָרויס גיין“ איז דאָך שוין „בארג־אראָפּ“...

מאַנידעס האָט ווי אָפּגעווישט דאָס איראָנישע שמייכעלע פון זיינע ליפּן, ווי מע ווישט אָפּ טראָפּן, נאָכן טרינקען וואסער. און נאָך א קליינער פּויזע האָט ער אָנגענומען זיין דידאַקטישן טאָן, ווי זיין שטייגער איז געווען, און געזאָגט:

— אפשר האָט איר טאַקע רעכט, חבר זעליקאָוויטש, מיט אייערע סקעפּ-
טישע שאלות, אָט-אָט און דער באַן וועט זיך אָפּשטעלן, מיר וועלן אַרויס אויפן פּעראָן, זיך אומקוקן גלייך מיר וואָלטן אָנגעקומען אין אַ נייער, פרעמדער שטאָט. מיר וועלן שטיין און זיך וואונדערן: וואו זענען מיר? מיר זענען דאָך אָנגעקומען אין אַ יישוב, אַ פרעמדן, אָן אונדזער ווילן. מיר קאָנען דאָ קיינעם נישט און קיינער קאָן אונדז נישט... וואָס זשע זוכן מיר דאָ?... איר, חבר, זעליקאָוויטש, האָט געשריבן אין אייער לעבן עטלעכע לידער, גוטע פערזן, מע האָט געקאָנט אָננעמען פאַר געראָטענע. אפשר זענען אייניקע געווען בעסערע, וואָס האָבן זיך דערהויבן אַ ביסעלע, מיט איין טרעפּעלע, העכער ווי דער דורכשניט — נו, איז וואָס?

— נו, טאַקע, אָט דאָס זאָג איך דאָך — העלף איך אים אַרויס — צו וואָס זשע טויג מיר דער פּרייז? וועמען וועט ניצן אַזאַ מין באַלוינונג?

— ניצן? — נעמט איבער מאַנידעס מיין פראַגע — דאָס האָט איר רעכט. אַזוי דאַרף מען טאַקע שטעלן די פראַגע: וועמען וועט עס ניצן... אָדער גאָר, וועמען פעלט עס...

מאַנידעס האָט זיך אָפּגעשטעלט. און אַז איך האָב אים נישט איבערגעריסן די רייד, האָט ער פאָרגעזעצט:

— אין ענין ליטעראַטור דאַרף מען טאַקע אַזוי מישפּטן. אויב אַ ליד, אָדער אַ דערציילונג „ניצט" אָדער „פעלט" אויס. נאָר אַזוי, מיין איך, דאַרף מען מאַכן דעם חשבון צו מעסטן אָדער וועגן דעם ליטעראַרישן ווערט. אויב למשל אַ ליד וואָס מע האָט אָנגעשריבן, וואָלט געפעלט ווען מע וואָלט עס געווען נישט אָנגעשריבן — אָט דאָס איז אַן אויפטו. אויב אַ דערציילונג וואָלט געפעלט, סיי פון ליטעראַריש-קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, סיי פונעם געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט — אָט אַזאַ מין ליד אָדער דערציילונג האָט דאָס רעכט אויף אַ קיום, און וועט מסתמא איבערלעבן אַ שטיקל צייט (קיינער ווייסט נישט וויפל, אָבער דאָך וועט עס נישט פאַרגעסן ווערן אַזוי גיך, ווי למשל אַ צייטונגס-אַרטיקל)... אין דער הינזיכט איז שוין בילכער אַ פאָרש-אַרבעט, וואָס ברענגט עפּעס נייס, און מע וועט מוזן אָנקומען צו די ידעות וואָס אָט די אַרבעט ברענגט, ווען מע וועט וועלן שרייבן געשיכטע.

— קאָן מען דען פאַרגלייכן פּובליציסטיק צי אפילו עסייאיסטיק מיט בעלעטריסטיק? — פרעג איך איבער מאַנידעסן, כדי ער זאָל זיך נישט דערווייטערן פון אונדזער טעמע.

— אויף אַזוי פיל, וויפל איך האָב אייך געוואָלט דערקלערן, אויף אַזוי פיל קאָן מען יאָ פאַרגלייכן. פאַרשטייט זיך, אַז מע רעכנט זיך מיט די מע-

לות און אויך מיט די חסרונות פון פּאָעזיע אָדער פּראָזע. אפשר, אין אייער פאַל האָט מען זיך גערעכנט אויך מיט אייערע פּאַרש-ארבעטן, אייער בייטראָג צו געשיכטע.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — זאָג איך ווי שעמעוודיק — עס איז כמעט לעכערלעך דאָס גאַנצע שפּיל מיט די ליטעראַטור-פּרייזן, בפרט ביי אונדז...

— אזוי איז איצט די מאָדע — זאָגט מאָנידעס ווי א פּסק-דין — אז די וועלט פירט זיך אזוי, מסתמא דאַרף עס אזוי זיין.

— פּאַרציייטנס — זאָג איך — האָט מען נישט אויסגעטיילט יעדן מיט-וואָך און דאָנערשטיק אזוי פיל פּרייזן, און יענע שרייבער צי דיכטער, וואָס האָבן געהאַט עפּעס צו זאָגן — האָבן עס געזאָגט. אדרבה, טייל פון זיי האָבן עס גע-זאָגט פיל בעסער ווי די היינטיקע לאַורעאַטן, אָדער טרעגער פון פּרייזן מיט פאַרשידענע נעמען וועגן וועלכע מע ווייסט קוים ווער זענען געווען, כדי צו פּאַרטייטשן זייער באַטייט... יהודה הלוי צי היינריך היינע האָבן נישט באַקומען קיין ליטעראַטור-פּרייזן...

— לאַכט נישט — זאָגט מאָנידעס מיט זיין איראָנישן שמייכעלע — איך האָב טאַקע געטראַכט צו מאַכן אזא מין ווערטערבוך. נישט פאַר די פּרייזן פון דער וועלט-ליטעראַטור, אויף דעם בין איך נישט ביכולת. אָבער איך האָב געטראַכט צו מאַכן אזא מין „קליינע ענציקלאָפּעדיע" פאַר די יידישע פּרייזן פאַר ליטעראַ-טור. אָט דאָס האָב איך געטראַכט, וואָלט יאָ מעגלעך געווען...

— סע דאַכט זיך אייך — זאָג איך — אז עס איז אזוי לייכט.

— איך האָב נישט געזאָגט, אז עס איז לייכט — אונטערברעכט מיך מאָנידעס — דאָס ווייס איך, אז עס איז נישט לייכט. אָבער עס איז מעג-לעך. איך וועל אייך זאָגן ווי אזוי איך האָב עס פאַרטראַכט: איך וועל שרייבן צו אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון דער וועלט, וועלכע האָבן געגרינדעט אזעלכע ליטעראַטור-פּרייזן, אז זיי זאָלן מיר צושיקן דאַטן וועגן יענעם וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם פּרייז...

— אָט דאָס איז דאָך עס — האָב איך איבערגעריסן מאָנידעסן פון זיין חלום — איר ווייסט אפילו נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, אז זיי זאָלן אייך ענטפערן אויף אייערע פראַגן... סע זענען פאַראַן, ברוך-השם, אויף דער וועלט אזוי פיל, אזוי פיל ליטעראַטור-פּרייזן — באַלד מערער ווי שרייבער, און יידישע שרייבער, באַלד מערער ווי לייענער — און לייענער...
נישט מערער ווי...

— און לייענער זענען — האָט מיך מאָנידעס דערגענצט — זענען נישט מערער ווי...

— ווען סע האנדלט זיך אין איראָניע — זאָג איך מאָנידעסן מיטן זעל־ביקן טאָן — זענט איר א מייסטער...

— נו, יאָ — זעצט פאָר מאָנידעס — איך וואָלט אייך געקאָנט אויסרע־כענען, לויטן אלף־בית, א ריי לענדער; אין יעדן לאנד א ריי שטעט, לויטן אלף־בית; און אין יעדער שטאָט א ריי ליטעראטור־פרייזן, אויך לויטן אלף־בית, אויף די נעמען פון: אברהם־אָבינו, ביאליק, גמליאל, דוד־המלך, הושע, וואָלף, זכריה, חבקוק, טוביה, ישעיה, ירמיה אָדער יחזקאל...

— גענוג, גענוג — האָב איך שוין אויסגעשריגן — שטעלט אייך אָפּ, סטאָפּ! סע זענע שוין גענוג...

— גענוג, זאָגט איר? — פארחידושט זיך מאָנידעס מיט אן ערנסט, וואָס מע וואָלט געקאָנט מיינען, אז ער שפּאַסט שוין נישט, אז ער מיינט עס מיטן גאנצן ערנסט — איך האָב אייך בלויז אָנגערופן עטלעכע נעמען, וואָס זענען אפילו נישט קיין טראָפּן פון א ים... בארעכנט אייך גוט, אז איך האָב נאָך נישט דערמאנט קיין פּיצל אפילו נישט פון די ביבלישע נעמען; ווען איך וועל אָנקומען צו די היינטיקע, פון וועלכע איינער איז געווען א בידנער שריי־בער, און האָט אָפּגעשפּאָרט פונעם מויל, כדי צו לאָזן א „פאָנד“ פאר א פּרייז, וואָס קלעקט נישט אפילו אויף די פּאָסט־מארקן אים איבערצושיקן פארן פּרייז־טרעגער; אן אנדערער, וואָס איז געווען א „קעמפער“ דאָ, צי א „קעמפער“ דאָרט

— און מע דאַרף למען־השם פאראייביקן זיין נאָמען; איינער, א פּשוטער גביר, אן עם־הארץ, וואָס האָט אין זיין לעבן נישט געוואוסט וואָס יידישע ליטערא־טור איז, איז ביי זיין צוואָה געוואָרן א מעצענאט, און איבערגעלאָזט א „פאָנד“ כדי...

— גענוג — האָב איך איבערגעריסן מאָנידעסן פון זיין גערעדעריי — עס איז שוין גענוג. בעסער זאָגט מיר, ווי אזוי רופט זיך דער פּרייז, וואָס וואַרט מיך?

— גענוי, געדענק איך נישט — זאָגט שוין בארואיקט מאָנידעס — עס איז עפּעס א מאָדנער נאָמען, האָב איך אים נישט פארגעדענקט. אויב איר ווילט קאָן איך זיך דערוויסן.

— אָט דאָס וואָלט איך אייך טאקע יאָ געבעטן. ווייל איצט איז מיר געקומען אויפן געדאנק, אז אָננעמען אזא מין פּרייז, וואָלט נישט געווען קיין שום חי־דוש. העכסטנס וואָלט געוואָרן פארצייכנט דאָ און דאָרט, אין די דריבנע־אותיותדיקע ידיעות, אז דער דיכטער בנימין זעליקאָוויטש האָט באקומען דעם

פרייז (לאָמיר זאָגן: „משה-רבינו-פרייז"!). דער זשורי איז באַשטאַנען פון די חברים... דער רעפערענט האָט אונטערגעשטראָכן די פאַרדינסטן פונעם שרייבער, און דער בעל-היובל האָט געדאַנקט. נו, איז וואָס? מיינט איר אפשר אַז כאָטש דער זשורי האָט איבערגעלייענט די „ווערק"? איך גלייב נישט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געדולד צו לייענען אָדער צו לייענען ביזן סוף — צו וואָס זשע טויג מיר אַזאַ מין כבוד? בעסער וועל איך זיך אָפּזאָגן, מיט אַ פּאַטעטישן טעלעגראַם: „גיט מיר צען יונגע יידיש לייענער, זאָל דאָס זיין מיין פרייז, און איך וועל זיך אָפּזאָגן פון אייערע פינף הונדערט דאָלאַר"...

— צו וואָס טויג זיך אָפּזאָגן? — פרעגט מאָנידעס מיט זיין איראָניש שמייכעלע — איך, אויף אייער אָרט, וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט... איך וואָלט מיר געלאָזט דרוקן וויזיט-קאַרטן און אונטערן נאָמען אויפגעשריבן: „לאַורעאַט פון נאָבעלעם פרייז פאַר ליטעראַטור א"נ פון..." און מיטן ביסל געלט...

— וואָס הייסט „נאָבעלעם פרייז"?

— איך זאָג עס נאָר אַזוי, כדי סע זאָל קלינגען ווי כמעט אַ „נאָבעל-פרייז"... וואָס שייך דעם ביסל געלט, וואָלט איך מיט די פינף הונדערט דאָלאַר געגרינדעט אַ...

— אַ „פאָנד" — כאַפּ איך אויס מאָנידעסן דאָס וואָרט פונעם מויל.

— יאָ, אַ „פאָנד". פון וואַנען ווייסט איר, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן?

— צעשמייכלט זיך מאָנידעס — זעט איר, אָט דאָס וואָלט געווען אַ געדאַנק: אַ פאָנד אויפן נאָמען פון בנימין זעליקאָוויטש, פאַר צוטיילן אַ פרייז פאַר די יידישע לייענער וואָס וועלן זיך נאָך געפינען... דאָס געלט זאָל איינגעלייגט ווערן אין אַ באַנק, און פון די פּראָצענטן זאָל מען יערלעך אויסצאָלן צון אַ פרייז פון אכצן דאָלאַר, בגמטריה ח"י...

14

מע משפט שוין מיט מידת הרחמים

— דער בית-דין קומט! — האָט אָפּגעהילכט א טענאָר-קול פון איינעם א משרת, וואָס האָט פייערלעך אָנגעזאָגט די בשורה, גלייך ער וואָלט אָנגעזאָגט, אז „סע ברענט!".

דער גאנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָנדן די בליקן צום אריינגאנג.

אָבער נישט נאָר דער בית-דין איז אריינגעקומען. אחוץ די דריי דיינים, פון וועלכע סע האָט זיך געפילט א מין מלאָכישער אָפּשטראַל, וואָס האָט נישט ווילגדיק געוואָרפן א יראת-הכבוד מורא אויף יעדן — איז נאָכגעגאנגען אויך דער קטיגור, וועלכער הגם ער איז נישט פונעם בית-דין, איז ער דאָך זייער א שותף, וואָס אָן אים וואָלט מען דאָך נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן קיין בית-דין און קיין שום לייטישן משפט... דערנאָך איז געקומען דער גרעפיער, דער סעקרעטאר פונעם בית-דין, מיט א הויפן דאָסארן אונטערן אָרעם.

איך האָב זיך געפונען אין א מצב פון א נישט-אויסגעניכטערטן נאָך א שיכרות, ווי איינער וואָס האָט זיך נאָך נישט גוט אויפגעוועקט נאָך א טיפן שלאָף. איך האָב א ווײַלע זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אז ענדלעך בין איך דאָ דער הויפט-מחותן. נאָך אזוי פיל יאָרן וועט מען ענדלעך מיך איצט שוין משפטן.

— ר' בנימין זעליקאָוויטש!

קודם האָב איך זיך נישט געכאַפּט, אז דאָס רופט מען מיך. האָב איך זיך נישט אָפּגערופן. אָבער מיין סניגור, דער אדוואָקאט מיינער (מיינער? איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אז איך האָב אויך אן אדוואָקאט!) האָט זיך אָפּגערופן אָנשטאָט מיר:

— ער איז דאָ! — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, א ווינק געטון, אז איך זאָל זיך מעלדן.

נאָר מיר האָט זיך נישט געעפנט דאָס מויל. ווי אַזוי זאָל איך נישט בלייבן קיין געפּלעפּטער, אַז איך האָב דערזען אַז מיין אַדוואָקאַט איז נישט קיין אַנדערער ווי מיין געוועזענער שכן, אָדער גוטער פריינד, מיהאַי מאַנידעס?!

עטלעכע יאָר זענען פאַריבער ווי איך האָב מאַנידעסן נישט באַגעגנט...

איך האָב נישט געוואוסט, זאָל איך זיך פרייען דערמיט, צי אפשר זאָל איך נאָר זיין פאַרזאָרגט, ווייל צו וואָס טויג מיר אַן אַדוואָקאַט, וועלכער וועט דאַרפן מסתמא אַרויסווייזן, אַז ער איז מיר נישט קיין גוטער פריינד, כדי „מע זאָל נישט זאָגן"?!...

אָבער דאָך, בעסער איז מיר איינער וואָס איך (אַזוי מיין איך!) קאָן אים, אי זיינע מעלות אי זיינע חסרונות, איידער איינער וואָס איך ווייס וועגן אים גאָרנישט.

דער ראש-בית-דין האָט זיך אויפגעהויבן די ברילן, מיך אָנצוקוקן:

— ר' בנימין בן אשר-זעליק! — האָט ער אויסגערופן נאָך איין מאָל, קוקנדיק אין דער ריכטונג וואו סע זיצט געוויינטלעך דער אָנגעקלאָגטער. אָבער ער האָט מיך, דאַכט זיך, באַלד דערזען, ווי איך שטיי אַן איבערגעשראָקענער, האָט ער זיך באַגנוגט מיט דעם און נישט דערוואַרט פון מיר קיין ענטפער.

איך האָב אַליין נישט פאַרשטאַנען: וואָס בין איך אַזוי איבערגעשראָקן? איך בין דאָך שוין בייגעווען ביי פאַרשידענע פּראָצעסן, וואו מע האָט געמשפּט נשמות, בעסערע און ערגערע פון מיר. איך אַליין האָב דאָך אויך גענומען דאָס וואָרט, נישט איין מאָל, און איצט בין איך נישט ביכולת זיך צו האַלטן אויף די פיס (פונעם קאָפּ איז דאָך שוין אָפּגערעדט!)...

אפשר איז עס צוליב דעם וואָס איך בין שוין נישט געווען גרייט צו דעם. איך בין דאָך אַהער אַראָפּגעפאַלן אַן אומגעריכטער. מע האָט דאָך די גאַנצע צייט געהאַלטן, אַז מיין דאָסאַר איז פאַרלוירן און מע וועט מיך נישט-משפּטן?!

עס איז נאָך איין מזל, וואָס מיין געוועזענער שכן, פון דעם פריערדיקן קבר מיינעם, אויפן נישט-יידישן בית-עלמין, מיהאַי מאַנידעס, וועלכער איז איצט דאָ נעבן מיר און וועט מיר אפשר אַרויסהעלפן, אַז איך זאָל צו מיר קומען.

ער האָט עס טאַקע, ווייזט אויס, אין אַכט גענומען און איז אַריין תיכף אין זיין ראָל פון אַ פאַרטיידיקער גאַנץ ערנסט. ער האָט געענטפערט אָנשטאָט מיר אויף די ערשטע פראַגן, וואָס דער בית-דין האָט מיר געשטעלט, ווי די פּראָצעדור פאָדערט עס, כדי צו אידענטיפיצירן די נשמה:

— ווי אַזוי איז אייער נאָמען? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען די פראַגע. וואָס הייסט ווי אַזוי? מע האָט נאָר וואָס אויסגערופן מיין נאָמען?! איך האָב אויף אַ ווילע פאַרגעסן, אַז אַזוי איז די פּראָצעדור.

— בנימין זעליקאָוויטש! — האָט מאָנידעס אויסגערופן. באַלד אָבער האָט ער זיך געוואָנדן צו מיר — ענטפערט רואיק אויף די פראַגן!

— בנימין! — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט בלויז מיין פירנאָמען.

— דער נאָמען פון אייער פאָטער?

— זעליק! — האָב איך שוין געענטפערט אַ ביסל מוטיקער ווייל איך האָב זיך אָנגעהויבן צוגעוויינען צום גאַנג פון דער משפט-פּראָצעדור — ר' אשר-זעליק.

— אייער לעצטער אַדרעס?

דאָ איז שוין ווידער געוואָרן שטיל. איך האָב דאָך נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. וועלכן אַדרעס מאָנט מען בײַ מיר: דעם איציקן פונעם יידישן בית-עלמין, צי וויל מען וויסן מיין ערשטן אַדרעס, וואָס איז געווען אויף אַ צווינטער?!

אָבער אין דער סעקונדע הער איך ענטפערן מיין אַדוואָקאַט, אַנשטאָט מיר. ער האָט אָבער ווי אונטערגעשטראָכן דעם איציקן.

איך האָב קיין מאָל נישט אָפּגעשאַצט געהעריק די ווערט פון אַן אַדוואָקאַט. אמת, איך טו דאָס אָנערקענען, איך האָב געזינדיקט. ערשט איצט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אַן אַדוואָקאַט קאָן אויך אַרויסהעלפן, נישט בלויז נעמען האָנאָראַר... והא ראייה: מאָנידעס האָט געזאָגט, וואָס ער האָט געזאָגט, און האָט געפּועלט, אַז מיין פּראָצעס זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אַנדערן טערמין. אויף וויפל צייט?

פאַר מיר איז עס גאָר וויכטיק געווען. נישט נאָר וועל איך צייט האָבן זיך אויסצוקוקענען מיטן אופן, ווי אַזוי דער בית-דין משפט שוין היינט, אין די נייע באַדינגען, נאָר איך וועל אפשר האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט מיין אייגענעם דאָסאַר (אויף וויפל דאָס איז שוין איצט דערלויבט פאַר אַ נשמה, וואָס מע משפט!), איך זאָל וויסן וואָס סע וואַרט מיך, אין וואָס מע באַשולדיקט מיך, וועלכע זענען די ווייסע פינטעלעך און וועלכע די שוואַרצע אין מיין דאָסאַר... וואָס וועגן איבער, די מצוות צי די עבירות?!

דאָס גאַנצע איז פאַר מיר געווען ווי אין אַ פאַרנעפּלטן חלום, וואָס ווען מע וועקט זיך אויף פונעם שלאָף, דערמאָנט מען זיך קוים, וואָס מע האָט געחלומט.

איך האָב נישט געוואוסט אויף קלאָר: האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן מיין משפט? איך בין נישט געווען אַזוי איבערגעשראָקן ווי איבערראַשט. איך בין דאָך נישט געווען צוגעגרייט, נאָך דעם ווי מיין דאָסאַר איז פאַרלוירן געגאַנגען.

ביים אַרויסגיין, האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט מאָנידעסן:

— ווי קומט עס, אז איר זענט מיין פּאַרטיידיקער? — זאָג איך מיט אַ שמייכל, גלייך מיר וואָלטן זיך געזען ערשט נעכטן און איצט האָבן מיר זיך דאָ צופאַליק ווידער באַגעגנט.

— נו, סע שטייט אייך אפשר נישט אָן? — זאָגט מאַנידעס מיט דער זעלביקער היימישקייט — איר וואָלט אפשר בעסער געוואָלט האָבן אַ דיפּלאָמירטן אדוואָקאַט?

— נישט אין דעם גייט עס — זאָג איך — מיר זענט איר דווקא יאָ ניחא, איידער איינער, וועמען איך קען נישט און ער קען מיך נישט... מיר, ווי געוועזענע שכנים, ווייסן כאָטש עפּעס פון אונדזער בידנעם גורל אויף יענער וועלט. דער חידוש איז מיר נאָר, וואָס איר זענט מיין פּאַרטיידיקער, אָן מיין וויסן און אפילו אָן מיין הסכמה...

— דאָס איז אַ מעשה פאַר זיך — זאָגט מאַנידעס מיט אַ פּילטייטיקן זאָג, פון וועלכן איך האָב געדאַרפט פאַרשטיין, אַז דאָס דאַרף איך אים צו פאַרדאַנקען, וואָס עס איז כאָטש אַזוי. סע האָט דאָך געקאָנט זיין פיל ערגער — מיט דער צייט וועל איך עס אייך אויפקלערן דאָס רעטעניש, וואָס איז איצט נישט וויכטיק פאַר אונדז. גוט איז וואָס איך האָב אויסגעפועלט, אַז מע זאָל אָפּשטופּן דעם פּראָצעס כאָטש אויף אַ שטיקל צייט, כדי איר זאָלט זיך קאָנען באַקענען מיטן תוכן פון אייער דאָסאַר און מיר קאָנען אויפקלערן אייניקע ענינים, אַז איך זאָל מיך קאָנען צוגרייטן צום פאַרטיידיקן.

איך בין טאַקע נייגעריק געוואָרן:

— ווי אַזוי וואָלט איך טאַקע געקאָנט צוקומען צום דאָסאַר, אַז איך זאָל אויך וויסן אין וואָס מע באַשולדיקט מיך, נאָך איידער דאָס וועט פּירלייענען דער קטיגור?

— ניין, דאָס איז נאָך נישט מעגלעך — זאָגט מאַנידעס מיט אַנטשלאָסנקייט — אמת, זינט מיר האָבן זיך נישט באַגעגנט, האָט זיך זייער פיל געענדערט אויך אין דער הינזיכט, אָבער דאָך קאָנט איר אייער אייגענעם דאָסאַר נישט זען אויף אַ נאַטירלעכן, לעגאַלן אופן. דאָס קאָן מען טון בלויז דורך אַ השתדלות, דורך אַן הינטערטירל. וועל איך פּרוּוון, ווי אייער סניגור, דאָס אויסצופירן, אַז מיר זאָלן נישט האָבן קיין סורפּריזן ביים משפט. איך מוז דאָך זיין גוט צוגעגרייט. איר ווייסט דאָך, אַז אַ וואָרט וואָס פליט אַמאָל אַרויס פון עם מויל, ווי נישט צוגעגרייט, איז ווי אַ ווילד פייגעלע, דאָס קאָן זיך אומקערן קעגן אונדז און אונדזערע אינטערעסן...

— טאַקע דערפאַר — זאָג איך — בין איך נייגעריק.

— דערווייל איז גוט — זאָגט מאָנידעס א צופרידענער — וואָס סע האָט זיך איינגעגעבן אָפּצולייגן דעם משפּט אויף שפּעטער... די אדוואָקאטן האָבן א ווערטל „אן אָפּגעלייגטער משפּט איז האלב געוואונען"... בכלל זענט איר א בר-מזל, וואָס מע האָט אייך ביז איצט נישט געמשפּט. במשך די יאָרן האָט זיך פיל, זייער פיל געענדערט... היינט צו טאָג פּייניקט מען שוין נישט קיין אומשולדיקע נשמות... פון מיין משפּט, למשל, ביז צו אייערן איז דאָך א חילוק, ווי פון הימל צו ערד... טאקע צוליב דעם האָב איך אָנגעוואָנדן, אז מע זאָל אָפּ-לייגן נאָך אויף א שטיקל צייט אייער משפּט. היינט איז וויכטיק יעדער טאָג.

וואָס זאָל איך זאָגן?

איך בין טאקע, ווייזט אויס, א באזונדערער בר-מזל, וואָס איך בין ניצול געוואָרן פון יענער תקופה, ווען נשמות זענען געווען גלייך מיט מאקולאטור...

...עס איז גוט, ווען א נשמה ווייסט, אז זי איז א בר-מזל. דעמאָלט קאָן זי זיין „א שמח בחלקה", א צופרידענע מיט איר גורל און צופרידענע שלאָפן רואיקער און רואיקע לעבן — און יענע וואָס לעבן לענגער, קאָנען אויך דער-לעבן... צי כאָטש האָפן.

15

א פאראנטעז

...דעם אמת געזאָגט, האָב איך גאָר נישט פארשטאַנען וואָס דער קטי־נור האָט געזאָגט. איך האָב געהערט ווי ער רעדט און רעדט. פון מאָל צו מאָל דערמאָנט ער מיין נאָמען — וואָס אייגנטלעך ער זאָגט, בין איך נישט געווען ביכולת צו באַנעמען. צו מיינע אויערן איז דערגאַנגען בלויז אַן איינטאָניק גערויש, ווי פון אַ פליסנדיקן טייך.

מיט אַ מאָל דערהער איך ווי ער רופט אויס פאַטעטיש:

— איז פרעג איך היינט, האָט זיך עס געלוינט? — ער האָט זיך אויס־געדרייט מיטן פּנים צום בית־דין און איבערגעחזרט די פראַגע — האָט זיך עס געלוינט?

דערנאָך האָט ער זיך שוין געווענדן דירעקט צו מיר, מיט די זעלביקע ווערטער, וואָס האָבן געעקבערט אין מיין מוח ווי מיט אַן עקבער:

— זאָגט, חבר זעליקאָוויטש, האָט זיך עס אייך געלוינט?!

ער האָט נישט געוואַרט אויף מיין תשובה, נאָר ער האָט פאָרגעזעצט זיין דרשה... און אפשר האָט ער יאָ געוואַרט, אַז איך זאָל עפּעס ענטפערן, נאָר איך האָב קיין כּוח נישט געהאַט צו עפענען דאָס מויל...

...איך האָב זיך דערמאָנט, אַז צוריק מיט פיל יאָרן, ווען איך בין נאָך אַ שולייִנגל געווען, האָט מיין לערער מיר געשטעלט דעמאָלט, דאַכט זיך, די זעלביקע פראַגע: האָט זיך עס געלוינט?

...אַז איך וועל זאָגן, אַז איך בין געווען אַ זעלטנהייט פון אַ גוטן תּל־מיד, נישט נאָר וואָס מע וועט נישט גלייבן, נאָר דאָס וועט זיין ווייט פונעם אמת. דער אמת איז געווען אַז איך בין געווען צווישן די תּלמידים, וועלכע מע האָט זיי געהאַלטן צווישן די אומרועין פון דער שול.

עפּעס איז געווען אין מיר, ווי אַ דיבוק, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט איינזיצן אויף איין אָרט, כאָטש איין רגע. און אַז איך האָב זיך געפּרואווט איינהאַלטן און נישט שמועסן מיט מיין שכן, פאַר וואָס דער לערער האָט מיך געדאַרפט איבערזעצן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, איז האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט אַנדערע באַשעפטיקונגען. איך האָב געטינטלט פייגעלעך אויפן טיש, זיך געשפּילט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, געמאַכט פון אים אַ קיילעכל, געוואָרפן עס צו אַ דריטער באַנק, איך האָב זיך אויסגעדרייט צו זען, וואָס סע טוט יענער שכן מיינער פון הינטער מיר — בקיצור, איך האָב מיר נישט געפונען קיין רו...

מיט דער צייט אָבער, אַזוי ווי איך בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך מיר קאָריגירט מיין האַלטונג — און געוואָרן פיל ערנסטער און מיינע באַוועגונגען זענען געוואָרן מער פּאַמעלעכער, רואיקער. דאַכט זיך, אַז איך האָב מיר געפונען די גלייכגעוויכט, און פונעם אַמאָליקן אומרו איז מיר געבליבן בלויז דאָס רעדן אין איילעניש, וואַרף צו מאָל די ווערטער ווי פון אַ מאַשינגעווער...

קודם האָב איך עס נישט געוואוסט, אַז איך רעד גיכער ווי נאָרמאַל. קיינער האָט עס מיר נישט געזאָגט. פון וואו זשע זאָל איך עס געווען וויסן? אָבער איין מאָל, ווען מע האָט צוגעגרייט אַ רעציטאַל, לכבוד דעם סוף-יאָר פון דער שול, האָט מען מיר אויך געגעבן אַ ראָל, אין אַ דיאַלאָג מיט אַ שול-חבר... נו, מיט דער דאָזיקער געלעגנהייט בין איך געוואויר געוואָרן, אַז בעת מיין חבר ציילט די ווערטער, ווי מע ציילט גילדענע מטבעות, מע פאַרשטייט אים יעדעס וואָרט — לויפן ביי מיר, מיינע ווערטער, ווי ווילדע צעפּלאָשעטע, איבערגעשראָקענע פייגל — מע פאַרשטייט קוים אַ וואָרט פון מיין גאַנצער דעקלאַמאַציע.

אַזוי בין איך געוואויר געוואָרן, אַז מיין חיתוך-הדיבור איז אַ דעפעקטיווער. האָב איך זיך אָנגעהויבן צוימען. איך פּרואוו נאָך היינט צו מאָל צוימען און איינהאַלטן דאָס ווערטער-געלויף, נישט נאָר פאַר מורא, אַז מע זאָל מיך נישט האַלטן פאַר קיין מטורף, נאָר פּשוט, אַז מע זאָל מיך פאַרשטיין. מיינסט פּאַסירט עס מיט מיר, ווען איך וויל איבערשרייען מיין מיטשמועסער׳ אַז ער זאָל מיך צוהערן און נישט איך אים.

נישט זעלטן האָב איך געהאַט צו ליידן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט זיך צוהערן, נאָר „איבערשרייען" מיין מיטשמועסער.

אויך וועגן דעם האָט גערעדט דער קטיגור, און ער האָט רעכט געהאַט.

אָבער דאָ ווילט זיך נישט דערציילן וועגן דער שנעלקייט פון די ווערטער. נאָר אין דער שנעלקייט פונעם איבעררייסן די רייד פונעם מיטשמועסער.

דאָס מאָל איז עס געווען דער פּראָפעסאָר פאַר געשיכטע.

ער איז געווען א מיושבדיקער מענטש. גערעדט פּאַמעלעך, גלייך ער וואָלט געשפּאַנט פּאַרזיכטיק אויף שמאָלע טרעפּ. מע האָט געקאָנט באַמערקן אַז ער האָט א באַזונדערע הנאה צו לייענען זיינע לעקציעס פון געשיכטע. ער האָט געהאַלטן, אַז געשיכטע איז די וויכטיקסטע וויסנשאַפט פאַר דער מענטשליכער געזעלשאַפט... אַזוי האָט ער טאַקע נישט איין מאָל געזאָגט. ער פלעגט אָבער באַמערקן, אַז דער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס די געזעלשאַפט, די מענטשן וואָס שטעלן צונויף די געזעלשאַפט, ווילן פון דעם נישט וויסן — טאַקע מחמת דעם באַצאָלן זיי נישט זעלטן טייער רבי-געלט... ער האָט ביי זיינע לעקציעס אויסגעניצט זיין דערציילערישן טאַלאַנט און אריינגעפלאָכטן א מעשה אין א מעשה, אַז מיר פלעגן גאַפן מיט די אָפענע מיילער און זיך צוהערן מיט גרוים אויפמערקזאַמקייט. אונדזערע בליקן פלעגן אים באַגלייטן, אין זיין שפּאַציר, וואָס ער פלעגט מאַכן הין און צוריק, לייענעדיק זיין לעקציע. ער איז דעמאָלט געווען אויסגעטון פון דעם ארום און גלייך ער וואָלט געלעבט צווישן די העלדן פון זיין דערציילונג, מער האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער געהער צו זיי, צו די וואָס האָבן געלעבט צוריק מיט הונדערטער יאָרן, אין דער געשיכטע, ווי צו אונדז, מיט וועמען ער איז דאָך אויך אונדזער א מיטצייטלער.

ער איז געווען באַקאַנט פאַר איינעם פון די גוטע פּראָפעסאָרן. „גוטע", וואָס וויַזן ארויס פאַרשטענדעניש לגבי די תלמידים, ווייל סוף-כל-סוף זענען מיר דאָך קינדער... ער האָט אונדז נישט געפּלאָגט מיט איבעריקע, ווייניק וויכטיקע לימודים. ער פלעגט זאָגן „פאַרצייכנט נישט, נאָר הערט מיך אוים מיט קאָפּ. איך וועל אייך שוין זאָגן, ווען און וואָס איר זאָלט פאַרצייכענען".

מיט א מאָל פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און זאָגן: „נו, איצט פאַרצייכנט וואָס איך וועל אייך דיקטירן. אָבער איר זאָלט נישט מיינען, חלילה, אַז דאָס וואָס איך וועל אייך איצט זאָגן איז תורת-משה. ניין, דאָס איז שוין לאַנג נישט גילטיק... איצט געפינט זיך שוין אין דער דרוק פון בילדונגמיניסטעריום א נייער קורס פון וועלט-געשיכטע, און דאָרט ווערט שוין געזאָגט גאָר עפּעס אנדערש, וואָס האָט גאָרנישט, לגמרי גאָרנישט, וואָס צו טון מיט דעם וואָס איך וועל אייך דיקטירן... און איר דאַרפט אָבער אויך וויסן, אַז דאָס וואָס סע ווערט דאָרט געזאָגט, אין יענעם קורס פון וועלט-געשיכטע, וואָס איז איצט אונטערן דרוק, איז נישט דאָס לעצטע וואָרט און איז שוין דער ענדגילטיקער אמת... ניין, איך וויל אייך נישט נאַרן, און וועל אייך אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז אין געשיכטע בכלל, איז קיין ענדגילטיקער „אמת" נישטאָ: אין אָפּטייל פאַר געשיכטע ביי דער אינטערנאַציאָנאַלער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע אַרבעט שוין א רעדאַקציע-קאָלעגיע, וועלכע רעדאַקטירט שוין א נייעם קורס פאַר גע-

שיכטע, וואָס איז לגמרי אנדערש פון דעם, וואָס געפינט זיך איצט אין דרוק. סע וואָלט גוט געווען אז איר זאָלט עס פארגעדענקען אויף אייער לאנג לעבן... דערווייל ביז וואָס ווען, פארצייכנט, וואָס איך זאָג אייך איצט, פונעם אַלטן געשיכטע-קורס, הגם ער איז שוין נישט גילטיק, אָבער דאָס איז איצט אין שולפּראָגראַם..."

ווי געזאָגט, איז ער געווען א סימפאטישער און צולאָזיקער מענטש צו אונדז, זיינע דעמאָלטיקע תלמידים. אָבער אַלעם האָט דאך א גרענעץ, אפילו דאָס גוטסקייט פון א פּראָפעסאָר?! האָט ער אויך געהאט א חסרון, וואָס האָט געשטערט זיין גוטקייט... אויב מע האָט אים איבערגעריסן בעת זיין לייענען זיין לעקציע, האָט ער זיך געקאָנט בייזערן און געבן א קליינע נאָטע יענעם תל-מיד, אז יענער האָט אים גערענקט אויף זיין גאנץ לעבן, ווייל פון זיין קליינער נאָטע איז מען קוים ארויס, אז מע זאָל נישט בלייבן „רעפּעטענט" און איבער-חזרן דעם קלאַס...

פארשטייט זיך, אז איך האָב דאָס נישט געקאָנט וויסן, ביז איך האָב טועם געווען פון דאָזיקן מאכל. פון וואנען זאָל איך געווען וויסן, אז אויך א מיושבדיקער מענטש קאָן אויך ארויס פון די כלים?!

האָב איך אים איין מאָל איבערגעריסן די רייד, בעת ער האָט עקזאַמי-נירט א חבר מיינעם. איך האָב קיין איין אומשולדיק וואָרט נישט ארייַנגעוואָרפן, נאָר איך האָב מיט א זשעסט געוואָלט דערגאַנצן א נישט-דערזאָגטע פראַזע פון יענעם תלמיד. איז האָב איך בלויז אויפגעהויבן די רעכטע האנט... מיר האָט זיך געדאכט אז דאָס איז אַן אומשולדיקע אינטערווענציע. אָבער געשען איז עפּעס אנדערש.

ער איז צוגעקומען נאָענט צו מיר. מיר געקוקט גלייך אין די אויגן און געזאָגט מיט א גאָר נישט פריינדלעכן שמייכל: „אז דו שטופּסט דיך נישט וואו מע דארף נישט — פרעג איך דיך נישט; אָבער אז דו שטופּסט זיך דווקא יאָ, איז וועל איך דיך פרעגן — און אז איך וועל דיך פרעגן, וועסטו נישט וויסן וואָס צו ענטפערן — איז לוינט זיך עס דיר?!"...

די לעצטע ווערטער האָט דער פּראָפעסאָר שוין נישט געזאָגט מיט קיין שמייכל. אדרבה, ער האָט אונטערגעשטראָכן יעדעם וואָרט זיינס מיט הארבקייט:

— זאָלסט עס געדענקען אויף דיין גאנצן לעבן... תמיד זאָלסטו דיך אליין פרעגן: לוינט זיך עס?!

דאָס איז, מיין איך היינט, די וויכטיקסטע לעקציע, וואָס איך האָב אין מיין לעבן באקומען... נאָר, האָב איך עס דען פארגעדענקט?!

ליידער האָב איך עס זיך דערמאַנט ערשט איצט, ביים סוף. איצט, ווען דער קטיגור האָט מיר געשטעלט די זעלביקע פראַגע, האָב איך זיך דערמאַנט אין די זעלביקע ווערטער, וואָס מיין לערער האָט מיר געשטעלט נאָך דעמאָלט ווען איך האָב געהאַלטן ביים סאַמע אָנהייב...

צווישן דער פראַגע פונעם אַמאָליקן לערער און היינטיקן קטיגור, האָב איך מיין לעבן צעטרענצלט...

ביידע פראַגעצייכנס, פונעם געשיכטע-לערער און דעם קטיגור, האָבן אויסגעזען ווי צוויי פאַראַנטעזעס, וואָס האָבן מיין גאַנץ לעבן איינגעקלאַמערט...

16

צייטן בייטן זיך

מאָנידעם האָט מיר דערלאַנגט עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר און מיר „גע־וואָרפן" אין פּנים איין איינציק וואָרט: „לייענט", ווי מע וואַרפט אַ שטיק פלייש פאַר אַ הונט.

איך האָב עס באַלד דערקאָנט. עס איז געווען מיין אַ „ליבגעזאַנג" וואָס איך האָב אַמאָל פאַרעפנטלעכט ביי אַ געלעגנהייט. איך האָב עס איבער־געלייענט:

„אַ מתנה דעם חבר..."

צו דיר, דו מענטש פון אַלע מענטשן
אין דעם הייליקן וועלט־באַשאַף.
דו, דער סימבאָל פון גאונות די פאַרקערפּערונג,
פון שטרעבונג דער איידלסטער.
אַ גרוס דיר היינט: שלום עליכם!
זיי באַגריסט מיטן אַלטן יידישן גרוס.

היינט, צום אַזויפילסטן געבורטסטאָג דיינעם,
צו דיר סע ווענדן זיך אונדזערע געפילן
פון אָנערקענונג, פון דאַנקבאַרקייט, פון אַלע —
אַרבעטס־מענטשן פון אַלע וועלט־ווינקלען,
וואָס פון טיפענישן קוילן קראַצן אַרויס,
וואָס ברויט זיי שאַפן מיט זייער שווייס,
און וואָס אַ העמד ציען אַרויף מיט מי;

די וואָס האַמערן די נייע וועלט אויס,
געפירט פון דיין לערערישן קלוגן וואָרט,
די וואָס זינגען די לידער פון פרייהייט,
ביים גערויש פון טראַקטאָרן און פאַבריקן,
אויך די וואָס חלומען ארוים פון תפיסות,
די וואָס פעכטן מיט דער שאַרפער שווערד
אויפן שלאַכטפעלד פאַר זייער פרייהייט,
אויך די געפענטעטע אין אייזערנע שטריק,
געהאַסטע און פאַרשעמטע צוליב זייער קאָליר,
פון זייער ברוינער צי שוואַרצער הויט;
אַלע, אַלע שיקן זייערע ווינטשן דיר היינט,
צו דיין געבורטסטאָג — זייער יום-טוב...
דיין געבורטסטאָג איז דאָך אויך זייערער,
זייער לאַנג, לאַנג געהאָפטע ווידערגעבורט.
מיט דיר האָבן זיי אָנגעהויבן זייער זיין.
אָן דיר זענען זיי געווען גרויע,
שאָטנס פון קיינעם נישט באַמערקטע.
מיט דיר זענען זיי דאָס חשובסטע,
פון אַלע ווערטן דאָס טייערסטע,
פונעם גאַנצן באַשאַף, פון דער יצירה —
זיי זענען מענטשן, מענטשן, מענטשן...
פאַר וואָס זאָלן זיי דיך נישט בענטשן?!...

נעכטן זענען זיי געווען גאָרנישט,
היינט, מיט דיר, זענען זיי אַלעס.
דו האָסט זיי דעם גלויבן איינגעפלאַנצט.
אויך דעם גלויבן אין זיך, אינעם מענטשן.
דו האָסט זיי פון דיין מוט זיי געגעבן,
צו זאָגן עס שטאָלץ, הויך אויף אַ קול.

טאָ, איז אַ וואונדער, אַז אויך זיי,
אויך די יידישע אַרבעטנדיקע, געפלאָגטע,
פון צווישן די באַנער, דרייער, וועבער,
און קאָלווירטניקעס פון דער רעפּובליק

באערן דיין געבורטסטאָג מיטן חשובסטן,
מיט ערלעכער ארבעט און פארמעסט?!

איז עס דען א וואונדער?!
וואָלט איך דיר אָנגעשריבן א דאנקבריוו,
א לויבגעזאנג מיט א שטילער סימפאָניע,
וואו די באשיידנקייט דיינע, די חברישע,
זאָל געזינגען ווערן אין הימנטענער,
כאָטש א טויזנטסטל פון יענער גרויסער פרייד,
דעם ארבעטערס, וואָס האָט דיר א מתנה געשיקט.
א מתנה — א פראָדוקט פון זיינע הענט,
און בעתן פורעמען דאָס שטיק מעטאל
האָט ער געטראכט און געחלומט פון דיר
און פון זיך — און זיין קלאַס —
און שוין בלויז דערמיט אליין,
און אויך דערמיט אליין,
זאָל די מתנה ביי דיר געשעצט זיין.

איך, קאָן אזא געזאנג נישט אָנשרייבן,
סע קאָן גאָר אזא דיכטער נישט זיין,
וואָס זאָל עס אין א ליד אויסדריקן.
אזוי פיל ערע און אזוי פיל דיכטונג,
ווען דו אליין ביסט פּאָעזיע...

די דערגרייכונגען אין דער ארבעט,
אָט דאָס זענען די גרוסן מיינע צו דיר;
אין די פארמעסטן, אין מיינע ביישטראָגן,
אינעם בוי פונעם נייעם סדר,
אין מיין טייער, ליב היימלאנד —
איז מיין דאנקבארקייט צו דיר,
זענען מיינע ווינטשן צו לאנגע יאָרן...

טאָ, זאָלן זיי זיין מיינע גרוסן,
סיי דאָס ברויט און סיי דאָס זאלץ,
מיט וועלכן מע באגעגנט דעם זיגער

אין שפּיץ פון זיין זיגערישער ארמיי,
פון שלאכטפעלד, ווען ער קערט זיך צוריק,
און מיט הימנען און לויבגעזאנגען
סע באגלייט אים דאָס יובלדיקע פאָלק.

איז, זאָלן זיי זיין מיינע גרוסן,
א סימפאָניע פון אָדעס, פון מיזמורים,
פון די מענטשן פון אלע עקן לאנד,
וועלכע פירן דעם טראקטאָר מיט דיין בילד,
וואָס ציטערן אויף ביים הערן דיין נאָמען,
און וואָס שטייגן זיך גופא איבער
אין ערלעכער מי און פאטריאָטישן פארמעסט;

איז דאָך זייער טאָגטעגלעכע ארבעט אויך דיכטונג
נישט מינדערע ווי אראגאָנס, אמאדאָס, דזשאמבולס,
איז זאָלן מיינע גרוסן צווישן זייערע,
זיין אָנגענומען ביי דיר — דו גרויסער,
גרויסער פון אלע גרעסטע — אמן"...

— — — — — — — — — — — — —

...נאָכן איבערלייענען האָב איך געפרעגט מאָנידעסן:

— וואָס איז מיט דעם?

— איך האָב עס געפונען אין אייער דאָסאָר און עס איבערגעשריבן, כדי איר זאָלט דערפון הנאה האָבן...

איך האָב נישט פארשטאנען, וואָס ער וויל דערמיט זאָגן. ער איז געווען קארגער אין זיינע רייד ווי געוויינטלעך.

— דאָס וויל זיין א באשולדיקונג-אקט? — האָב איך קוים ארויסגערעדט.

— איר האָט א מזל — זאָגט שוין מאָנידעס א ביסל צולאָזיקער — וואָס מע האָט אייך נישט געמשפּט דעמאָלט — דעמאָלט ווען מע האָט מיך געמשפּט...

— וואָס איז דער חילוק? — פרעג איך א פארחידושטער, בנוגע דער „אָדע“.

— דעמאָלט וואָלט אייך קיינער נישט באשולדיקט נאָר העכסטנס אין דעם, אז איר האָט נישט געגוג „געלעקט“... איצט וועט מען אייך באשולדיקן אין „געצנדינעריי“, אָבער פאר עבודה-זרה איז דער משפט נישט אזוי הארב. דערפאר זאָג איך אז איר האָט געהאט מזל...

איך האָב פארשטאנען, וואָס ער וויל זאָגן — האָב איך אויסגעמיטן צו קאָמענטירן. צו וואָס טויג אויפמישן לאנגסטיקע חטאים, וואָס מע קאָן שוין נישט גוט מאכן?...

מיט וואָס, מיט תשובה?!

מיט גאָרנישט. היינט איז עס לעכערלעך.... ניין, אפילו טראגי-קאָמיש..

סע קומט אָן לאכן: כא-כא-כא!
ווער לאכט עס? וועמען קומט אָן צו לאכן?

מיר איינעם נישט. מיר קומט נישט אָן צו לאכן?!...

— כא-כא-כא!...

17

חרטה

סע האָט זיך מיר נישט געוואָלט גלייבן:

— מע קאָן דאָס שוין נישט גוט מאכן? און תשובה? — פרעג איך מאָ-נידעסן, האלב אין ערנסט און האלב אין שפּאַס.

— זעט איר, חבר זעליקאָוויטש — זאָגט מאָנידעס בנעימותדיק — סע הענגט אָפּ אין דעם, וואָס איר פארשטייט אונטערן וואָרט „תשובה"... אמאָל, נאָך אויף יענעם עולם, האָט מען געמיינט מיטן וואָרט תשובה, אז דער זינדיקער האָט חרטה אויף זיינע מעשים און ער נעמט זיך פיר מער אזוי נישט צו טון. נו, איצט איז שוין נישט שייך צו נעמען זיך אזא אנגאזשאמענט מער אזוי נישט צו טון, ווייל איצט „טוען" מיר דאָך בכלל שוין נישט גאָרנישט. איצט מוזן מיר נאָר ליידן די מסקנות פון אונדזערע מעשים. וואָס שייך דער חרטה, איז לויט מיין מיינונג אויך נישט זייער קלאָר דער ענין.

— וואָס איז נישט קלאָר — פרעג איך מאָנידעסן.

— חרטה, וואָלט געהייסן, אז איר גופא פאראורטיילט היינט דאָס וואָס איר האָט געטון „נעכטן"...

— נו, יאָ — זאָג איך — אוודאי פאראורטייל איך. היינט זע איך דאָך שוין אנדערש, ווי מע זאָגט, מיט אנדערע ברילן דעם גאנצן מצב, אונדזערע אלע נעכטיקע מעשים, וועלכע איך באדויער און האָב חרטה...

— ניין, מיין ליבער — זאָגט מיר מאָנידעס מיט זיין געוויינטלעכן אי-ראָנישן שמייכעלע — אָט דאָס איז שוין נישט קיין חרטה, אזוי ווי מע דער-וואַרט פון א בעל-תשובה... איר ווייסט פון יענעם גמרא-ווערטל: וואויל איז יע-נעם זקן, וועלכער שעמט זיך נישט מיט זיינע יוגנט-יאָרן. דאָס וואָלט געהייסן, אז אויב יענער וואָלט צוריקגעשיקט געוואָרן דורכן בית-דין של מעלה נאָך איין מאָל געבוירן צו ווערן, וואָלט ער מיטגעמאכט דעם זעלביקן וועג, מיט די זעלביקע מעשים, וואָס ער האָט אדורכגעמאכט בעת זיין פריערדיקן לעבן. ער

וואָלט אָנגעהויבן פונסניי דעם זעלביקן וועג... אָבער איינער וואָס האָט חרטה, דער זאָגט זיך דאָך אדרבה, אויב איך וואָלט נאָך איין מאָל געבוירן געוואָרן, וואָלט איך איצט לגמרי אנדערש געטון, ווי איך האָב געהאַנדלט ביז איצט. אדרבה, איך וואָלט געטון דעם היפוך. אָבער ווען מע זאָל אייך שטעלן די דאָזיקע פראַגע: ר׳ בנימין זעליקאָוויטש, ווען איר זאָלט נאָך איין מאָל געבוירן ווערן — וואָלט איר, לאָמיר זאָגן, ווידער אָנגעשריבן אזא לויב-געזאַנג פאר א „גע״ץ״?

— ניין, איך וואָלט מער אזעלכס נישט אָנגעשריבן — איילט איך זיך צו ענטפערן, אונטערברעכנדיק מאָנידסן די רייד, נישט לאָזנדיק אים אפילו ענדיקן זיין פראַזע.

— איר וואָלט נישט אָנגעשריבן? — צעלאַכט זיך מאָנידעס — פאר וואָס וואָלט איר נישט אָנגעשריבן, איך בעט אייך?

— ווייל איך ווייס שוין איצט, אז דאָ האַנדלט זיך אין א „גע״ץ״ און נישט אין קיין גאָט, און צו קיין „גע״ץ״ ביקט מען זיך נישט — זאָג איך אָן אַנט-שלאָסענער.

— איז וויל איך אייך געבן אן עצה, חבר זעליקאָוויטש — זאָגט שוין ערנסט מאָנידעס — אויב נישט די שעה זאָל זיין און מע וועט אייך וועלן פאַר-משפּטן ווידער מגולגל צו ווערן, דאָס הייסט ווידער געבוירן צו ווערן, זאָלט איר פּרואוון דערפון פּטור ווערן. לויט מיין מיינונג איז בעסער אָפּצוזיצן אין גיה-נום א צייט, איידער ווידער געבוירן צו ווערן און אדורכמאַכן נאָך איין מאָל דעם לאַנגן דערנעדריקן וועג, מיט די אַלע נסיונות, נאָך איין מאָל נישט צו זינדיקן... ווער קאָן אייך גאַראַנטירן, אז איר וועט מער נישט אָנשרייבן אזעלכע שורות, מיט וואָס איך זאָל נישט זיין קיין בושה עם איבערצולייענען און נישט רויט ווערן?

איך האָב געלאָזט מאָנידעסעס פראַגע אָן אן ענטפער. וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן אויף אזא לאָגישער שאלה?

— ניין, דאָס איז נישט קיין חרטה — האָט פאַרגעזעצט מאָנידעס — אדרבה, איר וועט אליין מודה זיין, אז אויב איר וועט נאָך איין מאָל געבוירן ווערן, און וועט זיין אין זעלביקן מצב, איך שטרייך אונטער: אין זעלביקן מצב, דאָס הייסט, איר וועט ווידער נעמען א „גע״ץ״ אָנשטאָט א גאָט, וועט איר יענעם „גאָט״ ווידער שרייבן לויב-געזאַנגען...

— אין זעלביקן מצב? — צעשריי איך זיך — אוודאי, אויב איך וועל זיין אין זעלביקן מצב, אָבער די פראַגע איז צי איך וועל נאָך זיין „אין זעלביקן מצב״?!

— זעט איר, אַט דאָס איז שוין גישט קיין חרטה. הייסט דאָך, אז אויב איר וועט ווידער אמאָל געבוירן ווערן וועט איר ווידער קענען טון די זעלביקע חטאים, איז וואָס פאר א מין חרטה קאָן דאָס שוין זיין?

— אויב אזוי, חבר מאָגידעס — זאָג איך שוין א רואיקער — אויב אזוי לויט דעם קומט דאָך אויס, אז חרטה האָבן קאָן מען נאָר אויף חטאים, וואָס מע האָט זיי געטון באוואוסטזיניק, במזיד, ווייסנדיק בשעת מעשה, אז מע טוט אָפּ א נידערטרעכטיקע מעשה... און דאָס איז דאָך נישט מיין פאַל. איך האָב דאָך דאָס געטון גאַנץ ערלעך, אָן קיין שום בייזע כוונות, אדרבה, איך בין געווען איבערצייגט, אז אַלץ וואָס איך טו, טו איך נאָר גוט...

— אין דער גמרא איז דאָ א פאַל, ווי איינער א תנא — מאָגידעס האָט זיך געפּילט אין די גמרא-ווערטלעך ווי א פיש אין וואסער — באַרימט זיך, אז קיין מאָל איז ער נישט געווען אין אזא מצב, אז ער זאָל דאַרפן צוריקציען אָדער זיך אָפּזאָגן פון זיין א וואָרט. תמיד האָט ער אזוי געהאנדלט, אזוי גע-רעדט, אז ער זאָל נישט האָבן אויף וואָס חרטה צו האָבן. זעט איר, אַט דאָס איז שוין א זעלטנהייט פון א מענטש. דאָס איז שוין כמעט ממש גאָר א מלאך...

— פאַר וואָס, א מלאך? — פרעג איך מאָגידעסן פארחידושט — נישט פאַראַן שוין קיין ערלעכע אָנשטענדיקע מענטשן?

— איר האָט מיך נישט פארשטאַנען — צעשמייכלט זיך מאָגידעס — א מענטש איז, זאָגט מען זיך, נישט מערער ווי א מענטש. ער קאָן צו מאָל טון גוטס און דער זעלביקער מענטש קאָן צו מאָל אויך טון שלעכטס. א מלאך, ווי-דער, אַט יענער קאָן שוין נישט טון אמאָל אזוי און אַן אנדערט מאָל אנדערש. א מלאך, ווערט כאַראַקטעריזירט נאָך אין דער גמרא, איז אזא בריאה, וואָס טוט בלויז דאָס, צוליב וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן. סע זענען פאַראַן מלא-כים וואָס טוען בלויז גוטס און מלאכים וואָס טוען בלויז שלעכטס.

— א מלאך וואָס טוט שלעכטס? איך פארשטיי נישט.

— וואָס איז דאָ נישט צום פארשטיין? איר האָט נישט געהערט יענעם זאָג, אז „א מלאך קאָן נישט אויספירן קיין צוויי שליחותן"? יענער מלאך, וואָס איז געקומען ראַטעווען לוטן האָט נישט געקענט חרוב מאַכן סדום. דאָס איז געטון געוואָרן דורך אנדערע מלאכים... נו, און מלאכי-חבלה?! אפילו דער מלאך-המוות איז דאָך אויך א „מלאך"?!

— לויט אייך — זאָג איך מאָגידעסן מיט א שמייכל — קומט דאָך שוין אויס, אז א מענטש איז מער אפילו פון א מלאך. דאָס וואָס א מלאך קאָן נישט טון, קאָן דער מענטש יאָ טון...

— זאָלט איר אייך נישט וואונדערן — זאָגט מאָנידעס — אזוי איז עס. דער מלאך האָט נישט קיין בחירה חופשית, קיין פרייעם ווילן, אויסצוווייל[ן] זיך אין זיינע מעשים, מחמת דעם איז ער נישט פאראנטוואָרטלעך פאר זיינע מעשים, ער פירט בלויז אוים א שליחות, צו וועלכער ער איז באשאפן געוואָרן, בעת דער מענטש קאָן זיך כאָטש טעאָרעטיש אויסוויילן אין זיינע מעשים, צו טון גוטס אָדער שלעכטס...

— א שיינער אויסוואל — זאָג איך מיט ביטערניש — וואָס פאר אן אויסוואל איז דאָס, אז איך מיין צו טון גוטס און צום סוף מוז איך אליין אָנערקענען אז איך האָב גאָר אָפּגעטון א פארברעכן, כאָטש איך האָב נישט געהאט די כוונה דערצו. אדרבה, איך האָב געהאט דעם בעסטן ווילן... און צווייטנס, פרעגט זיך, אויב אזוי, צו וואָס זאָל גאָט באשאפן אויך שלעכטע מלאכים, אויב ער וויל באמת אָפּרוימען דאָס בייזע פון דער ערד...

— ווער האָט אייך געזאָגט, אז גאָט באשאפט די מלאכים? איר האָט פארגעסן, סיי די גוטע מלאכים און סיי די שלעכטע באשאפן גאָר די מענטשן גופא... ווען א מענטש טוט א מצווה, א גוטע זאך, דעמאָלט באשאפט ער א גוטן און ווען ער טוט אן עבירה, דעמאָלט באשאפט ער א שלעכטן מלאך...

— דער מענטש?

— יאָ, דער מענטש. אפילו דער רשעדיקער מענטש איז אויך מער פון א מלאך. ער קאָן דאָך אויך טון דאָס וואָס א מלאך קאָן נישט... איז אויב איר הערט אמאָל זאָגן אויף איינעם, אז ער איז קיין „לייט" נישט, איז נישט קיין מענטש — מעגט איר וויסן, אז ער איז א „מלאך", אמת, א בייזער מלאך, פון די מלאכי-חבלה... און באשאפן א מלאך קאָן אויך דער מענטש, אָבער בלויז אים באשאפן. אומברענגען א מלאך, אָט דאָס טאָקע נישט. דאָס קאָן טון בלויז גאָט אליין. אזוי ווי סע ענדיקט זיך די מעשה מיטן פסחדיקן „חד-גדיא" פון דער הגדה, וואו גאָט קוילעט דעם מלאך-המות... מעגט איר תשובה טון, חרטה האָבן, וועט איר שוין נישט קענען פּטור ווערן פונעם שלעכטן מלאך, וועלכער וועט שפּעטער אייער קטיגור, ווען איר האָט אליין באשאפן דורך אייערע „זינד"...

— הייסט עס, חבר מאָנידעס — זאָג איך א פארצווייפלטער — אז אויב סע העלפט מיר שוין נישט, נישט קיין תשובה און נישט קיין חרטה איז דער מצב מיינער נישט גאָר קיין פריילעכער...

מיר האָבן זיך צעטיילט און פונאנדערגעגאנגען. עס איז שוין מער נישט יבנרגעבליבן וואָס צו שמועסן. אָבער ביי מיר האָב איך געטראכט, אז מיין

מצב איז נישט אזוי טראגיש ווי טראגי-קאָמיש... סע קומט אָן צו לאכן...

סע קומט אָן לאכן?
— כא-כא-כא!...

ווער לאכט עס? ווען קומט אָן צו לאכן? מיר איינעם נישט. מיר קומט בכלל נישט אָן צו לאכן...

— כא-כא-כא!...

ווער לאכט עס?

18

כלעבן, איך האָב עס געמיינט ערלעך!

— כא-כא-כא!... כא-כא-כא!... כא-כא-כא-כא-כא-כא-כא...

גלייך הונדערטער, טויזנטער, מיליאָסן וואַסער-פאַלן, גלייך א ריזי-קער האָגל פון קאַלטן פאַרפרוירענעם געלעכטער וואָלט מיך באַפאַלן, וואָלט מיך אומרחמנותדיק פאַרשטיינערט און מיך צעשמעטערט, צעקוועטשט און צעדרויבלט ווי אונטער א מילראָד — סע האָט פאַרטויבט מיין געהער, אז איך האָב מיינע אייגענע תחנונימדיקע רייד נישט געהערט.

...האָב איך גערעדט, גערעדט אָן אויפהער, האַפנדיק אז אפשר-אפשר וועל איך דאָך געפינען אַן אָפּן אויער פאַר בעטן מחילה, אז מע זאָל מיר מוחל זיין...

איך האָב אָבער געפילט, אָבער דאָך נישט געוואָלט גלייבן, אז עס איז אומזיסט מיין בעטן רחמים, אומזיסט האָב איך געקניעט פאַרן בית-דין של מעלה, אומזיסט פאַרן קטיגור געוויינט און זיך געבעטן: פאַרלאָזט מיך נישט! איך בין גאָרנישט שולדיק, ווייל אלץ וואָס איך האָב געטון — האָב איך געטון פון מיין „רבים" וועגן. נאָר צוליב זיין לויב, נאָר צוליב מיין פאַנאַטישן גלויבן אין אים... איך האָב דאָך כמעט גאָרנישט געטון אין מיין אייגענעם אינטערעס. איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין שום מאַטעריעלן נוצן. אדרבה, איך האָב דאָך נישט ווייניק געהאַט צו ליידן מחמת מיין אייפער, מיט וועלכן איך האָב אויסגעפירט די געבאָטן...

אומזיסט, אומזיסט. קיינער האָט מיך נישט אויסגעהערט. איך האָב גערעדט ווי צו א ליידיקן חלל, צו ווענט וואָס האָבן קיין אויערן נישט.

איך האָב גערעדט, איך האָב זיך געבעטן ביי זיי — און זיי האָבן געלאַכט.

דער בית-דין האָט מיך נישט אָפּגעשטעלט, זיי האָבן מיר נישט אי-בערגעשלאָגן די רייד, זיי האָבן מיך אפילו נישט באַשולדיקט — זיי האָבן בלויז

געלאכט. זיי האָבן געקייכט פון געלעכטער, גלייך סע וואָלט זיי געווען באַנומען א היסטעריע, פון וועלכער זיי האָבן זיך שוין נישט געקאָנט מער אָפּשטעלן.

און אויב סע האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז זיי האָבן אויפגעהערט לאכן, און איך האָב אויפגעהויבן העכער מיין קול, אז אפשר וועלן זיי דאָך דערהערן מיין געבעט, אז מע זאָל מיר מוחל זיין, ווייל איך האָב דאָך עס געמיינט ערלעך — האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן היסטעריש צו לאכן, נאָך מיט מער בייזוויליקייט... ניין, נישט בייזוויליקייט איז געווען אין זייער געלעכטער, נאָר ביטול, וואָס איז מער ווייטיקליכער ווי בייזוויליקייט... זיי האָבן געלאכט מיט אָן א שיעור ביטולדיקער הנאה...

איך האָב נישט פארשטאנען: פאר וואָס לאכט מען? אמת, איך בין טאַקע א זינדיקע נשמה. איך בין... אָבער איך האָב דאָך אַלץ שוין מודה געווען און תשובה געטון, אז איצט גיב איך מיר שוין אליין אָפּ חשבון, אז איך האָב עובר געווען אויף אַלע עשרת-הדיברות; אָבער איך האָב דאָך אַלץ געטון, אפילו דאָס נישט גוטע, האָב איך דאָך אויך געטון נאָר צוליבן ארויסווייזן צו פיל געטריי־שאפט צו מיין „רבי"...

איצט ווייס איך שוין, אז איך בין געווען א חסיד-שוטה, אז איך האָב געגלייבט צו פיל אין מיין „רבי" — אָבער איך האָב דאָך עס געטון ערלעך, איך האָב דאָך הייליק געגלייבט אין דעם, וואָס איך האָב געטון...

פון וואַנעט האָב איך געזאָלט נאָך דעמאָלט ווּיסן, אז שפּעטער וועט זיך ארויסווייזן, אז דער „רבי" איז בכלל נישט אזוי איי-איי-איי, ווי מע האָט פריער געמיינט, אז ער איז א פּשוטער... (אפילו איצט ווייל איך אויף מיינע ליפּן נישט ברענגען, וואָס מע זאָגט איצט, אז ער איז געווען!). נו, וואָס בין איך שולדיק, אז אויך איצט ווילן נאָך פיל חסידים אים פארטיידיקן, אז ער גופא, דער „רבי" גופא האָט דאָך עס אויך געמיינט ערלעך...

וואָס זשע איז צום לאכן?!

אמת, איך האָב זיך מודה געווען, אז איך האָב געשניטן מיט דער אומגעזעענער שווערד אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט קוקנדיק אין וועמען. אויב מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אז עס איז צוליב דעם כבוד פון מיין „רבי", איך גופא בין דאָך אויך געווען גרייט נישט נאָר צו נעמען יענעמס דאָס לעבן נאָר צו געבן אויך מיין אייגן לעבן, אויב דער כבוד פון מיין „רבי" וואָלט עס געפאָדערט פון מיר — וואָס זשע איז דאָ דערפון צו לאכן?...

פון וואַנעט זאָל איך געווען דעמאָלט ווּיסן, וואָס מע ווייסט קוים היינט און אפשר אפילו היינט נאָך אויך נישט אַלץ?! אוודאי איז לייכט צו זיין א

חכם און זיך אויסבאהאלטן אונטער א ניי אויסגעפונען וואָרט: „געצנקולט"... אָבער דעמאָלט?!

...חטאתי, איך האָב געזינדיקט... איך האָב...

וואָס האָב איך דען נישט געטון?!

אלץ בייזע האָב איך געטון. אלץ. וואָס סע האָט נאָר געקאָנט אָפּטון א געצנדינער, צוריק מיט טויזנטער יאָרן, פאר זיין געץ... נו, איז וואָס? וואָס איז דאָ צו לאַכן דערפון ווען אויך יענער געצנדינער האָט זיך געבוקט צו א שטיקל האָלץ צי צו דער זון — ער האָט דאָך דאָס דעמאָלט געמיינט ערלעך, ער האָט הייליק געגלייבט אין זיין געץ... ער האָט דאָך דאָס נישט זעלטן באוויזן, ווען ער האָט געבראַכט א קרבן זיין אייגענעם זון אָדער טאָכטער, און אויך זיך אליין, אויב עמעצער האָט עס פון אים געפאָדערט אָדער אפילו נישט געפאָדערט, נאָר סע האָט זיך אים אזוי אויסגעדאַכט... און איך? האָב איך דען יאָ געפרעגט צי עס איז נייטיק, צי עס ניצט עמעצן? איך האָב מקיים געווען אלץ, אָן דעם אז איך זאָל איין איינציק מאָל א טראַכט טון...

וואָס זאָל איך געווען טראַכטן? צו וואָס האָט געטויגט דעמאָלט, אז איך זאָל טראַכטן?!

דער „רבי" האָט עס געפאָדערט. סיי „זיין הייליקייט" האָט אזוי געזאָגט, אָדער סע האָט זיך בלויז געדאַכט אז ער האָט געזאָגט, אָדער בלויז „געמיינט" — האָב איך, ווי פיל אנדערע, קיין שאלות נישט געפרעגט און אויסגעפירט די מצוותדיקע (איצט ווייסט מען שוין, אז סע זענען עבירותדיקע!) געבאָטן, וועלכע זענען, לײדער, לויט ווי סע האָט זיך שוין היינט ארויסגעוויזן, גאָר קיין מצוות נישט געווען...

...אָבער איך, איך האָב דאָך עס געמיינט ערלעך — וואָס זשע איז דאָ צו לאַכן?

— כא-כא-כא! כא-כא...

איך האָב זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. קיינער האָט מיר נישט געשאָנקען די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. קיינער האָט מיר נישט געגעבן קיין שום אויפקלער נישט, גלייך זיי וואָלטן גאָר נישט געהאַט מיך פאר זיך, נישט קיין רשע וועלכער האָט אָפּגעטון מיאוסע מעשים, אז איך האָב...

ניין, דאָס האָב איך טאַקע נאָך נישט געטון. נישט ווייל איך האָב עס נישט געוואָלט טון, נאָר פשוט ווייל איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט צו נעמען עמעצן די נשמה... וואָלט מען עס געפאָדערט פון מיר, וואָלט איך מסתמא אויך געטון, אָן שום טענות-ומענות. א באַווייז: אנדערע פונקט ווי איך, וועלכע זענען יאָ געווען אין אזא מצב, האָבן דאָך יאָ פארגאָסן בלוט,

ווייל זיי האָבן עס אויך ערלעך געמיינט, ווייל זיי האָבן געגלייבט, פונקט ווי איך און איך פונקט ווי זיי, אַז אַזוי איז עס רעכט... נו, איז פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי ווי זיי, וואָלט איך דאָך אויך מסתמה געטון, ווען איך וואָלט געווען אין זייער מצבֿ?!

איך האָב טאַקע נישט עובֿר געווען אויף שפיכת-דמים. נו, האָב איך דאָך אויך אָפּגעטון אַזעלכע מעשים, וואָס זענען כמעט אַזוי — אָבער גאָט איז מיין עדות (גאָט?!... ניין, לאָמיך דאָ נישט דערמאָנען גאָט, ווייל ער האָט דאָ נישט אין דעם ענין קיין שום עדותשאַפט, ווייל קעגן אים האָב איך דאָך חוטא געווען!), אַז איך האָב גאָרנישט נישט געטון אין מיין אייגענעם אינטערעס, איך האָב דאָך נישט געהאַט און קיין מאָל נישט דערוואַרט קיין אייגענעם אינטערעס, אָדער פאַרזענלעכן נוצן, איז וואָס איז דאָ צו לאַכן?!

— כאַ-כאַ-כאַ-כאַ-כאַ...

איך האָב מער שוין נישט געקאָנט צוהערן דאָס געלעכטער, וואָס האָט פאַרטייבט ווי אַ רוישנדיקע מיל.

איך האָב שוין מער נישט געקאָנט שטיין אַזוי אויף די קניעס און זיך בעטן פאַרן בית-דין של מעלה, אַז מע זאָל מיר מוחל זיין. ניין, איך האָב שוין נישט געקאָנט, נישט געקאָנט...

אָבער אַז איך האָב אויפגעהויבן מיין פאַרזונקענעם קאָפּ, האָב געעפנט די אויגן, האָב איך גאָר דערזען, אַז איך געפין שוין נישט קיינעם פאַר מיר. איך שטיי שוין נישט פאַר קיין שום בית-דין. איך בין געבליבן אַליין, מיט מיר און מיט מיין זינדיקער פאַרוואונדיקטער נשמה, צווישן די שטומע פיר ווענט. עס איז שוין בכלל נישטאָ, ווער סע זאָל אויסהערן מיינע מחילה-בעטעניש. דער בית-דין איז שוין לאַנג אַוועק און האָט מיך פאַרלאָזט, ווי מע פאַרלאָזט איינעם וועמען מע שענקט קיין שום חשיבות נישט... דער בית-דין האָט מיך פאַרלאָזט, אַז איך גופא זאָל זיך משפטן און דעם אורטייל געבן.

יאָ, דער בית-דין איז טאַקע שוין אַוועקגעגאַנגען, אָבער פאַר וואָס הער איך ווייטער דאָס היסטערישע ביטולדיקע געלעכטער? ווער דונערט אַזוי, מיט אַזאַ מין „כאַ-כאַ-כאַ“?!... ווער לאַכט עס אַזוי ציניש אָן אויפהער, גלייך סע וואָלט געדונערט מיט גרינגשאַץ, מיט אַזאַ חוזק-געלעכטער, וואָס איז האַרבער ווי אַ שטראָף, ערגער ווי גיהנום?!

איך האָב זיך אויפגעהויבן, אָבער נישט געווען ביכולת אויסצוגלייכן דעם רוקן. איך האָב זיך געלאָזט גיין אַזוי, ווי איינגעהויקערט, ווי צוזאַמענגע-בראָכן, זיך געלאָזט גיין נאָכן קול פונעם געלעכטער, וואָס האָט פאַרטייבט מיינע אויערן-פּייקעלעך. איך בין נייגעריק געווען צו זען, צו הערן, וואָס איז דאָס געלעכטער? ווער און וועמען לאַכט מען עס אַזוי שטאַרק אויס? איז נאָך פאַראַן

עמעצער, אויך אחוץ מיר, פון וועמען דער בית-דין של מעלה זאָל לאַכן?!...

...איך האָב פאַמעלעך געעפנט די טיר פונעם זייטיקן זאַל, וואו מע האָט געמשפּט א נשמה, א הייליקע נשמה. מע האָט עס אָנגעזען פון דעם אָרעאָל, וואָס האָט געשטראַלט פון איר געזיכט...

אויבנאָן איז געזעסן דער בית-דין, די פּמליא של מעלה. סאַמע לוי-טער דערהויבענע מלאכים. סאַמע זייד און סאַמעט. סאַמע זשופּיציעס און סאַמע ספּאַדיקעס. סאַמע שמן-זית און סאַמע תכלת — און האָבן געלאַכט, האָבן גע-לאַכט און האָבן געלאַכט...

פאַר זיי איז געשטאַנען דער ווילנער גאון, שוין פון צוריק מיט א צוויי הונדערט און פופציק יאָר. דער באַרימטער ווילנער גאון, וועלכער האָט גע-האַלטן אז לערנען תורה, דאָס איז אַלץ. א תלמיד חכם איז דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל — דאַוועגען איז ווינציקער וויכטיק... א פּשוטער ייד, א חסיד — איז צו בלאָטע...

דער ווילנער גאון, וועלכער האָט געפירט די מתנגדים אין א הייליקער מלחמה קעגן די חסידים, וועלכע האָבן מער געשאַצט פּשוטע תפילות ווי לער-נען תורה, וועלכע האָבן געזאָגט אז א פּשוטער ייד, אפילו אן עם-הארץ, איז אויך א מענטש...

דער ווילנער גאון, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט א חברה מתנגדים, וועלכע האָבן אין נאָמען פון דער תורה גערודפט די חסידים, דאָס חסידות און זייערע רבנים... האָבן גערודפט, האָבן זיי געמסרט, מלשין געווען אויף זיי ביז מע האָט זיי איינגעזעצט אין צאַרישע תפיסות... נישט אָפּגעשטעלט זיך פאַר גאָרנישט, גרייט געווען דורם צו זיין א חסיד, ווייל ער איז א חסיד...

און ווען עס איז געקומען די צייט, ווען דער גאון איז נפטר געוואָרן; יענער ריזיקער גאון, נאָך וועלכן מע פלעגט נאָכדערציילן, אז ער האָט געהאַט אזא באַשולדיקנדיק ווערטל: „יעדער קאָן זיין ווילנער גאון, יעדער קאָן זיין ר׳ אליה ווילנער — וויל נאָר!"... ווען מע האָט אים גערופן פאַרן בית-דין של מעלה און מע האָט אים געפרעגט: „היתכן, ווי אזוי טוט עס א ייד, אזא רב, אזא גאון, אז ער זאָל רודפן אן אנדערן ייד, א רבי, אז ער זאָל רודפן חסידים, וועלכע פאַרשפּרייטן יידישקייט? אמת, אויף זייער אייגענעם אופן — אָבער דאָך יידישקייט?!"...

האָט דער גאון נאַיוו געענטפערט: „איך האָב עס געמיינט ערלעך!..."

...די פּמליא מעלה של האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן אין א קייכנדיקן געלעכטער און קאָן זיך נאָך עד-להיום נישט אָפּשטעלן.

— כא-כא-כא!...

שוין כמעט דריי הונדערט יאָר לאכט מען פון איינעם וואָס האָט עס „גע־מיינט ערלעך"...

— כא-כא-כא!...

...פון וועמען לאכט מען? פון מיר, פון אים, פון אונדז, פון זיי, צי גאָר פון אַלע?!

מע לאכט פון אַלע, וואָס האָבן עס „געמיינט ערלעך"?!

— כא-כא-כא!...

המשך

מײַן יחוס־ירושה

פּראָלאָג

א

וואָלט, זכרונו לברכה, מײַן פֿאָטער, געווען אַ הדרת־פּנימדיקער עושר; אַ רײַכער, בײַכיקער גוטבאַזיצער, ירושה אוודאי מיר געלאָזט וואָלט ער.

פֿון אָרעמען מאָגערן פֿעלדזיקן פּליִען, צי פֿון באַרגיקער מאַראַמאָרעשער ערד; ווי סטערפּ זײ זאָלן געווען נישט זײַן, דאָך אַ חלק וואָלט מיר אויך געהערט.

כאָטש אַ דלת־אמות באַגראָזטע ערד, צו פּאַשען עטלעכע שאָף נעבן אַ געוועלבל; און אפֿשר אויך אַ קרעציק בלינד פֿערד, צי אַ מאָגער לאָשיקל, אַ בײנערדיק קעלבל.

געווען איז ער אָבער נעבעך אין גלות, ווי אַ פּשוטער ייִד פֿון דאָרפֿישן ראַנד; אין דחקות, אין זיבן מאָל זיבן פּלאָגעם, אַן אביון ווי אַנדערע פֿון קבצן־לאַנד.

איז געבליבן מיר אַ מנורהלע בלויז, פֿלעמלט עס ווי אַ קאַנעצל, אַ נר־תמיד; אָן ייִדן, אומהיימלעך, ליידיק די קלויז, צאַנקט עס, ווײ, בײַ אַן עלנטן עמוד.

מנורה, מכבי, נסים ונפֿלאות, אָנשטאָט ברענען איין אײנציקע נאַכט; אין ביסל בוימל אַרײַן זענען די ברכות, און געברענט סע האָט טעג גאַנצע אַכט.

אָבער, ווײ, נישט אין בוימל די ברכות, נאָר אין בלוט, ייִדישס, סע רי־נען טײַכן; פֿון אַזוי פֿיל פּאָגראָמען און שחיטות, מיט קיין שום אומה נישט צו פֿאַרגלײַכן...

ב

וואָלט געווען מײַן פֿאָטער, עליו השלום, אַ גביר ער געווען, אַ בעל־בתיש שטיקל; כאָטש קלײן, פּיצינקע, ווי אַ זומער־חלום, דאָך אַ בעל־בית איבער אַ מיני־פֿאַבריקל.

אַז אַ קוימען אַ פאַבריקל פאַר סאָדע-וואַסער, ווי אין מאַראַמאַרעש גע־וועזן איז דער מנהג; אוודאי וואָלט דאָס מיר איבערגעלאָזט ער, אַזוי פיל ירושה פאַר מיר, זיין מעזיניק.

אוי, נישט סאָדע-וואַסער, נאָר טרערן, רינען, אַ סאָדע-מאַשינדל, אַ פּגירה־דיק ביקל; מיט אייגענע הענט דאָס רעדל דרייען, זאָל זיין אַזוי, אבי האָבן אַ פאַבריקל.

געוועזן איז ער אָבער נישט מער, ווי אַ חסידישער ייד מיט צדקות; אין ליידן און ענגשאַפט געלעבט ער, מיט תפילות און תעניתים אין דחקות.

אַ ווידער-קול פון אַ בעל-שמישן ניגון, מער ירושה לאָזן אים נישט געלונגען; וואָס אוישוויץ האָט פאַרשטומט, פאַרשוויגן, און געבליבן אויף אייביק אומדערזונגען.

ג

וואָלט מיין פאָטער אַ סוחר געווען, געהאַנדלט, געבאָרגט ביי בעלי־טובות; פּאַלעצעס ליידיקע, נישטאָ וואָס צו זען, איבערפולט אָבער מיט אומ־באַצאָלטע חובות.

אַ ביסל צוקער, נאַפט, זאַלץ צי טרויער, מיר איבערגעלאָזט דאָך וואָלט ער; וואָס ער וואָלט פאַרן אָרעמען פויער צעוואויגן מיט ציטערנדיקע הענט ער.

איז געווען ער, נעבעך, פול מיט צרות, ווי אַ ייד, אַ תלמיד-חכם, אַ למדן; און געבריזעט יום-ולילה אין גמרות, תורה-דורשטיק ווי אין מדברדיקע זאַמדן.

איז געווען ער נישט מער אָבער, ווי אַ מלמד פון גמרא, זינגענדיקע; אין סיגעטער קלויז, דער ווייזשניצער, געקנעלט ער מיט קינדער הונגעריקע.

...זענען בירושה געבליבן מיר מעשיות, זיי אַ דערציילער מיך געמאַכט, אַן עדות; פון זכרונות מיט בלוט-שפּורן זינט דורות, פון טויזנטער יאָרן יידישע עקידות...

א חזיון-נסיון

א

אָז אונדזער רצון געשעט דאָך אַלץ, דאָס גאנצע לעבן איז א גרויסער נסיון; מיטן בעל-כרחו געבוירן און געפעלט, דער עבר און עתיד איז בלויז א חזיון...

געווען איז ווי חלום פון נעפּל ארויס, עס איז געווען ווי דער זון און אויך ער; עס איז געווען דער פאָטער און נישט בלויז, עס איז געווען זיין אייניקל און נאָך מער.

דער נעכטן, היינט און אויף דער מאָרגן, אלע דריי האָבן גלייך דעם המשך געשפּונען; דער זיידע, פאָטער און דאָס אייניקל, מיטן זעלביקן חלום אלע דריי פארבונען.

...און געווען איז ווי משה-רבינוס זאָמען, צי גאָר איז עס דער זיידע ר' שלום; איצט נישט וויכטיק איז דער נאָמען, דאָס גאנצע איז דאָך נישט מער ווי א חלום.

דער מאראמאָרעש-סיגעטער תלמוד-תורה מלמד, אין חלום דערזען האָט דעם ברענענדיקן דאָרן; די פלאמען געשימערט האָבן ווי רויטער סאמעט, און אָנגעצונדן אין אים דעם אוראַלטן צאָרן.

האָט ער מיט זיינע דארע בלייבע הענט, מיט די ביינערדיקע לענגלעכע פינגער; זיין לאנגע גרויע באָרד אויסגעקעמט, ווי ער פלעגט טון ווען געווען ער איז יינגער.

אראָפּגעשלונגען האָט ער א געדאנק, און א ביטערן שמייכל געטון ער האָט; געשעפּטשעט שטיל ווי אין א תפילה, נישט געוואגט, געשטאמלט האָט ער צו גאָט:

„פונסניי שוין די גאַר אַלטע מעשה, אהא, סע הייבט זיך שוין אָן ווידער;
פון אויבן גאָטס צייכן באַווייזט זיך, מיטן ברענענדיקן סנה אין דער נידער.
ער טליעט און פלאַקערט און ברענט, און דאָך ווערט ער נישט פאַרצערט;
ווי דער גורל פון א ייד-קרבן פאַרלענדט, אזוי ווי אונדז עס איז שוין באַשערט".

ווי געלערנט אין חומש אַמאָל, קומט די אַלטע מעשה שוין ווידער;
פאַרשווינגן האָט ער עס ביי זיך, כאָטש געפילט אז אַלץ איז אים דערווידער.

און נישט מיטן געוויינטלעכן התלהבות, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פויל; אָן חשק א באַוועגונג געמאַכט, נישט געוואָגט צו עפענען דאָס מויל.

האָט אָפּגעשאָקלט דעם דורותדיקן שטויב, זיך געשטאַרקט בייצוקומען די מורא; גלייך סע וואָלט געוואַקלט זיך די וועלט, ווי בעת ער האָט מקבל געווען די תורה.

האָט ער אָנגעשטרענגט זיך די כוחות, צו שטיין שטאָלץ אויף די פיס;
אָנגעגאָסן מיט גבורה געטלעכער, צו שטעלן זיך ווי א הימלישער ריז.

סע האָט זיך אים אויך דאַכטן געוואָלט, אז נישט אים, ווי א משא, טראָגט די ערד; נאָר אונטער זיינע פיס גאָר ליגט די וועלט, אנדערש דאָס בילד, אַלץ איז פאַרקערט...

ווי ביים אויסגיין די שמונה-עשרה, האָט ער געמאַכט צוריק דריי טריט; כדי אויסצומיידן דאָס אומבאַקאַנטע, איז ער געבליבן ווי צוגעשמידט.

די רעכטע האַנט צוגעלייגט צום שטערן, ווי אין טיפע כוונות זיך צו פאַרקלערן; גלייך ער וואָלט זיך דערמאַנען געוואָלט, נישט וואָס געווען, נאָר וואָס סע זאָל ווערן.

ווי געמאָלן אין דער הגדה של פסח, די לינקע האַנט אויסגעשטרעקט האָט ער; ווי דער שאינו-יודע-לשאול צי דער תם, ווי פרעגנדיק און דאָך שטום אָן ווערטער.

פאַרראָטן האָט זיין אייביקע שטרענגע מינע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן רגזנישן צאָרן; בעת ער האָט באַגעגנט אויפסניי דעם גאָט, וואָס באַהאַלט זיך אין א סנה, א דאָרן.

געוואָלט אויסבאַהאַלטן דאָס מורא-געפיל, וואָס אויך איצט סע האָט אים באַוועלטיקט; ווי א מוראדיקן ייד, אפילו א פחדן, ווי די שונאים תמיד אים געשטאַלטיקט.

נאַר, קאָן מען דען גאָט אויסמיידן? אָט איז ער פון הינטן — אָט פון פאָרן; קאָן מען דען א געטלעכן סנה אויסווייכן, קאָן מען דען אויסמיידן א געטלעכען דאָרן?!

און ווי ביי מתן-תורה געבליצט סע האָט, דאָס פייער האָט אים ארום-גענומען אין בליץ; און סע האָט ווי דעמאָלט געדונערט, און אין דונער דערפילט גאָטס מוסר-שמיץ.

— ר' משה רבינו, תלמוד-תורה מלמד, פליסיקער קנעלער, אלט-נייער; זאמל איין די שעפעלעך, די קינדער, ווידער שפּאַן זיך איין, פּאסטוך-מלמד געטרייער.

האָט דער רגזן פון אמאָל זיך אָנגעצונען: „איך בין שוין מער נישט קיין מלמד; מיט ווערען צו קנעלן נישטאָ שוין מער, אומזיסט מיין קאַפּאָטע, קאפּעלוש פון סאמעט".

האָט די רוגזה פון אמאָל זיך דערוועקט, געוואָרפן מיט כעס דעם קאַ-פּעלוש פון סאמעט: „נישטאָ שוין מער מיט ווערען צו קנעלן, איך בין שוין מער נישט קיין מלמד!...

אין אוישוויץ מיינע בעסטע תלמידים, דאָרטן זענען זיי געוואָרן פאר-סמאָלעט; פארברענט די עטרה און דער תכלת, דאָס אמאָליקע חדר געוואָרן איינ-געוואלעט".

און גאָטס קול סע האָט אָפּגעהילכט פון דאָרן, און אין צווייטן דונער געוואָרן געהערט: „ר' משה, משה, מיינע שעפעלעך סע ליידן, פונעם גורל, וואָס זיי איז נישט באשערט"...

אין א שטילן דערשטיקטן שלוכצן, וועגן זיין שליחות געוואָרן ער פאר-ביטערט; אין א מוראדיקן געוויין זיך פארגאן, בלויז די באָרד ביי אים האָט געציטערט.

ווי גלעזערנע קרישטאָלענע ארבעס, פון שטאָרן בליק טרערן זיך שטעלן; און אויפן אלטן געקנייטשטן פנים, געקייקלט האָבן זיך געזאלצענע קרעלן.

און ווי צו זיך האָט ער געקלאָגט: „ניין, נישטאָ מער מיינע שילער"... אויב נישטאָ מיט ווערען צו קנעלן, איז ער ארומגעגאַן ווי א דילער.

...אין דער טיף פון מדבר זומערדיקן, פון די קארפּאטן-בערג ארום אים; האָבן זיינע ווערטער אָפּגעקלונגען: „קינדער מיינע, נישטאָ מער די תלמידים!".

אָבלדיק, אָן ווערטער, געוואָרן פארשטומט, איז ר' משה רבינו אין זיין טרויער; ווי אין פאריתומטער פארצווייפלונג, אין לאנגן פינצטערן גלות-דויער...

ב

און גאָט האָט צו משהן זיך געוואָנדן, לאמור, אזוי צו זאָגן: ס'איז כלעבן גאָר קיין תכלית נישט מיט יאוש-געדאנקען לאנג זיך ארומצוטראָגן...

„נעם אלץ צונויף, נעם דאָס מולטערל, וואָס דו האָסט נאָך היינט פאר די אויגן; אין וועלכן פרעהס בארעמהארציקע טאָכטער האָט דיך אמאָל פון נילוס ארויסגעצויגן.

נעם אויך אן אנדערן זכר, א צייכן א גאָלדן קנעפל פון דיין פרינצלעכן מונדיר; מיט וועלכן האָסט זיך אין פאלאץ געגרויסט, וואָס פרעה צור בר-מצוה געשאָנקען האָט דיר.

נעם אויך דאָס יויזעלע פון דיין שווער, וואָס יתרו נדן דיר געגעבן מן הסתם; און יענעם פשוטן הילצערנעם פאסטוך-שטעקן, מיט וועלכן געשפּאָלטן האָסט אמאָל דעם ים.

גאָרנישט זאָלסטו נישט פארגעסן... אויך די שערבלעך פון די מירמלנע לוחות; וואָס האָסט זיי ביים סיני צעבראָכן, און זאָלסט זיך לאָזן גיין אין שליחות.

נעם צונויף, נעם צונויף אלצדינג, זאָלסט אין דיין עבר זיך דערמאָנען; זאָלסט נישט פארגעסן דיין שבט-אָפּשטאַם, און זאָלסט צו דיין יידישקייט זיך באקאָנען".

„מיין גורל... די גלותדיקע יאָרן?" האָט ר' משה זיך אפּאטיש גע-טראכט; „איך, מיין פאָלק, בלאָנדזשע אין זיג-זאגן, אין א וועלט פון שינאהדיקער נאכט"...

„רעד קיין לשון-הרע נישט, ר' משה", האָט זיינע רייד איבערגעשלאָגן גאָט: „דער רוח נישט אזוי שווארץ ווי געמאָלן, אויך ווען נישט הייליק איז דאָס געבאָט.

פארפירט פון אָפּנארער איז דאָס פאָלק, מע דארף בלויז עפענען זיי די אויגן; נאָר זאָגן זיי דעם נאקעטן אמת, ווי דו פארצייטנס האָסט זיי דערצויגן"...

און ר' משה האָט זיך ווי ברחמים געבעטן, און אין זיין קול ווייטיק האָט זיך געפילט; די זאָרג אין זיין הארץ, אין יידישן, האָט זיך נאָך פון דורות נישט געשטילט.

„אויף וואָס א לשון זאָל איך צום פאָלק רעדן, דאָס פאָלק, ווי וועט עס מיך דען פארשטיין? ווען עס איז אין אזוי פיל שבטים געטיילט, צום פאָלק רעדן ווי זאָל איך גיין?

די לוחות-שפּראַך זיי האָבן אויפגעביטן, געמאכט א תרגום אין אלטן אראמיש; זאָל איך צו זיי רעדן גאָר רומעניש, צי רעדן זאָל איך צו זיי גאָר יידיש!?

„וויל דיר, משה, די שפּראַך נישט", האָט אזוי צו אים געזאָגט גאָט;
„ווען דער לא-תרצח פארשוועכט איז, און אלץ וואָס הייליק אין די צען געבאָט.

רעד צום פאָלק, ווי סע פארשטייט, עס איז דען דאָס ערשטע מאָל ביי דיר? איז דאָך קיין חילוק נישט דאָס לשון, בלויז דער תוכן וויכטיק איז ביי מיר.

נישט קיין חילוק אויף וואָס פאר א לשון, דעם פאָלק וויַיז דעם „מאָרגן" וואָס רוקט אָן; וויַיל דיר צווישן די שפּראַכן נישט, פונקט ווי איך אין זייערע מעשים נישט ווייַלן קאָן.

האָט דאָך מיט זיי די עשרת-הדברות, געקנעלט ווי א מלמד מיט זיי אויף מיצריש; און אנדערע נאָך דיר אויף שפּאניש, אראביש, און דערנאָך דייטש, רוסיש און ענגליש"...

דאַן האָט ר' משה אזוי געזאָגט: „ס'איז כלעבן שוין דערווידער; וואָס זאָל איך זאָגן זיי, וואָס? איבערחזרן יציאת-מצרים זאָל איך שוין ווידער?!

און עס איז גאָרנישט אזוי שיין, אויפצוואַרפן ביי יעדער געלעגנהייט;
אז מע האָט איינעם א טובה געטון, ווען ער געווען איז אין פארלעגנהייט!"...

האָט געזאָגט אים דעמאָלט גאָט: „רעדן צום פאָלק מיינעם, גיי; אָבער נישט פון די לאַנגסטיקע גלותן, מער שוין דאָס נישט דערמאַן זיי.

פאר מעשיות, קינדער עברי צו לערנען, זיי האלטן די נעשיכטע פאר לעגענדעס; אדרבה, דערמאַן זיי בלויז דאָס, וואָס ערשט „נעכטן" מיט זיי געשען איז.

זייער אייגענע בלוטיקע דערפאַרונג, דער „נעכטן" וואָס קאָן זיך אומקערן; און פון נעכטן און אייערנעכטן, וואָס קאָן חלילה דער „מאָרגן" ווערן"...

ג

און ר' משה דער מלמד איז געגאַנגען אזוי, בלאָנדזשענדיק איבער לענדער און לאַנד; איבער די מאַראַמאָרעש-סיגעטער גאַסן, געפירט ווי א קינד פון גאָטס האַנט.

און ביי דער אלטער וויזשניצער קלויז, פאר א צונויפגעוואָרפענעם הויפן סידורים; (ווי אין אוישוויץ א הויפן ביינער), מחזורים, משניותער, מרות, ספרים.

און אויסשטרעקנדיק די האנט פאָרויס, האָט אים גאָט אָפּגעשטעלט ווי מיט א ציימל; געזאָגט האָט גאָט צו ר' משה-מלמד: „זעסט שוין ווידער דאָס ברענענדיקע ביימל?

וואָס זעסטו, זאָג וואָס דו זעסט, אין חרובן סיגעט, דו וואָגלענדיקער מלמד; אפשר זעסטו ווידער דעם ברענענדיקן סנה, וואָס פלעמלט ווי לולבים, רויטער סאמעט?"

האָט ר' משה די אויגן געעפנט, און צוריק צוגעמאכט די אויגן; און מיט טעאטראלן זשעסט, פאמעלעך די ווערטער צעצויגן.

נאָכמאכנדיק פינקטלעך די מימיק, פון נביא יחזקאל און אויך זיין קול; גלעטנדיק די לאנגע באָרד, געטראכט וואָס צו זאָגן ער זאָל:

„איך זע, דאכט זיך הויפנס שמות, אָבער נייַן, נישט קיין ספרים אלטע; נאר ציגל אָנגעוואָרפענע ווי ביינער, איינגעוואלעטע קרעמאטאָריעס, קאלטע.

ווי א נייער כותל-המערבי, א זכר, צעלייגטע אויוונס, קוימענעס און אש... אותיות פון אייביקן יידישן ספר, הויפנס נשמות — פארברענטער פּיסאַזש.

איך זע הויפנס פון אלערליי שיך, ווי שמות פון פּאָגראָמירטע ביכלעך; צעריסענע אלטע שקראבעס זע איך, איך זע קליינע קינדערישע שיכלעך...

קרבנות, פארברענטע לעבעדיקערהייט, א הויפן יידישע ביינער סע ליגן; איבערן טאָל פון דער געשיכטע צעשפּריינט, ווי א דערשטיקטער יידישער ניגון"...

...געווען איז עס גלייך ווי א חלום, די וואָר איז ווי פון נעפּל ארויס; עס איז געווען ווי א חזיון, און נישט דווקא פארן עבר בלויז...

עס איז געווען ווי משה רבינו, און גלייך ווי נישט ממש ער; עס איז דאָך געווען דער מלמד — אויך זיין זון און נאָך מער.

„אָט די נשמות, עלנטע אוישוויצער ביינער, כ'ווייס שוין אליין וואָס כ'האָב צו זאָגן; ווועלן מיט פלייש און הויט זיך באנייען", האָט ר' משה אים די רייד איבערגעשלאָגן.

„נאַרישקייטן, עס איז סאַמע שטותים! אַן די ביינער דערמאַן נישט אויך דו"; האָט גאָט א ביטערע גרימאַסע געמאַכט, „וואָג נישט שטערן זייער רו.

נאָך הייליקער זענען די גופים, הייליקער נאָך פון אַלע קרבנות; וואָס מע האָט מיר אַמאָל געברענגט, הייליקער זענען פאַר מיר די נשמות.

לאָז די קרעמאַטאָריע-ביינער צו רו, איך קאָן מער נישט פאַר זייער וויי; זאָלן מיר נישט די וואונדן, דו לאָז, מער דערמאַן מיך נישט אָן זיי".

זיך א טרער, א געזאָלצענע, אויסגעווישט, האָט גאָט דעמאָלט מיט א גן-עדן טיכל; זיין חרטה ער באַהאַלטן געוואָלט, און געוויזן אים א בטחון-שמייכל:

„גיי צום פאָלק זיי מונטערן, נביאות זאָגן, דערמוטיקן זייער געמיט, דעם שלעכטן; שטאַרק זייער בטחון אינעם „מאָרגן" און דאָך נישט פאַרגעסן זייער „נעכטן".

און ר' משה האָט די רייד צוגעהערט, תוכחה-ווערטער וואָס האָבן געשטאָכן; אויף שיריים פון אָפּגעסמאָלעטן פאַרמעט, מיט א רויט שרייבפעדל אונטערגעשטראָכן.

פאַרמעט מיטן כתב פון עזרא-הסופר, פון זיין אַמאָליקער תוכחה, שו-רות; כדי ביידע זיי דעם פאָלק אָנצוזאָגן, פון יחזקאלס און עמוסעס נביאות.

דאָס מאָל שוין נישט מיט קיין דונערן, האָט ער גאָטס רייד באַנומען: „גיי, זאָג אָן דעם פאָלק, רעד גאַנץ אָפן, די אויוונס קאָנען א פאָרעם באַ-קומען.

די קרעמאַטאָריעס קאָנען זיך ווידער דערהייבן, און אז דאָ און דאָרט שפּאַלט מען שוין שפּענדלעך; א פריש קרעמאַטאָריע-פייער אונטערצוצינען, אויוונס באַצירטע מיט האַקנקרייץ-פענדלעך".

ר' משה האָט די פאַרמעטלעך פאַרקנייטשט, ער האָט זיך צעשריגן ווי אַמאָל; און פאַר אויפרעגונג האָט ער ציטערן אָנגעהויבן, און אַליין זיך דער-שראָקן פאַר זיין קול.

און מיט אים אויך דער גאַנצער ארום, נישט פון לעגענדאַרע ווייטע מד-בריות; נאָר פון מאַראַמאַרעשער יידישע דערפער, אַמאָליקע קהילות.

און אויך די בארגיקע פּליסנדיקע וואַסערן, וואָס געפּליסטערט יידישע ניגונים, זיסע; זענען אין גאַנג פאַרגליווערט געוואָרן, די קאַלטע איזע און די שטראָמענדיקע טיסע.

„שוין ווידער דער אַלטער „אהיה אשר אהיה"?! זענען דאָך די אויוונס נישט גוט אויסגעקילט; נאָך האָט ווינט דאָס אַש נישט פונאַנדערגעבלאָזן, דאָס פאָלק האָט נאָך זיינע כוחות נישט דערפילט...

און שוין זאָל איך ווידער אַמאָל, אַנזאָגן זאָל איך אַ נייעם חורבן; צי וויל דער הונגעריקער מולך, פאַרשלינגען אַ פרישן יידישן קרבן?!"...

און גאָט האָט אַ טרייסל געטון מיט ר' משהן, און מיט אַ באַפעלערישן טאָן אים געבאָטן; „גיי, זאָג דעם פאָלק דעם פאַרעקשנטן, צי זעט איר נישט די בייטשן, די קנוטן?

די זעלביקע שוין ווידער אייך צוויקען, אַנדערע זענען בלויז די רוד-פים; אַנדערע זענען בלויז די שמייסערס, אַנדערע זענען בלויז די רוצחים"...

און ווידער אַמאָל האָט גאָט אויפגערעגט, פאַר רוגזה מיט די פיס אין הימל געטופּעט: „גיי, זאָג, סע קומט אַ ניי מבול!", געשריגן צו ר' משהן, וועלכער האָט געכליפּעט.

און נישט געוואוסט נאָך אויף קלאָר, געפילט נאָר פון גאָט אונטערגע-טריבן; ווען, ווי אַזוי און וואָס איז די וואָר, איז ר' משה אַ פאַרטראַכטער געבליבן.

„וואו זאָל איך דאָס פאַרעקשנטע פאָלק זוכן", און נישט געוואוסט וואו עס צו געפינען; ווענען גאָטס רייד איבערצוגעבן, פאַר וועמען זיין נביאות צו שפּינען.

נאָך מער געווען איז ער אומבאהאָלפן, ווייל נישט געוואוסט אויף קלאָר און ריין; דעם זינען פון זיין שליחות, פון גאָטס רייד דעם באַטייט, דעם מיין...

און ר' משה נישט געוואוסט האָט וואָס צו טון, מיטן צעקנייטשטן פאַר-מעטל אין דער שוים; האָט ער מיד זיך געזעצט אויף די טרעפּ, פון דער חרובער אַלטער ווישניצער קלויז.

נישט ווי ביי מיקעלאַנדזשעלאָ ער האָט אויסגעזען, זיין קאָפּ איצט אין די דלאָניעס איינגעבויגן; ווי אַ ייד, אָקערשט פון דעפּאָרטאַציע געקומען, אַ פאַרדרימלטער מיט אָפענע אויגן...

ד

און גאָט האָט צו ר׳ משהן גערעדט: „אַ האַמער און אַ דאָלעטע זאָלסט נעמען; און האַק אויס פונסניי לוחות, פונסניי, דאַרפסט זיך נישט שעמען״...

איז ר׳ משה, אין חלום, ווי אַ שקלאַוו, פאַר זיין האַר געשטאַנען, אָפּ-העגטיק; מיט אַ פאַרלוירן געמיט ביי זיך, ווי אַן עבד געווען אונטערטעניק.

„פונסניי, פונסניי, ווי אַמאָליקע צייטן, בעת מתן-תורה אין דונערן און בליצן; זאָל איך אַלץ אָנהייבן ווידער, צום דריטן מאָל לוחות אויסקריצן?!״

און גאָטס קול איז געקומען פון דער טיף, ווי מיטן שטורעם פון די מדבריות; ווי מיט געפלאַטער פון פייגל, ווי מיטן גערויש פון קאַראַוואַנעס...

און פון דער בלויער ווייטקייט, האָט געדונערט גאָטס געבאָט; און פון דער ווייטער טיפקייט, האָט אָפּגעהילכט דער באַפעל פון גאָט:

„יאָ, צום דריטן מאָל, נו איז וואָס? איין מאָל דו זיי צעקרישלט ווי אַ שערבל; פון אייפערזוכט מחמתן גילדענעם עגל, ווען מע האָט פאַרביטן מיך אויף אַ קעלבל.

דאָס צווייטע מאָל האָבן זיי מיינע לוחות, ווי אַנטיק-זאַכן פאַר מוזייען בלויז; נישט צום לערנען נאָר צום אָנקוקן, איז אַצינד צום דריטן מאָל קריץ אויס!״

„אנוכי אדוני אלקיך, איך בין״...האָט ר׳ משה דער מלמד ווי אַ קינד; איבערגעחזרט די עשרת-הדברות, שטיל און פרום געשעפּטשעט צום ווינט...

ווי מעכאַניש ער באַוועגט די ליפּן, דערזען סע האָט אים גאָט; האָט ער צאָרניק זיך צעשריגן: „ניין, נישט די אַלטע צען געבאָט!...

אַלטע לוחות ווער זיי נייטיקט, מע נעמט זיי דען עמעצער ערנסט? גאָר אַנדערש מע טוט זיי פאַרטייטשן, נישט דאָס וואָס דו מיט זיי לערנסט.

נעם ווידער די דאָלעטע, קריץ אויס אַצינד אַ ניי געבאָט; זאָלן זיי זיך עם איינחזרן: ובחרת בחיים, אַזוי זאָגט גאָט!״...

און אַז ער פאַרוואונדערט איז געוואָרן, האָט גאָט געזאָגט נאָך אַ מאָל: „גייי רעד צו רשי, אַזוי צו זאָגן, דעם פּסוק ער פאַרטייטשן פּשוט זאָל.

„זאָלסט לעבן!“, דאָס זאָל מען זוכן, דאָס זעלבפאַרלייקענען מיידט אוים; וואָס גלייך איז מיט זעלבטויט, אַליץ דאָס, פירט צו אומקום בלויז.

וואָס דערמאַנט חורבן און געצנדינסט, וואָס דערמאַנט מיט זעלבפאַר־ניינען; איבערחזרן דעם „איך־פאַרלייקן — דאָס זאָלן זיי זיך אָפּגעווייִנען“...

ה

און ר' משה האָט זיך אונטערטעניק, אין וועג זיך געלאָזט זוכן דאָס לעבן; דאָס פאָלק דאָס גלותדיקע צו געפינען, וועמען גאָטס וואָרט איבערצו־געבן...

און ער איז געגאַן און געגאַן, אונטער דעם גאָס פון רעגן; און אונטער דער ארשיצע פון זון, וואו זיך צעשיידן די וועגן.

האָט געוואַנדערט ער א מידער, ביז ער איז דערגאַנגען צום ראַנד; גלות־איין, גלות־אוים אָנגעקומען, צו א ברעג פון בענקען נאָך א לאַנד.

און ער האָט די רעכטע האַנט, איבער זיינע אַלטע טריבע אויגן; כדי אָנצושטערענגען די בליקן האָט ער, זיך ווי א דאַשעק אריבערגעבויגן.

אין דער ווייטקייט א שוואַרץ פינטעלע, האָט געצאַנקט, זיך באַוועגט אָן כוח; געוואָרפן אויף די ים־כוואַליעס, ווי א געדאַנק אין א פאַרצווייפלטן מוח.

און דאָס פינטעלע איז געוואַקסן, די כוואַליעס ברויזנדיקע געשטו־רעמט; און סע האָט פאַמעלעך זיך געוויזן, און אין דערנענטערן זיך געפּאָרעמט.

א שיף מיט וואָגלענדיקע נשמות באַלאָדן, ציטערנדיק געשטרעקט פאָ־רויס צו א האַנט; מיט פון דורות בענקענדיקע בליקן, וואָס צום ברעג צון אַן אויסגעחלומט לאַנד...

און געראַנגלט האָט זיך די שיף, מיט א שארית־ישראל וואָס געבליבן; פונעם בייזן שטורעם געשטויסן, און פונעם שטאַרקן ווילן געטריבן...

און די מענטשן האָבן זייער ווילן געשטרעקט, איבערן ים, כדי צו דערפאָרן; צום ברעג פונעם מאָרגן זיי האָבן געשטרעבט, במשך שוין טויזנטער גלותדיקע יאָרן...

און ר׳ משה האָט געשריגן צו זיי: „וואַרפט אַוועק אַלץ וואָס איר האָט; און קומט, קומט עולה-רגל זיין, קומט הערן דאָס וואָרט פון גאָט!"...

אין ברויז פונעם פאַרצווייפלטן ים, געווען זענען אָפּגעסמאַלטע נשמות; קוים, קוים ניצול-געוואָרענע, פון קרעמאַטאָרישע פייערן, רויכעס.

„וואָס מיר, אָרעמע וואַנדערער, האָבן? פאַר וואָס מיר אַנטלויפן פון דאַנען?!"; געפרעגט האָבן זיי קינדיש נאַיוו, און האָבן זיינע רייד נישט פאַרשטאַנען.

און ר׳ משה האָט ווידער געזאָגט: „נו, טאַקע, זאָגט למשל, וואָס האָט איר?"; און די מענטשן האָבן אַריבערגעשריגן: „גאָרנישט, אָט דאָס בלויז האָבן מיר...

אחוץ דעם פינצטערן, בלוטיקן נעכטן, נישט מער ווי אַ שטאַרקן ווילן; וואָס איז שמשון-הגיבורדיק מעכטיק, לעגענדאַריש, נישט צום פאַרשטילן...

און אויך פאַרן „מאָרגן" נישט האָבן מיר, נישט מער ווי טויזנטער יע-ריקע צוזאָגן; וואו מיר אונדזער שיף אָנאַנקערן זאָלן, ווייל מער ווי גלויבן גאָר-נישט פאַרמאָגן".

און ר׳ משה האָט אַליין נישט געוואוסט, אחוץ זיי ווייזן דאָס לאַנגסטיקע אָרט; וואָס צו זאָגן, צו וואָס זיך ווענדן, נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט.

וואָס זאָל ער געווען זיי זאָגן, מיט וואָס זיי נעקאָנט דערמוטיקן; מיט וואָס קאָן ער זיי טרייסטן, מיט וואָס קאָן ער היילן זייער בלוטיקן...

און ר׳ משה וואָס האָט די תוכחה געשריבן, און תמיד נאָר געמוסרט, אָן אַ מאָס; אויך זיין הארץ און נשמה געווען איז, ווי ביי אָן איבערגעשראָקענעם האָז.

ער, וואָס תמיד געשטראָפט און געזידלט, נישט געפונען עפּעס אַנדערש ווי רחמנות; איז צוריק געוואָרן דער באַרעמהאַרציקער פּאַסטוך, אויף זיינע פאַר-וואָגלטע נשמות...

און ער האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין: „יאָ, פון צו פיל ליידן איז פאַר-שטיינערט; זייער האַרץ קאָן טאַקע פאַרטעמפּט זיין, אָבער זייער רצון איז פאַרביינערט"...

„זיי קומען און ווען מסתמה דערגיין" האָט ר׳ משה אַליין זיך געטרייסט; געווים וועלן זיי גאָטס וואָרט דערהערן, נאָר ווען, פרעגט זיך, ווער ווייסט.

זייער ווילן וועט זיך נאָך מער שטאַרקן, ווען זיי וועלן צון א ברעג דער־גרייכן; זיי וועלן זייער מאָרגן געפינען, איינציקאַרטיק, ווי אָן א גלייכן.

זיי וועלן לעבן און דערלעבן, מיט זייער שטאַרקן יידישן בטחון; מיט זייער אוראַלטן שטאַרקן שטרעבן, וועלן זוכה זיין צום יידישן נצחון"...

...און די שיף האָט זיך געוויגט, געוואָרפן פון ברויזנדיקע כוואַליעס; געשוואומען אין א שאָל פון אן איי, מאמינים וואָס פרעגן קיין שאלות...

„עקסאָדוס, ניינצן זיבן און פערציק"*), די בלוטיקע אותיות אויף דער שיף; יידישער עקסאָדוס, פון אייביק, סע האָבן זיך געטובלט אין דער טיף.

און אין פאַמעלעכן דערוויטערן זיך, האָט די שיף דעם פאָרעם פאַר־לאָרן; און פון רגע צו רגע און מינוט, דאָס פינטעלע אויפן ים איז געמינערט געוואָרן.

ביז א טונקל פינטעלע זיך אָנגעזען, און געוויזן האָט זיך נאָר א שאָטן; וואָס טיפער, נענטער צום מאָרגן, וואָס הייגט מע קאָן נאָך נישט דעררעטן.

און פון אונטער די אויגן פאַרשוואונדן, אין דער טיפער האָפענונג פון נצחון; אין דער טיפער בלויער ווייטקייט, אין פיר טויזנט יעריקן יידישן בטחון...

ו

און ר' משה האָט פאָרוים אוועקגעשפאַנט, צו דער לעגענדאַרער מערבדיקער וואנט; צום העכסטן-טיפסטן פון די לעגנדער, געפירט פון גורל און גאָטס האַנט.

אין שאָטן פון אתרוגים-ביימער, און אין גערויש פון לולבים; האָבן זיך שירה-געזאַנגען געהערט, פון שיר-השירים און תהילים...

מיזמורים אַלט-נייע, זינגט אָז-ישיר, פון בילו און הייַנטיקע געזאַנגען; פרייד-זאָרג פון יונג-אַלטן פאָלק, וואָס ענדלעך שוין ערגעץ דערגאַנגען.

---

*) „עקסאָדוס ניינצן זיבן און פערציק", א מעפּילים-שיף מיט יידישע פליטים וואָס האָבן איבערגעלעבט די נאַצי-לאַגערן, זענען אינטערנירט גע־וואָרן אין ציפּרוס מצד דער ענגלישער מאַנדאַטאַר-מאַכט, וועלכע האָט גע־הינדערט זייער אַריינפאָר קיין ישראל. די שיף האָט געוואָגלט אין מיטלענ־דישן ים — ביז זיי זענען דאָך אָנגעקומען צו די ברעגעס פון ישראל, און נאָך אַדאַנק זייער מסירת-נפש פון פאַרצווייפלטע האָבן זיי געקאָנט אַראָפּ־גידערן אויף דער יבשה.

דאָס געזאַנג פון ווידערגעבורט, אין געראַנגל און געפעכט פאַרן זײַן; פאַרן שפּינען דעם פּירטוויזנט יעריקן פאָדעם, פאַרן דערלעבן א מנורה מיט אײגענער שײַן.

„בײַ גאָט פון אברהם שווער איך, אז איר דאָ, שותפים צו מעשה־בראשית זענט; איך, ר׳ משה, סיגעטער מלמד, ווינטשט: געבענטשט זאָלן זײַן אײַערע הענט!

איר דאָ, האָט א נײַע וועלט פאַרצײַכנט, פון דער אלטער א נײַע צו פלאַנצן; איר דאָ, האָט גיבורים געפאָרעמט, אויך מיטן לײדיקן מאָגן א האָרע צו טאַנצן.

איר דאָ, האָט דעם דרך געפונען, דער יצירה געטלעכן לבוש אָנקלײדן; אין טרוקענע זאמדן בלומען צו וואַקסן, אונדזער לעבן צו באַווירצן מיט פרײדן.

אין אונדז דעם צלם־אלקים אויפצולעבן... זאָל אויך מײַנער מיט אײַער חלק זײַן; מײַן גורל מיט אײַערן זאָל זיך פאַרוועבן, באַלויכטן פון מזרחדיקער שײַן.

...אלץ געווען איז ווי א חלום פון נעפּל ארוים, עס איז געווען ווי זײַן זון און אויך ער; עס איז געווען זײַן פאָטער און נישט בלויז, עס איז געווען זײַן אײניקל און מער...

דער זײדע, פאָטער און דאָס אײניקל, אלע דרײַ האָבן גלײַך דעם המשך געשפּונען; דער נעכטן, הײַנט און אויך דער מאָרגן, מיטן זעלביקן בענקען אלע דרײַ פאַרבונען...

ז

און ר׳ משה־מלמד האָט אָנגעהויבן קלערן, אז ער איז שוין זאַט פון דאגות און יאָרן; וואָס זשע קאָן מיט אים שוין ווערן, אז ער האָט שוין זײַן יוגנט פאַרלאָרן?!

די כוחות הײבן אים אָן אָפּצושוואַכן, און פילט אין די אברים וואָס קעלטער; מיט ויחנו־ויסעו דאַרף מען א סוף מאַכן, ער איז דאָך שוין בײַ דער עלטער...

האָט ער זיך געשטעלט פאַרן אָרון־קודש, ווײַל ביז ווען קאָן ער נאָך וואַרטן? און שטיל א תפילה געזאָגט, זיך באַקלאָגט אויף זײַן גורל דעם האַרטן:

„זאָל אויך מיר זיין דאָס באַשערט“, בלחש, געשעפּטשעט ער פון הארץ ארויס; ער געוואָלט זיין בקשה אויסבאַהאַלטן, נישט הערן ער זאָל דער שמש פון קלויז.

„אויך איך וויל מיטבאַוואונדערן, וואָס מיינע תלמידים אין שטאַנד זענען; אויף זייער אייגענער אָבות-ערד, וואָס פאַר א גבורות צו באַווייזן זיי קענען.

מלחמות ווי באַשריבענע אויך פון מיר, צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן; כאָטש א טייל פון די גבורות, פון מיינע תלמידים וואָס כ'האָב דערצויגן.

ווי אין מיין פּאָעם „אָז ישיר משה“, באַזונגען אין מיין שירה אַזוי פּאַ-עטיש; וואָס אין ערשטן באַנד דערשינען, איבערזעצט פון יהואש אויך אין יידיש.

גאָט פון אברהם, דער זון פון תרח, פון יצחק, דער ברודער פון ישמעאל; און פון יעקב, פון עשיו דער ברודער — איז בעט איך דיך, גאָט פון ישראל.

לאָז מיך נישט אויפן הר-נבו הפקר, ווי מע וואַרפט אין ווינט א זאָמען; קיינער זאָל נישט געפינען מיין קבר, און איך בלייבן זאָל אָן א נאָמען“...

„ניין“, האָט א בת-קול געענטפערט, פון דאָרטן נישט לאָזן דיך ארויס; אהין נישט לאָזן מע וועט דיך אריין, קוקן פון דער וויטנס וועסטו בלויז“...

און פון פאַרביטערניש ווייטיקער, האָט ר' משה ציניש צעשמייכלט זיך ער: „דאָס איז מיין שכר פאַר דער קנעלונג, דאָס איז שוין מיין גורל, יידישער?!“

„מער ווי דעם נבו וועסטו נישט זען“, האָט דאָס בת-קול ווי אויסגע-שריגן; „מער וועסטו נישט זוכה זיין — ווייל געזונגען האָסט א פרעמדן ניגון...

האָסט אפשר אין דיין געבורט-לאַנד, גושן, אין יידישן פערטל נישט געקאָנט געפינען; געגנוג שיינע יידישע מיידלעך, האָסט געמוזט צו יתרום טאָכ-טער אָנקומען?!

ווען זי דיך פאַר א מצרי פאַרגעשטעלט, פאַר וואָס האָסטו געשמייכלט און געשוויגן; אז ווייסן זאָל יתרו ווען יידישן געצעלט, פאַר וואָס דיין „איך“ נישט אויסגעשריגן?!

צי אפשר מיינסטו מיך אָפּצונאַרן, ווען דו האָסט איר נאָמען געביטן; געוואָלט איר א זכות געפינען, אז זי האָט איר זון באַשניטן?!

און פון „פאַני“ געמאַכט „פייגעלע“, און דערנאָך אויף עברית „צפורה“; און זי אין דיין חומש אריינגעשריבן, פאַרוואַנדלען אין א נאָמען פון דער תורה?!“

„גאָט, מיין האר“, האָט ר׳ משה געבעטן: „אמת, עס איז דאָך פריער געווען; האָט ער געפּרואווט זיין חטא פאַרגלעטן, „פיל פריער פון מתן-תורה איז עס געשען“...

„כא-כא, קאָסט מיך א לאַך!“ האָט זיך גאָט צעלאַכט מיט טרערן; „סע וואָלט שוין כלעבן צייט געווען, אז אויך דו זאָלסט עס געוואויר ווערן...

אז די אַלטע צייטרעכענונג פון מתן-תורה, פון „פאר“ און „נאָך“ פון די אורצייטן; פאר דיר שוין היינט נישט מער גילטיק, דאָס איז שוין אָנגענו-מען צום פאַרבייטן.

פאַראַן שוין א נייע צייטרעכענונג, זי הייבט זיך אָן מיט נייע דאַטעס; וואָס זענען גילטיק פאר די צאַברעס און אויך פאר זייערע גלותדיקע טאַטעס...

אפילו גרשום, דיין זון, יתרום אייניקל, ווייסט עס אליין שוין פון לאַנג; הגם נישט געזען די מוטער ליכט-בענטשן, אז דאָס איז פון דער געשיכטע דער גאַנג...

צו פאַרזיכערן זיך דעם מאָרגן-המשך, דאָס איז פון דער שעה דאָס גע-באָט; איז היינט נישט ווינציקער הייליק, ווי פון די עשרת-הדברות פון גאָט“...

...און ר׳ משה-מלמד האָט אָנגעהויבן קלערן, אז ער איז שוין זאַט פון צרות און יאָרן; וואָס זשע קאָן פון אונדז שוין ווערן, אז מע האָט חלילה דעם המשך שוין פאַרלאָרן?!...

געשעט באמת אָן אונדזער רצון אַלץ, הגם דאָס לעבן א גרויסער נסיון; אויך ווען מיטן בעל-כרחו מע לעבט, בלייבט דער עתיד בלויז א חזיון?!...

בטחון-נצחון

(עפּילאָג)

...און אין דער טיפער בלויער ווייטקייט, ווי אן אויסגייענדיק ליכטל צאנקט אָן כוח; אויף כוואליעס א פּינטעלע זיך וויגט, ווי א געדאנק אין א פאר-צווייפלטן מוח...

און דאָס קליינע פּינטעלע אויפן ים, איז פון רגע צו רגע און מינוט גע-שטיגן; שוין נישט קיין „שטרומא"*) נאָר עקסאָדוס-שיף, סע האָט אין גלותדיקע כוואליעס זיך געוויגן.

א שיף, באלאָדן מיט וואָגלענדיקע נשמות, אויפן וועג צון אן אויס-געחלומטן קאנט; מיט פון דורות צוזאָגנדיקע נחמות, געשוואומען פאָרויס צון אן אייגן לאנד...

...דער חלום איז מטושטש און גאָרנישט קלאָר, עס איז בכלל נישט מער קיין שיף אין ים; עס איז שוין קיין חלום, נאָר אויף דער וואָר, עס איז אין דער לופטן אן אוויאָן מסתם...

א לופט-שיף איבער וואָלקנס זיך געוויגט, מיט צעשפּרייטע פליגל שטאָלץ געשטריטן; באוויזן אז יידיש לעבן האָט געזיגט, בלויז איין דור און דער מצב שוין זיך געביטן...

---

*) „שטרומא", א מעפּילים-שיף מיט יידישע פּליטים, ארויסגעשוואומען פון רומענישן האוון, קאָנסטאנצא, אונטער א פּאנאמער פאָן, אויפן וועג קיין ישראל. נאָכן נע-ונדעווען אויפן וואסער, ווייל קיינער אויף דער וועלט האָט זיי נישט געגעבן קיין הילף, איז די שיף דערטרונקען געוואָרן אין שווארצן ים, ז' אדר תשב, בלויז איין נפש איז אָפּגעראטעוועט געוואָרן פון כמעט אכט הונדערט.

און אין דערנענטערן זיך ווי א פינטעלע, אינעם שנעלן פלי, אין גע־רויש פון מאָטאָרן; איז דאָס פינטעלע געוואָרן א פייגעלע, און פונעם פייגעלע איז א זשעט־שיף געוואָרן.

א לופט־שיף וואָס פליט האָפערדיק קיין צפון, מיט פון „ענטעבע"*) געראַטעוועטע נשמות; דער שומר־ישראל האָט שוין נישט פאַרשלאָפן, מער נישט הפקר די עקסאָדוס־קרבנות...

און אין דער העלער בלויער הימל־טיפעניש, אין דער הייך פון אלטן יידישן בטחון; האָט זיך אנטפּלעקט גבורה פונעם שארית, פון פירטויזנט יאָר געצייטיקטן נצחון...

...ר' משה, דער תלמוד־תורה מלמד, געבליבן מיט זיין חזיון אין דער שוים; דערוואכט פון זיין קאָשמארישן חלום, איז זיין זון אויף דער וואָר ארוים...

...ווער זאָגן עס היינט קאָן אים, ווער? איז עס בלויז א חלום, נישט מער? ווי אויף אלע חלומות, אויך איצטער, דעם באשייד אליין געפינען מוז ער.

אליין מוז ער זיין גורל אנטשיידן, אויב פון חלומות זאָל זיין געטרייסט; אליין ער מוז זיך תשובה געבן: קאָן ער נאָך האָפן — ווער ווייסט?!

...דער נעכטן, היינט און אויך מאָרגן, אלע דריי וועלן גלייך דעם המשך שפינען; דער זיידע, פאָטער און דאָס אייניקל, מיטן זעלביקן גורל אלע דריי פארבינען...

---

*) „ענטעבע", אינטערנאַציאָנאַלער לופט־האַוון פון אוגאַנדע, וואו עס איז געהאַלטן געוואָרן אן אמעריקאַנער אַוויאָן מיט יידישע ערובניקעס, גע־פאַנגענע פון פּאַלעסטינער טעראָריסטן, אין ניינצן זעקס און זיבעציק; זיי האָט מציל געווען א מוטיקע צהל־קאָמאַנדאָ, וואָס איז געקומען צו פליען טויזנטער קילאָמעטער מיט זשעט־עראָפּלאַנען און זיי געפירט קיין ישראל.

צוואה־עפּילאָג

זאָל קיינער מיין סוף נישט לויערן, פון מיין ירושה וועט גאָרנישט ווערן; בין מוחל ס׳אבלותדיקע טרויערן, איך גלייב נישט אין קראָקאָדילישע טרערן.

וועט זיין ווינציקער מיט איינעם, וואָס טינטלט א מעשה צי א ליד; סע וועט גאָרנישט פעלן קיינעם, בפרט אז כ׳בין נישט מער ווי א שרייבער, א ייד.

בין אומגעקומען מיט די עלטערן צוזאמען, ווען אין קרעמאטאָריעם מ׳האָט פארגאזט זיי; מיטאמאָל מיטן טאטן און מיט דער מאמען, מיין נשמה אויסגעהויכט מיט זייער וויי.

פון מיינע קינדער בין א יתום געבליבן, ווען מע האָט זיי געפירט צו דער עקדה; זענען מיינע שורות מיט בלוט געשריבן, נישטאָ קיין טרייסט צו מיין אבדה.

אין קאלטן אייז און גליענדיקן פייער האָט מען מיין נשמה געפייניקט; מיט פראָצענט באצאָלט האָב איך טייער, ווען מ׳האָט אין טהרה מיך געריי־ניקט.

מיינע וואָרצלען מ׳האָט אונטערגעשניטן, האָב איך די גלייכוואָג פאר־לוירן; נאָך מער ווייטיק איך האָב געליטן, ווען די צווייגן מ׳האָט מיר ארומ־געשוירן.

אזוי בין איך שוין פיל מאָל געשטאָרבן, איך האָב זיך דערצו שוין צו־געוווינט; קיין עולם־הזה האָב נישט דערוואָרבן, בין מיט אומשטארבלעכקייט נישט געקריינט.

בין ווידער תחית־המתים אויפגעשטאנען, און געבליבן א לעבעדיקער אויף להכעיס; פון פרייד איך קאָן זיך נישט דערמאנען, און די זכיה נישט גע־האט צו קיין נחת.

אויב נישט דערלעבן כ'וועל ביאת-המשיח, אָדער „ארויף גיין“ ווי אמאָל; אין אש נישט פארוואנדלען זאָל מען מיך, ליבער ברענגען צו קבר-ישראל.

קיין מחילה איך בעט נישט ביי קיינעם, ווייל אקעגן אונדז געזינדיקט האָט אויך גאָט; איך ווידער בין מוחל יעדן איינעם, ביפרט פאר נישט עובר זיין אויף קיין שום געבאָט.

זאָל מען זשע מיין טויט נישט באקלאָגן, אבלדיק זאָל מען מיך נישט באוויינען; זאָל קיינער נאָך מיר קיין הספד זאָגן, ליבער פון מיינע „מעשיות“ לייענען.

אינהאלט

מודעה 5

זוניקער הארבסט

אָנשטאָט א מאָטאָ 8
ווידמונג 9
אָפּפאַל 11
נערוון-סטרונעס 43
באוואוסטזיניק משוגעת 53
פערזאָנען-קולט 58
יידישע שמחות 62
אמאָל איז געווען 64
אן הקפה מיט טרערן 71
„מאָרגן" איז אוים 76
א „וואכנאכט" 80
הארבסט מיט זון 85
יעדער מיט זיין „זעקל" 97
מאמע (א בריוו) 100
טאטע (א בריוו) 105
הענט 109
מיט „הענעטשקעס" 113
פייער ברענט 118
אומשטארבלעכקייט 121

א פאראנטעז

אָנפעדעמען 127
קידוש-השם 129
עלנט, אומגעמישפּט 132
וואו איז מיין שאָטן? 140
א גוטן זכרון 149
„פּאטריאָטיזם“ 156
נישט מיר... 160
ווי בוימל אויפן וואסער 169
ווער איז א ייד? 174
„מיינע אוניווערסיטעטן“ 181
דערדובלירט 184
אין שפּיגל בין איך 188
א „ליטעראטור-פּרייז“ 190
מע מישפּט שוין מיט רחמים 195
א פּאראנטעז 200
צייטן בייטן זיך 205
חרטה 210
געמיינט ערלעך 215

המשך

מיין יחוס-ירושה (פּראָלאָג) 222
א חזיון-נסיון 224
בטחון-נצחון (עפּילאָג) 239
צוואה-עפּילאָג 241

פונעם זעלביקן מחבר

זענען דערשינען

ביי דער טיר (דערציילונגען), טשערנאָוויץ 1937.
מיין היים (דערציילונגען), סיגעט 1940.
פרילינג אָן זון (ראָמאַן), אראד 1947.
משה (א מעשה ווי אין חומש), אראד 1948.

מאראמאָרעשאנער (דערציילונגען), בוקארעשט 1975.
לעבעדיקע מתים (ראָמאַן), בוקארעשט 1976.
יידיש-פרעסע אין רומעניע (מאָנאָגראפיע) בוקארעשט, 1977.
קרעלן פון טוי (דערציילונגען), בוקארעשט, 1978.

גרייט צום דרוק:

שיר המעלות טרעפּנגעזאנג, (ראָמאַן).
אויף ווערבעס הענגען אונדזערע הארפעס (פּערזן).

לעקטאָר: ה. גאָלדענשטיין
טעכנישער רעדאקטאָר: שט. לעפאָיעוו

דרוק-פעיס: 1980.2.8
דערשינען אין 1980.
פאָרמאט 16/84×54.
פארלאגס-בויגן 10,85 דרוק-בויגן 15,5

פאָליגראפישע אונטערנעמונג
„דער 13טער דעצעמבער 1918“, בוקארעשט
סאָציאליסטישע רעפובליק רומעניע.

VOLF TAMBURU

TOAMNA CU SOARE

(Povestiri în limba idiș)

EDITURA KRITERION
BUCUREȘTI
1980